STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07497

# DOS KREYTSN FUN DI HENT

Roshelle Weprinsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-07497-7

D:\YIDDISH\TITLES\9780657074975T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ראשעל וועפּרינסקי

★

# דאָס קרייצן פון די הענט

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון **אידאַ קוירשן**
אין אָנדענק פון איר מאַן **דוד קוירשן** ז״ל

ראשעל וועפּרינסקי

# דאָס קרייצן פון די הענט

(אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן)

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ישראל

תל־אביב תשל״ב — 1971

ROCHELLE WEPRINSKI

DOS KRAYTZN FUN DI HENT

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

ראַשעל וועפּרינסקי / דאָס קרייצן זיך פון די הענט

פאַרלאַג י. ל. פרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©

נדפס בישראל תשל״ב
Printed in Israel 1971

נדפס בקואופרטיב עובדי הדפוס הכללי בע״מ, תל־אביב

ניט פון פינסטערע פאַרלאַנגען
דײַנע, מײַנע הערצן,
קרײַצן זיך אַ בלינדע שלאַנגען.
אונטער שלאָפן די פאַרלאַנגען:
וו, דאָס קרײַצן זיך פון הערצן!

ניט וואָלף טײַבינג, די וואָלף וויבינג
קרײַצן מיר די הערצן —
אָבער האָפערדיק ווען גלײבינג,
שמייכל ווילן: וואָלף וויבינג,
לעבט דאָס קרײַצן זיך וויבין
פון הערצן...

# קאַפּיטל 1

זיי זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון וויליאַמסבורג־בריק. מרים ביי זיין זייט, מיטן היטעלע אויפן קאָפּ, האָט אים דערגרייכט קוים אַריבער זיין אַקסל. זייער ביידנס טריט האָבן זיך געוויגט אין דעם זעלביקן ריטעם. ניעזשינער האָט אויפגעשטעלט אַ האַנט אין דער לופט ווי אַ פרעגצייכן:

— נישט צו פאַרשטיין, — האָט ער זיך געחידושט, ווי אַזוי זיי האָבן גאַנצע צוויי יאָר געקענט אויסמיידן איינער דעם אַנדערן וווינענדיק אין נאָענטער שכנהשאַפט דאָ, אין דעם וויליאַמסבורג — נישט צו פאַרשטיין...

מרים האָט אויפגעהויבן איר פּנים צו אים. זיינע אויגן זענען איר אַנטקעגן געקומען ווייך, גרוי, וואַרעם. ווי אויסטערליש, ווי אומגעריכט זיין גיין מיט איר איצט, זיין האַלטן איר אָרעם, איז זי אָבער קיין קאָפּ נישט איבערראַשט, עפּעס ווי אָט דער יום־טובדיקער פאַרנאַכט, זייער גיין אין איינעם, וואָלט פון לאַנג אין פאָרויס שוין געווען באַשטימט.

זיי זענען אַריין אין דער געדיכטעניש פון קלינטאָן־סטריט. די הויכע טענעמענטס־מויערן האָבן זיך דאָ געהויבן פון ביידע זייטן גאַס און פאַרשטעלט דעם הימל; אין מיטן זענען געלאָפן פערד געשפּאַנט אין וועגעלעך, אין לאַסט־וועגענער, און געוואָרפן דאָס אָפּפאַל הינטער זיך. אַן אויטאָמאָביל האָט געטרובעט, קינדער האָבן געטומלט. ס'איז נאָך געווען ליכטיק אָבער די גאַס־לאַמטערנעס האָבן זיך אָנגעצונדן, שויפענצטער האָבן זיך אינעווייניק באַלויכטן און עס האָבן אַרויסגעוווּנקען ווייבערשע אונטערוועש, קאָרסעטן, מאָדישע דאַמען־היטעלעך, חתן־כלה קליידער, נייע און אַלטע, צו לייען אויף פּראָקאַט...

אויף די „סטופּס" זענען געזעסן ווייבער אין שייטלען, אין פּאַטשיילעס, ווי אָקאָרשט אַראָפּ פון דער שיף. זיי האָבן אויף אַלץ געגאַפט פאַרטראָגן ווי אין חלום.

מרים האָט אינעם געדרענג געשטעלט דריבנע טריטלעך. לויט איר אויסזען און אָנטועכץ האָט זי געקאָנט זיין אײנע, וואָס איז אַהער אַראָפּ־געקומען פון „אַפּטאַון" אָנקוקן די „סלאָמס"...״

ניעזשינער האָט זיך צו איר צוגעבויגן:

— ווי געפעלט אייך דאָ אונדזער רומל, אונדזער יידישער געדרענג, האַ? ס׳איז ממש צו שטוינען ווי קינדער וואַקסן דאָ אויס! זיי האָבן נאָך רויטע בעקעלעך אויך, — נסים! — האָט ניעזשינער אַ זאָג געטאָן מיט אַן אויפגעלויכטן פּנים.

— נסים? אפשר... אפשר בין איך אויך אַ נס... כ׳בין דאָ כמעט ווי אויסגעוואַקסן, דאָ נישט ווייט, אויף דער עוועניו בי... — האָט מרים געשמייכלט.

— אַזוי גאָר?...

— אַראָפּגעקומען אַהער גלייך פון דער שיף: די יינגסטע פון פיר קינדער ביי מיין מאַמע דער אלמנה... ווי אָפט פלעג איך דאָ שפּאַצירן און מיט קנאה פאַרקוקן זיך אין די שוי־פענצטער, אַ נישט־דערוואַקסן מיידעלע...

— אַזוי, אויף דער עווענו בי!...

— יאָ, אויף דער עווענו בי, וואָס איר האָט באַזונגען אין אייער פּאָעמע —

— כ׳מיין... איינע פון מיינע כמעט ערשטע זאַכן...

מרים האָט אים אָנגעקוקט פאַרשנדיק. עפּעס איז געווען אין זיין טאָן אַזוינס, ווי ער וואָלט זיך מודה געווען, אַז ער האָט די פּאָעמע שוין פון לאַנג אַריבערגעוואַקסן. מרים איז נישט געווען זיכער צי ער מיינט עס טאַקע, וואָרעם איר איז די פּאָעמע שטאַרק געפעלן, זי קען זי כמעט אויף אויסנווייניק. זי קען אַלע זיינע קלענערע לידער, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אין צייטשריפטן און זשורנאַלן, אויף אויסנווייניק, און אַזוי טאַקע האָט זי אַדאָ היינט פאַרגעשטעלט פאַר אים:

— באַקענט זיך מיט אייערס אַ לייענערין מרים אידלבערג, זי קאָן אַלע אייערע לידער אויף אויסנווייניק! — און אַדאָ האָט געלאַכט מיט די קליינע בלויע אויגן און געקוואָלן מיט איר פולן בוזעם, וואָרעם זי איז

דאַך געווען די יעניקע, וואָס האָט צו מרימען אין שטוב אַריינגעבראַכט אַלע צייטשריפטן און זשורנאַלן פון די יונגע יידישע פּאָעטן. (אַדאָ איז געווען די ליטעראַרישע דאַמע פון דער יידישער גאַס).

מרים האָט זיך פאַרשעמט ווי אַ קינד וועמענס חכמות מע דערציילט איבער פאַר אַ פרעמדן.

ניעזשינער האָט אַריינגעקוקט מרימען אין פּנים:

— כ׳האָב אַ חשד, אַז איר שרייבט לידער... — מרים האָט געלאַכט און ער האָט צוגעגעבן:

— איר לאַכט שיין!

און ער איז נישט אָפּגעטראָטן פון איר. איצט באַגלייט ער זי אַהיים און אַדאָ, וואָס האָט זי מיטגענומען צו דער ליטעראַרישער פאַרלעזונג מיט עטלעכע שעה צוריק, איז פאַרבליבן אויף איסט-בראָדוויי, איר צוגע־וואָרפן אַ לופט-קוש און איז מיט ניעזשינערס קאָלעגע יעקב שאָר אַריין אין קאַפע.

זיי זענען צוגעקומען צו דער בריק, די ווייסע שטיינערנע טרעפּ האָבן זיך אַרויפגעשפּרייט אין דער הייך, צו דער פּראָמענאַדע, ווי זיי וואָלטן פאַרבעטן שפּאַצירער. אונטן זענען אויף שנירלעך רעלסן געלאָפן טראַמ־ווייען איינס נאָכן אַנדערן קיין ברוקלין און צוריק.

— קומט, לאָמיר אַריבערשפּאַצירן די בריק! ס׳איז נישט קיין לאַנ־גער שפּאַציר. איר האָט אַוודאי שוין נישט איין מאָל אַריבערשפּאַצירט די בריק, וויבאַלד איר וווינט אין וויליאַמסבורג — —

— כ׳מוז מיך מודה זיין — האָט מרים געשמייכלט שולדיקלעך — כ׳האָב נאָך קיין מאָל נישט אַריבערשפּאַצירט די בריק — אין שיינע טעג שפּאַציר איך דאָ אָפּט מיט מיין טעכטערל אַ שטיק וועג — זי האָט ליב צו קוקן אויפן וואַסער, אויף די באַרזשעס און שיפן...

— אַזוי!... איר האָט שוין אַ קינד! — און ניעזשינער האָט ביים לאַמטערן-ליכט געפּרוווט אַ לייען טאָן איר פּנים... ס׳פּנים אירס האָט אים אויסגעוויזן קינדעריש-יונג, די הויט גלאַטיק, און ווינציק-וואָס איז נאָך דערויף געווען אָנגעשריבן. אים האָט זיך געוואָלט מיט די פינגער אַ פיר

טאָן איבער דער גלאַטקייט פון איר הויט, אָנרירן די וויעס־בערשטלעך דאָרט ווו ס׳באַהאַלט זיך דאָס פינצטערע שאַטנדל אירס.

— קומט. — האָט ער געזאָגט, ווי ער וואָלט פאַר איר באַשטימט דעם שפּאַציר — איך וויל איך ווייזן די שטאָט ניו־יאָרק פאַרנאַכט, ווען זי ברענט...

ער האָט אָנגענומען איר אָרעם און זיי זענען געגאַנגען אַרויף איבער די שטיינערנע טרעפּ, כאָטש באַדאַרפט וואָלט זי זיך איילן אַהיים צו דינהלען צו דערציילן איר, ווי יעדן אָוונט, דאָס מעשהלע פאַרן שלאָפן גיין. דאָס קינד דאָרט, וואַרט דאָך אויף איר — —

מיט אַ מאָל האָט מרים זיך דערזען אין דער הייך, אויף דער אָפענער בריק — צום ערשטן מאָל אין אָוונט. די בריק איז פּוסט געווען... אַ קיל ווינטל האָט איר אַ ווייע געטאָן אין פּנים. ס׳האָט אַ שמעק געטאָן מיט דער דער טוכלער פייכטקייט פונעם ריווער, וואָס איז געלעגן דאָ איינגעצאַמט אין די שטיינערנע ברעגעס, אַ באַרזשע האָט זיך געשלעפּט איבערן שטילן וואַסער פּאַוואָליע ווי אַ טשערעפּאַכע. פון דער ווייטנס האָט מען געקענט זען די אַלטע ברוקלין־בריק הענגען ווי אַ שפּין־געוועב; די פענצטער פון די הימל־קראַצערס האָבן זיך צעבליאַסקעט מיט מיליאָנען פייערלעך און געוואָרפן פון זיך אַ קאַלט ליכט.

זיי זענען געבליבן שטיין און וואָרט צווישן זיך נישט גערעדט. פּלוצים האָט ניעזשינער אַ וויז געטאָן מיטן פינגער צו דער שטאָט:

— נו, וואָס זאָגט איר, געפעלט עס איך, האַ? — —

מרים האָט נישט געוווסט וואָס אים צו ענטפערן. זי האָט שוין נישט איין מאָל געזען דאָס דאָזיקע בילד דורכן טראַמוויי־פענצטערל, בעתן פאָרן אין אָוונט איבער דער בריק, און יעדעס מאָל האָבן אָט די שטאָטישע נאַכט־פייערלעך אַ ווייע געטאָן אויף איר מיט קאַלטער פרעמדקייט..

— יאָ ס׳איז זייער שיין. אָבער אומהיימלעך, פרעמד... ניט אַזוי?

— אמת, — האָט ניעזשינער זיך אָנגעכאַפּט. — און אפשר דערפאַר קומט ער דאָ אַהער אַזוי אָפט, כדי יעדעס מאָל אויף סניי דערפילן די פרעמדע גרויסקייט, אָדער די גרויסע פרעמדקייט פון דער שטאָט...

ניעזשינער האָט זי ווידער אָנגענומען ביים אָרעם און זיי זענען געגאַנגען אין שטילשווייגן און מרים האָט געטראַכט: ווי מאָדנע, נאָר אָט דער מענטש, וועמען זי האָט ערשט היינט באַגעגנט און מיט אים אויסגערעדט די ערשטע ווערטער, קומט איר פאָר אי אייגן, אי פרעמד, ווי אַ ווייטער, אָפּגעזוכטער קרוב...

פלוצים האָט זיך ניעזשינער אָפּגעשטעלט און פאַררויכערט. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן פאַרענטש פון דער בריק און אַ פרעג געטאָן:

— איר זייט אפשר מיד? אָט דאָרט שטייט אַ ליידיקע באַנק. מ׳קען זיך אַ ווײַלע צוזעצן —

— ניין, אַ דאַנק. זי האָט פיינט אַ באַנק. זי איז קיין קאָפּ נישט מיד. נאָר די הויכע קנאָפּל דריקן אַ ביסל... זי האָט זיך נישט געריכט אויף דעם שפּאַציר און דערפאַר אָנגעטאָן אָט־די שיך...

מרים האָט זיך אויך אָנגעשפּאַרט אָן דעם פאַרענטש. זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אויף איין פוס און געלאָזן דעם אַנדערן רוען אין דער לופטן. זי האָט געדרייט מיט איר דינעם, באַשוכטן קנעכל ווי אַ באַלעט־טענצערין בעתן איבן זיך.

ניעזשינער האָט נאָך פון פריער באַמערקט אירע לימענע־געלע, פאַר־שנירלטע הויכע שיך, וואָס קנייטשן זיך ווייך ביי די קנעכל — ער האָט שוין אַזאַ טבע צוקוקן זיך צו אַ שיך־אויסגעאַרבעט ווייבעריש שיכל אויף אַ שיין פיסל, און גאָר באַזונדער, באַטראַכט ער דאָס שטעפּעלע, צי ס׳איז אידל געמאַכט...

ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר טראָגט הירשענע שיך, און איר טראָגט זיי שיין!

מרים האָט זיך פריידיק צעלאַכט. זי האָט זיך בליץ־שנעל דערמאָנט, אַז ביי אירע פופצן יאָר האָט איר אַ יינגל געזאָגט, אַז זי טראָגט שיין אירע שיך... אָבער „הירשענע שיך״! דאָס קאָן זאָגן נאָר אַ פּאָעט!...

זי האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם:

— קומט. עס דריקן מיך מער נישט די קנאָפּל. כ׳האָב שוין באמת פון לאַנג באַדאַרפט זיין אין דער היים. מיין טעכטערל וואַרט דאָרט אוודאי אויפן מעשהלע, וואָס איז פאַרבליבן פון נעכטן נישט פאַרענדיקט — —

ניעזשינער איז אַ שטילער געגאַנגען ביי איר זייט מיט פאַרקלענערטן טראָט צוגעמאָסטן צו אירן. איר העל־גאָל שיכל האָט אַלע ווײַלע אַ בלענד־געטאָן ביי זיין טונקעלן, מאַנצבילשן שוד ווי ס׳וואָלט אים עפּעס אַריינ־געסודעט...

— איר זעט נאָך אויס ווי אַ קינד און איר האָט שוין אַ קינד — האָט ניעזשינער איבערגעריסן דאָס שווייגן — ווען האָט איר דאָס אַלץ באַוויזן אויפצוטאָן?

— איך? —האָט מרים איבערגעפרעגט צעצויגן — וואָס פאַר אַ קונץ האָב איך דאָ באַוויזן? יעדע פרוי קען האָבן אַ קינד צו זיבעצן־אַכצן יאָר און נאָך פריער. כ׳ווייס גאַרנישט צי ס׳איז גוט פאַר אַ קינד צו האָבן אַ מאַמע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מיידלשע יאָרן, זי זוכט זיי שטענדיק אַרום און וויל אַלץ זיין אַ מיידל...

מרים איז שטיל געבליבן. זי האָט דערפילט, אַז זי האָט געזאָגט צופיל... זי רעדט געוויינלעך נישט וועגן זיך אַפילו מיט מענטשן וועמען זי קען גוט. און דאָ האָט זי זיך כמעט ווי פאַרטרויט פאַר אַ פרעמדן... און אָט גייט זי מיט דעם פרעמדן אָרעם אין אָרעם איבער דער בריק ווי איבער אַן אויסגעשפּרייטן טעפּיך, און אין דער היים וואַרט אויף איר דאָס קינד — —

ניעזשינער האָט דערפילט איר באַהאַלטענעם טרויער. ער האָט סיי־ווי, פון ערשטן בליק אויף איר, געוווסט, אַז ערגעץ ווו איז זי נישט גליק־לעך. ער דערבליקט די זאַכן און דערפילט זיי מיט די חושים. אַ נישט־גליק־לעכע פרוי האָט פאַר אים אַ גאַר באַזונדערן צויבער... אין מרימען אָבער פילט ער נישט אַזוי די פרוי, וואָס איז נישט גליקלעך, נישט באַפרידיקט. נאָר דאָ איז אַן אומרויִק, יונג מיידל, וואָס איר אומרו האָט נישט קיין נאָמען און איר בענקשאַפט האָט נישט קיין אַדרעס... און אין אים אַליין האָט אַ זינג געטאָן אַ מין עלעגיש געזאַנג, אַן אָפּקלאַנג פון עפּעס, וואָס ער האָט אויף אַלע מאָל פאַרשפּעטיקט... עס האָט זיך אים, אויף דעם מאָ־מענט, געדאַכט, אַז ביי זיינע דריי און דרייסיק יאָר, איז ער שוין טיף אין האַרבסט, אַז זיין יוגנט איז אַוועק אין ניוועץ אויף פאַרבלאָנדזשעטע וועגן... דורך זיין מוח האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ שורה ווי אַ ליכט־סיגנאַל

און איז ערגעץ נעלם געוואָרן אין דער נאַכט. ער האָט אַ דראָזשע געטאָן און מיט ביידע הענט זיך אַ וואָרעם געטאָן אין מרימס האַנט. ער האָט ווידער אַריינגעבליקט אין איר פּנים ביים שיין פון דער לבנה — — —

— גאָט מיינער! איר זייט נאָך אַליין אַזוי קינדיש און איר דאַרפט שוין טראָגן אויף זיך דעם שווערן עול פון אַ מאַמע — —

מרים האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיינער. ער האָט אָנגערירט אין איר עפּעס מיט וואָס זי אַליין מאַטערט זיך: פאַר דינהלען וואָלט זי זיך מקריב געווען. זי ציטערט און פלאַטערט איבערן קינד, אָבער מער קיין קינדער וועט זי באַשטימט נישט האָבן, כאָטש דוד וויל האָבן נאָך קינדער... זי, אָבער, וויל שטודירן, רייזן, שרייבן — פריער באַקענען זיך מיט דער וועלט וואָס זי קען זי נאָך נישט. צי וואָלט זי געוואָלט די אַלע זאַכן ווען נישט דוד, נאָר אַן אַנדערער וואָלט געווען איר מאַן? זי ווייס עס נישט... זי האָט פלוצים זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו אים.

י — אויך איר זענט געוואָרן אַ טאַטע יונגערהייט... כ׳ווייס עס דורך אַדאַן. איר הויקערט זיך אונטערן עול פון טאַטעשאַפט, דאָס לייען איך אַרויס פון אייערע לידער... קאָן מען פרעגן: ווי נעמט מען אויף זיך אַ פינף־פאַכיקן עול פון טאַטעשאַפט און דערנאָך?...

מרים האָט זיך געוווּנדערט וואָס זי האָט די דרייסטקייט אים צו שטעלן אָט־די פראַגעס. וויפל מאָל האָט זי ביי זיך אין געדאַנק אים געשטעלט די אייגענע פראַגן איידער זי האָט אים נאָך באַגעגנט. איצט זענען די פראַגעס אַליין אַראָפּגעשפּרונגען פון אירע ליפּן. זי וואָלט אים נאָך געוואָלט פרעגן: פאַר וואָס איז אַזוי גיך געוואָרן אויס ליבע מיט יענער פרוי, וואָס האָט מיטגעבראַכט די שיידונג מיט זיין ווייב און קינדער? נו, פאַרשטייט זיך, זי וועט אים דאָס נישט פרעגן. כאָטש זי וואָלט שטאַרק געוואָלט וויסן דעם ענטפער. מאָדנע ווי זיין פערזענלעך לעבן רירט זי אָן און טוט איר וויי. באַלד ווי אַדאַ האָט איר דערציילט, אַז איר באַליבטער פּאָעט, ווען זי האָט קיין מאָל נישט געזען, האָט פאַרלאָזט ס׳ווייב מיט די קינדער צוליב אַן אַנדערער פרוי, — האָט זי זיך געפילט פערזענלעך אָנגערירט, און אַפילו איפּערזוכט האָט זי דערפילט און זי האָט נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס און זי פאַרשטייט עס נאָך איצט אויך נישט...

ניעזשינער האָט האַלב געעפנט דאָס מויל, פאַרגאַפט געקוקט איר אין די אויגן. באַלד האָט ער אַ האַלבן שמייכל געטאָן און זיך געזאָגט, אַז ער אַליין האָט אַנגעשלאָגן דעם טאָן פון אינטימקייט צווישן זיי, באַדאַרף ער נישט אַזוי פאַרגאַפט זיין פון אירע פראַגעס. ער האָט שטיל געזאָגט:

— אויף אייערע קשיות וועט איר איצט קיין פולן ענטפער נישט קריגן. אפשר אַן אַנדערש מאָל... ס'זעט אָבער אויס, אַז איר ווייסט וועגן מיין פערזענלעך לעבן אַ סך מער ווי כ'האָב מיר פאָרגעשטעלט...

— אַ, כ'ווייס זייער ווינציק, נאָר אויף וויפל אַדאַ רעדט זיך אַרויס... אַ וואָרט דאָ און דאָרט, און פון אַנדערע, וועמען דאָס לעבן פון דיכטער און קינסטלער רייצט און וועקט זייער נייגעריקייט...

ניעזשינער האָט ביטער אַ שמייכל געטאָן:

— קינסטלער!... דיכטער!... — ער האָט זיך געשפּילט מיט די ווער־טער און אַ לאַך געטאָן הויך — דער אמת איז: איך בין אַ פּראָסטער באַלמעלאָכע... איך זיץ אין שאָפּ ביי דער מאַשין און שטעפּ קאָמאָשן פאַר פּרויען־שיכלעך, אָט אַזוינע ווי אייערע — גוט געמאַכטע שיכלעך ביי איך! — דאָרט, ביים שטעפּעלע, ביים אַרומזוימען דאָס שיכל, בין איך אפשר אַ מייסטער, איינער אין פאַך! לידער? נו... אַזאַ איינער ווי איך, מיט מיין טאַלאַנט — באַדאַרף אַוועקוואַרפן דאָס מייסטערן שיך און זיך אין גאַנצן אָפּגעבן מיט מייסטערן לידער: יאָ! יאָ! אַנדערע קאָלעגן מיינע הונגערן און זיצן נישט ביי דער מאַשין און נישט אין שאָפּ. איך בין זיי מקנא. אָבער איך קאָן דאָס נישט טאָן. איך האָב קינדער, פינף קינדער. און — דאָס איינציקע גוטע וואָס איך קאָן פאַר זיי טאָן — איז שטעפּן שיך... איר פאַרשטייט? כ'האָב דעם עול פון זיך נישט אַראָפּגעוואָרפן...

מרים האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגן. אוודאי האָט זי פאַרשטאַנען, אַז מ'קאָן דעם עול פון קינדער נישט אַראָפּוואַרפן. קיין מאָל נישט. מיט אַ מאָל האָט איר עפּעס באַנג געטאָן, באַנג געטאָן פאַר אים און אויך פאַר זיך... זי האָט אויף אים אַ קוק געטאָן ביים שיין פון אַ לאָמ־טערן: איצט האָט ער אויסגעזען מיד ווי איר ברודער משה ווען ער קומט אַהיים פון שאָפּ. עפּעס אַזוינס ווי אַ משפּחה־ענלעכקייט האָט זי געזען צווישן אים און איר ברודער משה — ביידע זענען זיי הויכע און שיינע.

זיי זענען געגאַנגען טריט ביי טריט און געשוויגן, גלייך ווי אינעם גיין אַליין איז דאָ עפּעס אַ תּכלית, אַ ציל. מרים האָט פאַרגעסן וועגן זיך, פאַרגעסן אַז עס דריקן איר אין די פּיאַטעס די הויכע קנאַפּל. זי איז געגאַנגען עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט שוין אַריבערגעשפּאַנט אַלע אַנגסטן און זאָרגן, און איצט קאָן זי שוין אַזוי גיין ביזן ווייסן טאָג אַריין. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט דאָס שאַרפע געגרילץ פון טראַמווייען, וואָס שניידן זיך אַריין אין געפלעכט פון די רעלסן ביי דער בריק־פּלאַזאַ; אין די אויגן האָט אַ בלענד געטאָן אַ ליכט־טייך: רעסטאָראַנען, קאַפעטעריעס, קראָמען, האָבן געבליצט באַקרוינט מיט עלעקטרישע שילדן; אויטאָמאָבילן האָבן מיט עלעקטרישע אויגן געזוכט זייער וועג צו דער בריק...

— אַך, — האָט מרים אויסגערופן — ווי גיך די בריק האָט זיך געענדיקט. און זי האָט געמיינט, אַז די בריק איז אַ סך לענגער...

זיי זענען אַדורך דעם טראַפיק־געדרענג ביי דער בריק און זיי האָבן זיך געפונען אויף אַ זייטיק, שטיל געסל, וואָס איז געלאָפן פּאַראַלעל מיטן ריווער.

— איז וווינט איר, הייסט עס, אין אָט דער געגנט? —

— אַרום אַ פינף קוואַרטאַלן פון דאַנען.

— אין די נייע הייזער, אוודאי.

— יאָ. דאָס הויז איז אַלט צוויי יאָר און מיר זענען פון די ערשטע שכנים.

— מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך געאַרבעט דאָ, ביי דער וויליאַמסבורג־בריק. דאָ זענען געשטאַנען אַ צאָל שיך־פאַבריקן. איצט האָט מען זיי אַריבערגעפירט טיפער אין ברוקלין און אויף זייער אָרט שטייען שוין מאָדערנע אַפּאַרטמענט־הייזער. שעהען־לאַנג פלעג איך מיך דאָ אַרומדרייען מיט מיינע חברים, ווען קיין אַרבעט אין שאַפּ איז נישט געווען. שרעקלעך גרוי און איינטאָניק זענען די אומענדלעך־לאַנגע גאַסן פון ברוקלין, אָבער מיר זענען געגאַנגען ווי מיט פאַרבונדענע אויגן און געשמועסט וועגן פּאָעזיע און געבענקט נאָך דער היימישער לאַנדשאַפט, נאָך די שטעט פון וואַנען מ׳איז אַהער געקומען...

— דאָ זענען אויך דאָ שיינע שטעט און שיינע גאַסן. — האָט מרים זיך אָנגענומען דעם כבוד פון אַמעריקע... פון ברוקלין — אַדאַ האָט דאָ געוווינט אין אַ רחבותדיק הויז איבערגעבויט פון אַ פּאַלאַץ; די גאַס — אַ שיינע, אַ ברייטע, טאַקע נישט ווייט פון דאַנען.

—אמת, אמת, עס זשיפּען נאָך דאָ אַלטע גאַסן מיט איבערגעבליבענע שיינע הייזער פון אַ מאָל — אָבער די גרעסטע טייל ברוקלין איז אַלט אָן שיינקייט.

— און איר, אין וועלכן טייל ברוקלין וווינט איר?

— כ'וועל אייך אוודאי אָנטוישן — אין אָרעמען טייל... אין אַ קליין מעבלירט צימערל וואָס האָט צומאָל נישט קיין טישל...

— אַזוי?... און איך האָב אַ שרייבטישל און נוץ עס כמעט נישט. כ'וועל עס אייך אָוועקשענקען.

— נו, אַ דאַנק, אַ דאַנק. — האָט ניעזשינער געשמייכלט. — אין צי־מערל איז אויך נישטאָ קיין פּלאַץ פּאַר אַ טישל... און נאָך עפּעס; איך בין גאָר צו קיין שרייבטיש נישט געוווינט... פלעג ליב האָבן נוצן פּאַר מיין שרייבן דעם קיכטיש, דער עיקרשט שפּעט ביינאַכט, ווען דאָס הויז־געזינד איז געשלאָפן און אין אויוון האָבן נאָך געטליעט די קוילן...

מרים האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די געדאַנקען אין יענער קיך, צו יענעם טיש — ווען די קינדער... דאָס ווייב, זענען געשלאָפן... שורות פון זיינע לידער זענען איר געקומען אויפן זינען... און זענען איר איצט קלאָרער געוואָרן — טרויעריקע, טרויעריקע שורות... און דאָך, קען דאָס זיין, אַז ער בענקט נישט צוריק נאָך יענער שפּעט־נאַכטישער שעה ביים קיכטיש, ווען ער האָט זיך געוואָרעמט מיט לידער און דערביי זענען גע־שלאָפן זיינע נאָענטסטע? זי וואָלט אים געקענט פרעגן: פּאַר וואָס גייט ער נישט צוריק צו זיי איצט, ווען ער איז איינזאַם, ווען די פרוי, וואָס האָט אים דערפירט צו דעם אַלעם איז אויך נישט מער מיט אים?... יאָ, זי וואָלט אים געוואָלט פרעגן, אָבער זי וועט עס נישט טאָן, ס'איז נישט איר עסק...

ניעזשינער האָט פּלוצים אָנגענומען אירעביידע הענט, זיך צוגע־בויגן, זיי אַ קוש געטאָן.

— איר, מרים, זייט זייער אַ ווילע, כ׳ווייס עס. מיר האָבן זיך ערשט היינט באַגעגנט, אָבער מיר קענען זיך שוין יאָרן לאַנג. נישט אַזוי? — —

מרים האָט געשוויגן, נאָר זי איז מיט אים מסכים געווען, אַז זיי קענען זיך שוין פון יאָרן לאַנג, וואָרעם זיין יעדע תנועה, יעדע פּלוצעמדיקע באַוועגונג פון זיין האַנט אין דער לופטן איז איר מאָדנע אייגן און באַקאַנט ווי אַ שריפט, וואָס זי האָט ערגעץ ווו געלייענט, נאָר זי געדענקט נישט ווו און ווען...

— אָט איז אונדזער הויז. — האָט מרים אויסגערופן, און זיי זענען געבליבן שטיין פאַר אַ געמויערט ציכטיק הויז.

ניעזשינער האָט פאַרהאַלטן זיין אויג אויפן הויז־נומער — דריי ציי־פער זיבן... —

— קומט אַרויף! איר וועט זיין אַ גוטער גאַסט. דוד איז שוין אוודאי אַהיים געקומען פון אַפּטייק. — זי האָט נישט געזאָגט „מיין מאַן״, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען — איר וועט זיך באַקענען מיט מיין מאַמען אויך. זי איז היינט ביי מיר. זי וועט אייך געפעלן: זי לייענט נאָר די צאינה וראינה און די תחינות... קיין פּאָעזיע נישט...

— זי געפעלט מיר שוין —

— איז קומט אַרויף!

— אַ דאַנק. כ׳וועל מיט פאַרגעניגן קומען אַן אַנדערש מאָל — —

— איבער אַכט טאָג פרייטיק וועט איר קענען קומען? פרייטיק קומט דוד פרי אַהיים פון אַפּטייק — גוט?

— גוט. איר האָט זיך באַשטעלט אַן אורח.

— אַ פיינער אורח! — און מרים האָט זיך געשווינד אָפּגעזעגנט און איז פאַרשוווּנדן אין קאָרידאָר.

ניעזשינער איז געבליבן שטיין פאַרן מויער און ווידער אַ קוק געטאָן אויף די דריי ציפער זיבן: ניין, ער באַדאַרף עס נישט פאַרשרייבן. ער וועט עס געדענקען. נאָר גלייכער וואָלט אפשר זיין ווען ער קומט נישט... ווען ער באַגעגנט זי נישט מער... ער האָט אַ מאָדנעם פאַרגעפיל, אַז זייער

באַגעגעניש וועט איר קיין גוטס נישט ברענגען... ער האָט קיין מאָל קיין פרוי נישט געבראַכט קיין גליק... ער האָט אין דער מינוט עפּעס ווי רחמנות געקראָגן אויף זיך, אויף איר, אויף דודן — וואָס ער קאָן אים אַפילו נישט...

## קאַפּיטל 2

אין דרויסן פאַלט אַ שפּאָגל־נייער שניי. דער ווינט טרייבט אים פון די גאַסן, הייבט אים אין דער לופטן און דרייט אים אין אַ ווירבל. דוד זעט עס פונעם שמאָלן פענצטער ביי זיך אין אַפּטייק, וווּ ער שטייט אַרומגערינגלט מיט פלעשעלעך רפואות. ער מישט פּראָשקעס און זיינע געדאַנקען דרייען זיך דערביי אויך אין אַ מין געווירבל:

— ער האָט דען טענות צו איר, צו מרימען, למאי זי פאַרברענגט אַזוי אָפט מיט ניעזשינערן? ער האָט נישט צו איר קיין טענות. ער אַליין — פאַר וואָס זאָל ער זיך דאָס פאַרלייקענען — פאַרברענגט אויך נישט שלעכט ווען ניעזשינער קומט אַרויף צו אָן אָונטברויט. אָט דער מענטש האָט עפּעס אַ באַזונדערן טאַלאַנט אַריינצוציען אין שמועס אַפילו דעם גרעסטן שוויגער, און מע באַמערקט גאָר נישט ווי גיך דער אָוונט פאַרשווינדט. ער, דוד, נאָך אַזאַ אָוונט פון שמועסן און אויסהערן אים, פילט ער זיך אויף צומאָרגנס עפּעס געהויבענער, חשובער ביי זיך. ס׳איז אים באמת קיין מאָל פריער נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען אַזאַ אינטערעסאַנטן און שיין־אויסזעענדיקן מענטשן ווי אָט דער ניעזשינער איז. היינט פאַר וואָס זאָל ער האָבן טענות צו מרימען? אוודאי איז עס פאַר איר אַ כבוד וואָס ניעזשינער קומט אַרויף צו זיי אין שטוב. דערצו האָט דער מענטש נישט קיין היים און מרים האָט אים אַפילו אָנגעבאָטן איר שרייבטיש, ער זאָל דאָ אַרבעטן...

ווייסט ער, דוד, אַז בעת ער שטייט דאָ אין אַפּטייק פאַרטאָן אין די פּראָשקעס און כלערליי רעצעפּטן, כאַפּט זיך ניעזשינער אַרויף צו זיי אין שטוב. מרים אַליין דערציילט דערנאָך: — ניעזשינער איז דאָ געווען. ער האָט דאָ עפּעס אָנגעשריבן ביים שרייבטיש און האָט עס פאַר איר פאָרגעלייענט...

נו, טאַקע, פאַר וואָס נישט? מרים איז אַ גוטע צוהערערין, זי לייענט אַ סך אויך. אָט ער — ער געדענקט שוין נישט די צייט ווען ער האָט

אַריינגעקוקט אין אַ ביכל. דאָ אין אַמעריקע פֿאַלט אויפֿן מאַן דער שווערער עול פֿון פּרנסה. פֿרויען, באַזונדערס פֿון מיטלקלאַס, האָבן דאָ אַ סך לידיקע צייט. נישט אומזיסט זענען אין אַמעריקע פֿאַראַן אַ סך פֿרויען־שרייבערינס. מרים רייסט זיך טאַקע ערגעץ דערצו. ער ווייסט, אַז אין שופֿלאַד פֿון איר שרייבטישל האָט זי ליגן אַ סך פֿאַרשריבענע העפֿטלעך... זי האָט עס פֿאַר אים קיין מאָל נישט געלייענט. זי האַלט איר שרייבן בסוד סודות... ס׳קען דאָך אָבער זיין אַז פֿאַר ניעזשינערן האָט זי יאָ געלייענט אירע שרייבעכצער... (ביי דעם געדאַנק דערפֿילט דוד ווי דאָס בלוט הייבט אים אָן קלאַפּן אין די שלייפֿן). צי קען ער זיך דען פֿאַרגלייכן מיט ניעזשינערן ?... אַנומלטן, אין אַן אָונט, ווען ניעזשינער איז ביי זיי געווען צווישן אַנדערע געסט, האָט מרים געזונגען ניעזשינערס אַ ליד. אַלע געסט האָבן מיטגעזונגען, ווייל דאָס ליד, די מעלאָדיע און די ווערטער זענען געווען לייכט און פֿליסנדיק. שפּעטער האָט ניעזשינער אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל: אַ שוואַך ליד... אַלע האָבן אים אָנגעקוקט דערשטוינט און ער האָט זיך פֿאַררעדט וועגן פּאָעזיע און אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, וואָס ער, דוד, האָט דעם אמת געזאָגט, נישט פֿאַרשטאַנען. ער איז נישט זיכער צי מרים האָט אַלץ פֿאַרשטאַנען, כאָטש זי לויפֿט אָפֿט אין ביבליאָטעק און קומט אַהיים מיט פֿולע אָרעמס ביכער וועגן אויסלענדישער און אַמעריקאַנער פּאָעזיע. זי איז עפּעס געוואָרן אויפֿגעלעבטער אויך, מרים, און ער ווייסט דאָך ווויל, אַז זייער אָפֿט לאָזט זי זיך אָפּ אין גאַנצן און זעט אויס ווי דערדריקט פֿון עפּעס און גלייכגילטיק צו דעם אַרום... וואָלט ער דאָך באַדאַרפֿט זיין צופֿרידן, וואָס מרים איז אַזוי אויפֿגעלעבט. אָבער ניין. ער איז גאָר די לעצטע צייט זייער צעטראָגן און אומרויִק...

ס׳איז אמת נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס דאָס טראַכטן וועגן מרימען מאַכט אים אומרויִק. ער דערמאָנט זיך די צייט ווען זיין חבר אברהם, דער סטודענט, פֿלעגט צו זיי אַריינקומען אין די אָונטן. אברהם האָט זיך שטאַרק צוגעבונדן צו זייער שטוב. ס׳איז געווען טאַקע באַלד נאָך זיין אָנקומען אַהער אין לאַנד. ער האָט זיך דאָ גיך אויסגעגרינט (זיין עלטערער ברודער, וואָס האָט געאַרבעט ביי הויזן, האָט אים, דעם ייִנגערן, געלאָזן שטודירן). אין די אָונטן, ווען ער, דוד, פֿלעגט אַהיים קומען פֿון אַפּטייק,

(ער האָט דעמאָלט געאַרבעט ביי יענעם), פלעגט ער אָפט טרעפן אברהמען ביי זיך אין שטוב. מרים האָט אים פאַרבעטן אויף אָוונטברויט. אַמאָל פלעגט אברהם נעמען מרימען אין טעאַטער און ער, דוד, פלעגט בלייבן מיטן קינד אין דער היים. אַן אַנדערש מאָל, פלעגט מרים, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען ניינצן יאָר, בעטן אברהמען ער זאָל זי מיטנעמען זיך גליטשן אויפן אייז אין סענטראַל־פּאַרק — זיי האָבן דעמאָלט געוווינט אין האַרלעם און אַ סך פון דער יידישער יוגנט האָט אין די אָוונטן זיך פאַרנומען מיט אָט דעם ספּאָרט. מרים פלעגט אַהיים קומען מיט אַ צעווינטיקט פּנים און אַ פריילעכן גלאַנץ אין די אויגן. דעמאָלט איז אים אַן אומרו באַפאַלן און ער האָט זיך דערפילט אַ באַטראָגענער אַזוי ווי איצט... נאָר דעמאָלט האָט ער געהאַט צו מרימען אַ שאַרפע טענה: אויב אויסבייטן אים, דודן, טאָ פאַר וואָס עפּעס אויף אברהמען? מיט וואָס איז אברהם בעסער פון אים? אמת, אברהם האָט אין זיך עפּעס אַ מין סאָרט וועלטלעכקייט, וואָס ער, דוד האָט נישט, אָבער ער איז אַ לייכטזיניקער יונג, וואָס האָט זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן. אברהם איז אין גיכן אַוועק שטודירן אין אַן אַנדער שטאָט און דערמיט האָט זיך צווישן זיי אַלץ געענדיקט. איצט איז גאָר עפּעס אַנדערש — מיט ניעזשינערן קאָן ער זיך נישט פאַרגלייכן. ער אַליין באַוווּנדערט דעם מענטשן, זיין גרויסן טאַלאַנט און זיין חן. ער דערמאָנט זיך ניעזשינערס ערשטן באַזוך ביי זיי אין הויז, — נישט אַלע פּאָעטן, וואָס דוד האָט ביי די ליטעראַרישע אָוונטן באַגעגנט האָבן אויסגעזען אַזוי ווירדיק און שיין ווי אָט דער ניעזשינער — אין לויף פון יענעם ערשטן אָוונט געדענקט ער, איז אים דורכגעלאָפן אַ פאַרבאָרגענער געדאַנק, אַז ווען מרים פאַרבייט אים אויף אָט דעם־אָ — וואָלט עס אים נישט אַזוי געאַרט... איצט אָבער, ווען ער טראַכט, אַז אַזוינס קען טאַקע געשען — אַרט עס אים שוין גאָר. ס'אַרט אים פיל מער ווי דעמאָלט מיט אַברהמען... דעמאָלט האָט ער זיך נישט געפילט אַזוי אָפּגעפרעמדט פון מרימען ווי ער פילט זיך איצט... אָט ווייסט ער, אַז זי מיטן קינד זענען אין דער היים. אין גאַנצן עטלעכע קוואַרטאַלן ווייט פון דאַנען, פון דער אַפּטייק — פון דעסטוועגן דאַכט זיך אים אַז זי איז מייל־ווייט פון אים, פון דעם אָרט, וווּ ער שטייט ביי די פלעשעלעך

רפואות מיט זיינע מחשבות... ס׳קען אָבער זיין, אַז ניעזשינער איז איצט ביי אים אין שטוב... ווי וואָלט געווען ווען ער קומט אַן פלוצלונג און טרעפט זייביידן פונקט דעמאָלט ווען זיי האָבן זיך אויף אים נישט געריכט? — — — האַ? ווי וואָלט געווען? — — — —

ביי דעם־אַ געדאַנק האָט אים אַ שלאַג געטאָן אַ היץ אין פּנים. אַ שוויס האָט אים באַגאָסן. אפשר האָט ער היץ? — — — — ס׳גייט אַרום די אינפלוענציע. ער קען זיך גאָר נישט אָפּפּאַרטיקן מיט די רעצעפּטן. דינהלע איז אויך אַ ביסל פאַרקעלטערט. מרים האָט געזאָגט, אַז זי וועט זי היינט נישט לאָזן גיין אין דער שולע. ער וואָלט באמת באַדאַרפט צוגיין אַהיים אַ קוק טאָן וואָס דאָס קינד מאַכט. ער וועט מיטברענגען אַ שאַכטל אַספּירין. מרים וועט זיין איבערראַשט, ער קומט קיין מאָל נישט אַהיים אַזוי פרי. נו, דער קאָפּ טוט אים אָבער ווי — — פאַר וואָס קריכן אים אַזוינע משונה־ווילדע געדאַנקען אין קאָפּ אַריין? — — —

מיט אַ מאָל איז ער געשטאַנען אָנגעטאָן אין מאַנטל. ער האָט אַריינ־געלייגט אין קעשענע אַ שאַכטל אַספּירין און איז אַרויס פון אַפּטייק. ער האָט אַ פּרווו געטאָן די טיר. יאָ, זי איז געשלאָסן. אָבער דאָס צעטל, וואָס ער האָט געזאָלט אַרויסהענגען אין דער שויב, אַז ער קומט צוריק אין צען מינוט — האַלט ער אין האַנט... ער האָט זיך צוריק געקערט און אַרויסגעהאָנגען דאָס צעטל. נו, איצט קוקט שוין דאָס צעטל, ווי אַ פּנים אַרויס צו דער גאַס...

עס האָט אויפגעהערט צו שנייען. אָבער דער ווינט האָט אויפגע־הורבעט קופּעס שניי און זיי צעבלאָזן ווי פעדערן. די ערד איז געוואָרן ליכטיק, און דער הימל, פינצטער.

דודס טריט האָבן זיך אַ טראָג געטאָן מיט יינגלשער הנאה. ס׳איז אים געווען גוט אַדורכצושניידן די פרישע לופט אין צוויינטיקטן שניי. ער האָט עפּעס אָנגעהויבן ווי אונטערפייפן אַ ניגונדל. ער האָט געטראַכט: פאַראַנען טעג, און גאַנצע וואָכן ווען ער ווייסט רעכט נישט ווי דער דרויסן זעט אויס. ער שטייט דאָרט אין אַפּטייק אונטערן אָפּגעטיילטן ווענטל און טראַכט משוגענע געדאַנקען. איצט, טרעטנדיק אין דער

בלויער זויבערקייט פון שניי דערפילט ער פלוצים אַ בושה פאַר די אַלע נישטזויבערע טראַכטעניש זיינע וועגן מרימען...

ס'איז אים גוט געווען צו גיין אין דעם קרוכלע שניי. דער פאַר־נאַכט האָט אָנגערוקט שאָטנס. די לופט איז געוואָרן וואַרעמער, דער הימל — פינצטערער. ס'קאָן באַלד אַ פּליַיץ טאָן אַ רעגן און — אויס שניי... דאָס האָט אים באַנג געטאָן. דוד האָט זיך דערמאָנט אין דער אַלטער היים; דאָרט, אַז עס פאַלט אויס אַ שניי בלייבט עס ליגן ביז ערב פסח, ווען דער טייך צעגייט און די פרילינג־רעגנס שווענקען דעם שניי אַראָפּ.

דוד האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז ווו ער וווינט און זיך אומגעקערט צוריק. זיין מונטערער געמיט איז אים פלוצים פאַרשווונדן. דאָס פאַרבייגיין זיין וווינונג און דאָס אומקערן זיך צוריק האָט זיך ערגעץ אין אַ ווינקל פון זיין מוח פאַרבונדן מיט מרימס אָפּגעפרעמדקייט פון אים...

דוד האָט געעפנט די טיר פון קאָרידאָר און זיך געלאָזן אַרויפגיין דעם גאַרן טרעפּ. די עלעקטריע איז נאָך נישט געווען אָנגעצונדן, ס'איז דאָ געווען פאַרנאַכטיש־טונקל. אויף די טרעפּ איז אים אַנטקעגן געקומען אַ גע־שטאַלט און זיך פאַרבייגעגליטשט ווי אַ שאָטן. ווען די געשטאַלט איז געווען מיט אַ טרעפּ נידעריקער, האָבן זיי זיך ביידע אומגעקוקט און זיך דערקענט... ביידע זענען געבליבן שטיין און געשוויגן ווי עמעץ וואָלט זיי געהאַלטן ביים גאָרגל. ניעזשינער האָט געוואָלט מאַכן אַ שריט אַרויף, צו דודן, די פיס זענען אים אָבער געווען ווי געליימט. ווי לאַנג זענען זיי אַזוי געשטאַנען? — אַ מינוט, אַן אייביקייט... דוד האָט ענדלעך זיך געטאָן אַ וויג אַרויף די עטלעכע טרעפּ, אַן עפן די טיר און אַריין אין שטוב.

אין די צימערן איז געווען טונקל. דוד האָט פאַרזיכטיק אָנגעטאַפּט אין פאָדערצימער דאָס עלעקטרישע קנעפּל, געטאָן אַ דריק, און ס'איז געוואָרן ליכטיק. ער איז אַריין אין אויפנעם־צימער און דער־זען מרימען זיצן אויף דער בלויער סאָפע, דאָס פנים פאַרבאָרגן אין ביידע הענט, די צעפּ אַראָפּגעהאָנגען. אויפן טייטישל איז געשטאַנען אַ נישט־אויסגעטרונקענע גלאָז טיי. אין אַשטעצל האָט אַ ציגאַרעטל זיך

דערדרויכערט פון זיך אַליין... מרים האָט אַראָפּגענומען די הענט פון פּנים, דערזען דודן און אַ געפּלעפּטע אויף אים געקוקט גלייך זי וואָלט אים געזען אין חלום, נישט אויף דער וואָר — — זיין געשטאַלט האָט איר אויסגעזען מגושמדיק־גרויס. דאָס מויל זיינס פאַרקרומט און ביטער. ער האָט זיך דערנעענטערט צו איר. גאָר נאָענט. ער האָט אויפגעהויבן אַ ברייטע, שווערע האַנט און — איר אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש אין פּנים. מגושמדיק האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צו איר און זיך געלאָזן גיין צום אַרויסגאַנג. מרים האָט געהערט זיינע שווערע טריט, דעם מורא־דיקן קלאַפּ מיט דער טיר און ווי דאָס גלאָזוואַרג אין קיך אויף דער טאַץ האָט געטאָן אַ צעציטערטן קלונג. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי אַליין פאַלט פון אַ געוואַלדיקער הייך און ווערט צעבראָכן.

דינהלע האָט זיך אויפגעוועקט פון שלאָף. זי איז געשטאַנען אין טיר פון איר צימער און געקוקט אויף איר מאַמע מיט צענומענע אויגן. איבער איר מאַמעס פּנים האָבן זיך געקויקלט איינציקע טרערן. דינהלע איז נישט צוגעגאַנגען צו איר מאַמע. עפּעס אַ טונקל און פרעמד געפיל האָט זי צוריקגעהאַלטן. זי האָט קיין מאָל נישט געזען אַ טרער אויף איר מאַמעס פּנים און איצט איז זי איר פאַרגעקומען פרעמד — — —

מרים האָט אָפּגעווישט די טרערן. מיט אַ מאָל האָט זי באַנומען, אַז דאָס אומפאַרמידלעכע איז געשען. זי איז איצט פאַרבליבן אַליין מיט דינהלען. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער סאָפע.

— קום, דינהלע, דו האָסט זיך פאַרשלאָפן. שוין צייט פאַר דיר צו עסן אָונטברויט — אָך, דער קאָפּ טוט מיר וויי.

זי איז צוגעגאַנגען צו דינהלען. צוגעלייגט די ליפּן צום קינדס שטערן, דערפילט די קילקייט פון איר פּנימל און זי אַ קוש געטאָן. דינהלע האָט זיך ווי פון עפּעס באַפרייט און זיך איינגעטוליעט אין דער מוטערס אָרעמס.

שפּעטער איז דינהלע געזעסן ביי דער פּיאַנאָ. ווייסט זי דאָך, אַז נאָכן אָונטברויט באַדאַרף זי איבערשפּילן די זאַכן, וואָס די לערערין האָט מיט איר איינגעלערנט. היינט אָבער האָט זי באמת געהאַט אַ פאַרלאַנג צום שפּילן. די פינגערלעך אירע האָבן זיך מאַגנעטיש געצויגן צו די ווייסע קלאַוויר־ביינדלעך. די אומגעווינטלעכע שטילקייט אין שטוב האָט ווי קלאַ־

רער געמאַכט פאַר איר אירע נאָטן. זי האָט געוווּסט אַז זי מאַכט עס גוט. זי האָט אומגעדרייט איר קאָפּ צו זען דער מאַמעס צופרידן פּנים. זי האָט אָבער געזען דער מאַמעס אומעטיקן שמייכל און די באַהאַלטענע טרערן אין דער מאַמעס אויגן. זי האָט זיך פאַרקוקט אויף איר מאַמעס פּנים מיט אַ לאַנגן בליק, און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי באַנעמט עפּעס, נאָר זי ווייסט נישט וואָס דאָס איז...

דעם אָוונט האָט מרים געלייגט דינהלען שלאָפן שפּעטער ווי געווײנטלעך, ווייל דאָס קינד האָט זיך גוט אויסגעשלאָפן בייטאָג. ווי אַלע מאָל האָט זי געפּרוּווט איר דערציילן אַ מעשהלע פאַרן שלאָף. אָבער דאָס מאָל האָבן די ווערטער זיך נישט געבונדן, אין מיטן האָט זיך מרים פאַרטראַכט, און דינהלע האָט צו זיך אַליין עפּעס געשעפּטשעט און איז איינגעשלאָפן.

אין שטוב איז געוואָרן נאָך שטילער. פונעם איסט־ריווער, וואָס איז געווען איינגעהילט אין נעפּל, האָט זיך דערטראָגן אַ וואַיענדיקער רוף פון סירענעס. די שעהען זענען אַריין טיפער אין דער נאַכט. מרים איז אין אָנטועכץ געלעגן אויף דער סאָפע. זי האָט געוואָרט דוד זאָל זיך צוריקקערן. זי האָט אָנגעשפּיצט אַן אויער; אָט גייט ער... איר דאַכט, זי הערט זיינע שווערע, גרויסע טריט... וואָס וועט ער טאָן ווען ער וועט צוריק קומען? וועט ער זי דערמאָרדן? ניין, דוד וועט אַזוינס נישט קענען. כאָטש ער איז איצט נישט ביי זיך אין די הענט וועט ער דאָך אַזוינס נישט קענען, האָט זיך מרים געזאָגט. ער וועט גיכער פאַלן צו אירע פיס, וויינען און בעטן זי זאָל אים מוחל זיין. זי דאַרף אים בלויז געבן איר וואָרט, אַז צווישן איר און ניעזשינערן איז נישט געשען דאָס, וואָס אים קאָן זיך דאַכטן, וועט ער איר גלויבן. און ס'איז דאָך דער ריינער אמת, כאָטש דוד האָט אוודאי ניעזשינערן געמוזט באַגעגענען דאָ ערגעץ, ביים אַרויסגיין פון דאַנען... אין שטוב האָט ער זי געטראָפן זיצן אין דער פינצטער אַזוי — אַז — — — וואָס אַנדערש האָט ער געקענט טראַכטן? דער פאָטש? זי וואָלט נישט געגלויבט אַז דוד איז פעיק אויף דעם... זי ווייסט אָבער אויף זיכער, אַז ער וועט צוריק קומען זייער געפאַלן ביי זיך,

און ווינען זי זאָל אָפּלייקענען דאָס אין וואָס ער פאַרדעכטיקט זי... באַדאַרף זי אים נאָר דערציילן: — „גאַנץ אומגעריכט, אין דעם שניי־שטורעם, האָט ניעזשינער אָנגעקלאַפּט אין טיר. זי האָט געעפנט און איז געווען איבער־ראַשט אים צו זען אין דער זאַווערוכע. ער האָט זיך פאַרענטפערט: ער איז געווען אין שאַפּ, אָבער ס׳איז היינט נישטאָ קיין אַרבעט — זי ווייסט דאָך, דער שאַפּ איז דאָ נישט ווייט, אין ברוקלין... ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך... שטערט ער איר?" — — „ניין, ניין קומט אַריין". זי האָט געהאַלטן אין אַרומפאָרען זיך אין שטוב און געוואָלט אַרויפ־נעמען אירע אַראָפּגעהאָנגענע צעפּ און פאַרשפּיליען מיט שפּילקעס. ער האָט געזאָגט: „לאָזט עס אַזוי. ס׳פּאַסט אייך זייער!" זיין קאָמפּלימענט האָט איר דערפרייט און זי האָט אַזוי געלאָזן די צעפּ אַראָפּהענגען. זי האָט ווי אַלע מאָל אים דערלאַנגט טיי. ער האָט געטאָן איין זופּ נישט מער, געוואַרעמט זיינע הענט אַרום דעם הייסן גלאָז טיי און עפּעס ווי פון זיך אַליין אָנגעהויבן דערציילן וועגן זיין קורץ־דויערנדיקער, אָבער פלאַמיקער אַוואַנטורע מיט דער פרוי, וואָס האָט מיטגעבראַכט די שיידונג צווישן אים און זיין פרוי און קינדער. עס האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל, ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק.

אַזוי פּשוט. דוד וועט גלויבן. ער וועט וועלן גלויבן. נאָר ערגעץ טיף ביי זיך וועט ער וויסן, אַז דאָס וואָס זי האָט אים דערציילט איז נישט אַזוי פּשוט, און נישט דער גאַנצער אמת, און דעם צוטרוי, וואָס ער האָט געהאַט צו איר וועט ער מער נישט האָבן... און זי וועט דאָך אים אין דער אמתן נישט אַלץ דערציילן. זי וועט נישט דערציילן ווי שטאַרק ס׳האָט איר הנאה געטאָן, וואָס ניעזשינער האָט זי געטראָפן מיט די אַראָפּגע־לאָזטע צעפּ און געזען אירע שיינע, לאַנגע האָר. זי וועט אים נישט דער־ציילן, אַז מיט אַ נאַכט פריער איז ער געווען אין איר חלום. זיי זענען געווען זייער נאָענט און ער האָט זי אין חלום געקושט ווי קיין מאַן האָט זי קיין מאָל נישט געקושט. זי וועט אים נישט דערציילן, אַז ווען ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל אין צימער, זענען זיי געזעסן פאַרשטילטע אויף דער סאָפע און פאַרגעסן אַז מען קען אָנצינדן ליכט... דעמאָלט האָט ער אָפּגעזוכט איר האַנט, אַ קוש געטאָן די דלאָניע און נישט אַרויסגעלאָזן

איר האַנט פון זיינער. אַזוי זענען זיי געזעסן אין האַלבן טונקל און פאַרגעסן, אַז די צייט גייט, ביז דינהלע, אין דערבייאיקן צימער, האָט אַ וויין געטאָן פון שלאָף, און זיי בײדן אויפגעוועקט פון זייער פאַרטראַכטקייט, און זי איז אַריין צום קינד. און ווען זי איז צוריק אַרויס האָט זי דערזען ניעזשינערן שטיין אָנגעטאָן. ער האָט זיך גיך געזעגנט און איז מיט גיכע, לופטיקע טריט אַרויס פון הויז. אין זיינע גיכע טריט האָט זי דערקענט זיין פּלוצעם־אויפגעוועקטע מורא, אַז דוד זאָל נישט אומגעריכט אַריינקומען און אים כאַפּן ווי אַ גנב... זיינע לופטיקע, וואַכע טריט זענען איר פאַרגעקומען טאַקע ווי די טריט פון אַ גנב... איצט איז ער איר אין גאַנצן נישט געפעלן. וויפל ליבע־גנבות איז ער שוין באַגאַנגען? היינט איז זי מיטבאַטייליקט אין דער גנבה, און פונקט ווי ער איז איר אין לעצטן מאָמענט נישט געפעלן, איז זי איצט זיך אַליין אויך נישט געפעלן. צוליב וואָס האָט ער איר דערציילט וועגן זיין ליבע מיט אַט דער פרוי און זי געשילדערט ווי אַ מין נימפאָמאַניאַק; צי האָט ער געוואָלט וועקן אין איר לוסט, אײַפערזוכט? — — — האָט ער זײַנס דערגרייכט? אפשר. זי וועט אָבער באַשטימט אים מער קיין מאָל נישט זען. ער האָט צערודערט איר נשמה. ער איז אַ סך יאָרן עלטער פון איר, ער האָט ביז אַהער ליב געהאַט עטלעכע פרויען און גענומען פון דער ליבע וואָס ער האָט געקענט: די ראָמאַנטיק און אַלדאָס איבעריקע אין וואָס ער האָט זיך גענויטיקט. דערצו האָט ער אַ ווייב מיט קינדער, כאָטש ער וווינט נישט מיט זיי, איז דער געדאַנק וועגן דעם איר אָפּשטויסנדיק. זי האָט נישט בדעה געהאַט ער זאָל ווערן איר געליבטער דעמאָלט, ווען זי האָט אים איינגעלאַדן צו איר אין שטוב. ס'איז פאַר איר פּשוט געווען אַ גרויסער כבוד צו האָבן די פריינדשאַפט פון אַ גרויסן דיכטער, וועמענס לידער זי האָט געקענט און דעקלאַמירט... נו, אָבער איצט, האָט זיך די זאַך אַ קערעווע געטאָן אין אַן אַנדער ריכטונג, ער האָט דערוועקט אין איר עראָטישע פאַרלאַנגען, איפערזוכט צו זיינע פריערדיקע ליבעס, אַפילו צו זיין ווייב, וואָס ער האָט זי נישט ליב און דאָך האָט ער געהאַט מיט איר פינף קינדער...

יאָ, וועגן דעם אַלעם וועט זי דודן נישט דערציילן. נאָר אײן זאַך ווייסט זי, אַז זי און דוד דאַרפן זיך פונאַנדערגיין. דאָס צוזאַמענלעבן זייערס האָט פריער נישט געטויגט און איצט וועט עס אוודאי נישט טויגן. זי וועט אים אין דער אמתן קיין מאָל נישט מוחל זיין דעם פּאַטש, און ער וועט שטענדיק האָבן אויף איר אַ חשד, אַז זי פאַרראַט אים פולשטענדיק... און אפשר וועט זי דאָס טאַקע טאָן מיט דער צייט, און זיך אויסלערנען ווי אָפּצונאַרן אים. ניין, זי וויל זיך דאָס נישט אויסלערנען. כאָטש זי פאַרטראַגט נישט אַז דוד דערנעענטערט זיך צו איר ווען זיי לייגן זיך אין בעט ביינאַכט... אַזאַ לעבן טויג נישט פאַר זיי בײדן און זיי זענען בײדע נאָך אַזוי יונג, זיי מוזן בײדע אויפבויען פאַר זיך אַן אַנדער לעבן, יעדער באַזונדער פאַר זיך. מיט ניעזשינערן האָט עס אָבער נאָר אַ צופעליקע שייכות. זי וועט ניעזשינערן באַשטימט מער נישט זען, כאָטש ערגעץ זענען זיי זיך שטאַרק נאָענט — — —

דער זייגער אין קאָרידאָר האָט אָפּגעקלונגען דריי אײנציקע קלאַנגען. מרים איז נאָך אַלץ געלעגן אין אָנטועכץ אויף דער סאָפע. זי האָט זיך נאָך אַלץ צוגעהערט צו די טריט אין קאָרידאָר: אפשר איז עס דוד?... אויב ער קומט צוריק וועט זי אים זאָגן בלויז דאָס, אַז זי גייט אַוועק און לאָזט איבער די וווינונג און דאָס ווירטשאַפט פאַר אים.

דוד איז נישט געקומען — — —

פאַרטאָג האָט אָנגעהויבן פּלייצן אַ גוסרעגן. דער ווינט האָט ווי מיט בעזימער וואַסער געשמיסן די שויבן. די שיפן אויפן פאַרנעפּלטן ריווער האָבן אָן אויפהער געהודעט. מרימען האָט זיך אויפגעהערט דאַכטן, אַז זי הערט טריט. זי האָט אײנגעדרימלט און גלייך אַרײן אין אַ חלום: זי שפּאַצירט מיט דינהלען אין אַן אויסטערלישן גאָרטן. הויכע טראָפּישע ביימער שפּרייטן זייערע צווייגן, נידעריקע קלאָמבן מיט זעלטענע קווייטן. געוויקסן שווימען אָן פון אַלע זייטן. אַזאַ שיינעם גאָרטן האָט זי נאָך קיין מאָל נישט געזען. מיט אַ מאָל האָט די ערד אונטער זיי זיך גענומען שפּאַלטן, אַ וואַסער האָט אָנגעהויבן אַרויפשטראָמען אַרויף־צו. דער גאָרטן האָט זיך געשפּאָלטן און זיך צעטיילט אין באַזונדערע אינדזלען און יעדער אינדזל איז געשווומען פאַר זיך, אָדער זיך געטראָגן ווי אַ פאַרביקער

פליט אויפן וואַסער, זי אויף איין שווימענדיקן פליט, דינהלע — אויף אַ צווייטן... זיי האָבן געשטרעקט די הענט איינער צום אַנדערן, האָבן אָבער זיך נישט געקאָנט דערלאַנגען... דאָס שטראָמיקע וואַסער האָט זי אָפּגע־טיילט פון דינהלען. זי זעט דינהלען שטייך אַליין אויף דעם אינדזעלע, וואָס האַלט אין איין דערוווייטערן זיך. זי שרייט אויף און וועקט זיך פאַ־נאַנדער פון איר חלום.

* * *

מרים האָט זיך דערזען דאָ אויף דער סאָפע, ליגן אין אָנטועכץ. אין די פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַ גרויער, רויער פרימאָרגן. די גע־שעענישן פון נעכטן זענען איר פאַרגעקומען גרויער און געדריקט אויף איר מאַרך. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: דוד איז אוודאי געקומען, און זי האָט נישט געהערט. ער שלאָפט מסתמא דאָרטן, אין שלאָפצימער, אין ברייטן בעט... זי איז אַראָפּ פון דער סאָפע. איר קלייד איז געווען צע־קנייטשט, אירע צעפּ — צעפּלאָנטערט. זי האָט זיי נישט אַרויפגענומען פון נעכטן אָן... עס האָט זי אַרומגעכאַפּט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג זיך וואָס גיכער אַרומוואַשן, זיך איבערטאָן און מער נישט טראַכטן וועגן נעכטן...

זי איז פאַרביי דאָס שלאָפצימער. די טיר איז געשטאַנען אָפן, דאָס בעט — פאַרבעט. דוד איז דאָרט נישט געווען. דאָס בעט האָט אויסגעזען אַזוי איינזאַם און פאַרלאָזן ווי אַ פרוי, וואָס איז פאַרלאָזן פון איר מאַן... דאָס צימער און דאָס בעט האָבן איר איצט אויסגעזען פרעמד... דוד האָט געוויס גענעכטיקט אין אַ האָטעל. ער וויל מיט איר מער נישט זיין אין איין שטוב... נו, דאָס מאַכט גרינגער די צעשיידונג — האָט מרים געטראַכט.

זי האָט זיך געוואַשן און איבערגעטאָן. דינהלע איז נאָך געשלאָפן. מרים איז צו צום פענצטער און אַרויסגעקוקט צום פרימאָרגנדיקן דרויסן. די גאַס איז געווען ווי אויסגעצוואָגן פון בייננאַכטיקן רעגן. פונעם נעכטיקן שניי איז אין ערגעץ קיין זכר נישט פאַרבליבן, ווי ער וואָלט גאָר קיין מאָל אויף דער וועלט נישט געווען. מענטשן זענען געגאַנגען צו דער

אַרבעט אָדער עפענען זייערע קראָמען. דער הימל האָט אויסגעזען ווי אַ פּנים, וואָס הייבט אָן זיך אויסניכטערן נאָך אַ שיכורער נאַכט.

דינהלע איז אויפגעשטאַנען פריש און מונטער. מרים האָט זי אויסגעריכט גיין אין שול. ווען דאָס קינד איז אַוועק, איז מרימען מיט אַ מאָל איינגעפאַלן אַ ווילדער געדאַנק: צי איז מיט דודן עפּעס נישט געשען?... זאָל זי אָנקלינגען אין אַפּטייק?... דער טעלעפאָן האָט זיך אין דער רגע צעקלונגען. זי האָט האַסטיק אַ נעם געטאָן דאָס טרייבל, געמיינט, אַז דאָס רופט דוד, כדי איר צו זאָגן, אַז ער וויל זי מער נישט קענען און וויל וועגן אַלץ אָפּרעדן מיט איר פון וויטן.. דאָס קול אין טעלעפאָן איז אָבער נישט געווען דודס. זי האָט עס קוים דערקענט, ס'איז געווען ניע־זשינערס קול, געקומען איז עס ווי פון ערגעץ ווייט און געקלונגען אומזיכער.

— מרים, — האָט דאָס קול אין טעלעפאָן זיך געבראָכן, — כ'האָב דאָס געפיל, אַז דאָרט ביי אייך איז עפּעס געשען... כ'מוז עס דאָך וויסן... זאָגט, איז עפּעס צווישן דודן און אייך געשען? האָ? איך בעט אייך! האָב איך אייך שלעכטס געטאָן? איך האָב אייך נישט געוואָלט טאָן קיין בייז... מרים! כ'בין שרעקלעך אומרו:ק וועגן אייך...

— איר דאַרפט נישט זיין אומרו:ק... ס'האָט אַזוי באַדאַרפט זיין. שוין לאַנג אַז ס'האָט אַזוי באַדאַרפט זיין. מיר גייען זיך פונאַנדער... איך און דוד...

— אַך!... כ'האָב אייך געבראַכט אומגליק... אַרויפגעבראַכט אויף אייך מיין פינצטער מזל... מרים, כ'מוז אייך זען! ווו קאָן איך אייך זען? כ'בין אויפן וועג צו דער אַרבעט, אָבער כ'וויס, איך וועל היינט נישט קענען אַרבעטן, כ'וויל קומען צו אייך, שוין איצט. כ'מוז!

— ניין, ניין. קומט נישט. איך בעט אייך! כ'מוז זיין אַליין. איך מוז מיר קלאָר מאַכן מיינע אייגענע געדאַנקען... איך בין אין קיין זאַך נישט זיכער... נישט זיכער...

די טיר האָט זיך געעפנט און דוד איז אַריינגעקומען. ער האָט מיט זיך געטראָגן אַ נייע וואַליזע. ער איז פאַרבייגעגאַנגען לעבן איר מיט אַ זעלנערישער שטייפקייט. זי איז געבליבן אַ פאַרשטילטע, מיטן טרייבל אין האַנט. דאָס קול אויף יענער זייט טעלעפאָן־ליניע האָט געמאָנט:

— און וואָס זענט איר נישט זיכער. מרים? כ׳מוז מיט אייך רעדן... אויב איך קאָן נישט קומען צו אייך, וועל איך אויף אייך וואַרטן ביי דער בריק... אַרום איינס בייטאָג... איך וועל אומבאַדינגט וואַרטן...

— ניין, וואַרט נישט! כ׳ווייס איצט גאָרנישט. כ׳ווייס נישט ווען איך וועל אייך זען... כ׳קאָן מער נישט רעדן... זי האָט אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל, איז צוגעגאַנגען און איז געבליבן שטיין פאַר דער אָפענער טיר פון שלאָפצימער. זי האָט געזען ווי דוד בייגט זיך איבער אַן אָפּגע־נעם שופלאַד. ער האָט אַרויסגענומען פון קאָמאָד זיינע זאַכן. די אָפענע וואַליזע האָט געוואַרט.

זי מוז מיט אים רעדן, שוין, באַלד, איידער ער פאַרלאָזט די שטוב... ער מוז וויסן, אַז זי האָט נישט בדעה דאָ צו פאַרבלייבן. אַזאַ וווינונג וועט זי נישט קאָנען אויסהאַלטן... אָפּילו אַ קלענערע אויך נישט... זי האָט אויך נישט ווּהין צו נעמען דאָס קינד. אַליין קאָן זי איבערזיין אַ שטיקל צייט ווו נישט איז, ביז זי וועט זיך איינאָרדענען. דאָס קינד מוז אָבער האָבן אַ היים, איר אייגן בעט, איר פּיאַנאָ... דאָס קינד מוז בלייבן מיט אים דאָ, אויף דערוויל, אויף אַ צייט. ער קאָן אויספירן צו האָבן אַ מענטשן, וואָס זאָל אויפפּאַסן אויפן קינד, אויף דער שטוב. שפּעטער וועט זי אים באַפרייען פונעם קינד. זי באַדאַרף בלויז האָבן אַ ביסל צייט זיך אַרומ־צוקוקן, געפינען אַ באַשעפטיקונג און זיך איינאָרדענען אַ היים פאַר זיך מיטן קינד. דאָס מוז זי אים זאָגן. זי האָט וועגן דעם געטראַכט די גאַנצע נאַכט. זי האָט שוין אָפּילו אויפן אויג אַ מענטשן: די אלמנה, וואָס קומט אָפּט אַרויף אויפפּאַסן אויף דינהלען ווען זי, מרים, באַדאַרף ערגעץ אוועק־גיין. די אָרעמע פרוי וועט זיך אָנכאַפּן מיט בײדע הענט. אַזוי וועט זיין בעסער פאַרן קינד, פאַר איר אויך, וואָרעם זי ווייס עס ווויל, אַז דאָס אַרומוואַלגערן זיך מיטן קינד, קאָן זי נאָך דערפירן דערצו, זי זאָל גרייט זיין פאַלן דודן צו די פיס, ער זאָל זי צוריקנעמען...

טרערן האָבן פאַרשטשעמעט איר האַלדז. נאָר נישט וויינען פאַר דודן!

— האָט מרים זיך אַ זאָג געטאָן. זאָל ער מיינען אַז זי איז פאַרהאַרטע־וועט. זאָל ער מיינען. זי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו דער טיר פון שלאָפ־צימער.

— דוד, איך מוז מיט דיר רעדן.

דוד איז געבליבן מיט אַ נישט־פֿאַרענדיקטער באַוועגונג פֿון האַנט. ער האָט נישט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ צו איר. זי האָט אָנגעהויבן רעדן צו זיין נאָקעטן שאַרבן, וואָס האָט זיך געקנייטשט אינעם קרענצל געקרייזלטע, קינדעריש ווייכע האָר. זי האָט גערעדט גיך, מיט הייסן אָטעם, און דער שאַרבן האָט געהערט... זי האָט גערעדט מיט טאַלק און שייך... נאָך אַ וויל איינהערן זיך, האָט דוד פֿאַרגעסן, אַז דאָס וועגן וואָס זי רעדט, האָט צו טאָן מיט איר און מיט אים... עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי לייענט עס אַרויס פֿון אַ בוך... נו, זי האָט דאָך געוואָלט ווערן אַן אַקטריסע, זי האָט אַ גוטע שטים אויך...

פּלוצעם האָט דוד מיטן פֿוס אַ שאַר געטאָן פֿון זיך די וואַליזע. ס'איז אים אפֿנים קלאָר געוואָרן, אַז דאָס וואָס זי זאָגט האָט יאָ צו טאָן מיט אים און מיט איר... זאָל זי גיין! זי קאָן איצט ווערן וואָס זי וויל נאָר... ער בלייבט דאָ, האָט זיך דוד אַ זאָג געטאָן און ס'איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן גוט וואָס ער דאַרף נישט פּאַקן זיינע זאַכן און זיצן אין דער פֿרעמד. ער האָט זיך גאָר נישט געריכט דערויף, אַז זי אַליין זאָל וועלן איבערלאָזן דאָס קינד דאָ, מיט אים. אויף וויפֿל ער קען זי, וואָלט ער גאָרנישט געוואָגט פֿאַרלאַנגען פֿון איר עפּעס אַזוינס, ער האָט איר אַלע מאָל אַלץ נאָכגעגעבן, זי זאָל טאָן וואָס זי וויל, מען וועט זען וואָס זי וועט אויספֿירן...

דוד האָט דערפֿילט אין זיך אַ צופֿלוס פֿון כּוח. דער נעפּל וואָס האָט זינט נעכטן געדריקט אויף זיין מוח, האָט אָנגעהויבן צערינען. נאָך דער משוגענער נאַכט אויף דער האַרטער באַנק אין אַפּטייק, איז איצט זיין געמיט גרינגער געוואָרן. ער וועט יעדן אָוונט ווידער קומען צו זיך אין שטוב, ער וועט טרעפֿן דינהלען וואָך אָדער שלאָפֿנדיק, ער וועט זיך אויסציען אין זיין אייגן בעט און איינדרימלען... ער וואָלט וועלן איצט איינדרימלען... אָבער ער מוז גיין עפֿענען די אַפּטייק. יעדן טאָג אין דער צייט איז די אַפּטייק שוין אָפֿן. זאָל זי טאָן, וואָס זי האָט געוואָלט. זי האָט עס דאָך געוואָלט די אַלע יאָרן. זאָל זי!

מיט פעסטע טריט האָט ער זיך געלאָזן אַרויס פון שטוב. ער האָט צוגעמאַכט די טיר ווי מע מאַכט צו די טיר פון אַן אייגענער שטוב, אָן אַ קלאַפּ, פּאַוואָליע, מיט געטריישאַפט. מרים איז געבליבן שטיין אַליין אין מיטן שטוב, אַליין ווי אויף אַ ליידיקער בינע...

## קאַפּיטל 3

פאַררויכערט דאָס לעצטע ציגאַרעטל האָט ניעזשינער געטאָן אַ פאַרוואַרף דאָס לידיקע שאַכטל אַריבער דער פאַרענטש פון בריק צום וואַסער. פון זיין אָטעם האָט געשלאָגן דער שטאַרקער ריח פון טיטון. זיינע אויגן האָבן געשמאַרצט פון נישט דערשלאָפן, און אָט אַזוי שטייט ער שוין דאָ איבער אַ שעה און ער וואַרט אויף מרימען. ביים לעצטן צי פון ציגאַרעטל איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זי וועט נישט קומען. דאָס וויל זי אפנים דערוויזן זיך אַליין און אויך אים, אַז איר אָוועקגיין פון דודן האָט נישט צו טאָן מיט אים. דאָס זענען אויך געווען אירע רייד היינט גאַנץ פרי דורכן טעלעפאָן. ער האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס זענען בלויז רייד, און זי וועט פאָרט אַהערקומען צו דער באַשטימטער צייט, מחמת זי דאַרף אים איצט האָבן — איז אָט איז ער. זעט אָבער אויס, אַז זי דאַרף אים נישט, אָדער זי איז נישט גרייט זיך אַריינדרייען אינעם פלאָנטער פון זיין לעבן... און טאַקע, וואָס פאַר אַ שוץ קאָן ער איר געבן? אַן אַנדער זאַך וואָלט זיין ווען זי האָט אים שטאַרק ליב — — דאָ איז זי וויזט אויס נישט זיכער... נעכטן האָט זי זיך נישט אָפגעגעבן קיין שום חשבון; זי איז געזעסן לעבן אים אויף דער סאָפע פאַרטרוילעך ווי אַ קליין מיידל. זייערע הענט האָבן זיך געזוכט, זיך געפונען און זיך איינגעשלאָסן. ס'האָט אָנגעהויבן ווערן טונקל אין שטוב. אָבער זי האָט נישט אָנגעצונדן דאָס ליכט. ביידע האָבן זיי פאַרגעסן צייט און אָרט — — — ווי־זשע זאָל ער פאַרשטיין איר היינטיקן וועלן אים אויסמיידן? ער איז דאָך נישט עפעס אַ זייטיקער, און זיי וועלן זיך קיין מאָל נישט אויסמיידן... סיידן ער וויסט — — אפשר פון אין דער פרי ביז איצט האָט זיך דאָרט אַלץ איבערגעדרייט. נו, דאַרף ער עס דאָך וויסן. ער מוז זי זען און מיט איר רעדן. טאַקע באַלד. — האָט ער זיך געזאָגט — ער וועט גיין צו איר אין שטוב, כאָטש זי האָט אים געבעטן נישט צו קומען.

ער איז אַראָפּ פון דער בריק און זיך געלאָזן גיין אין מיטן דער טראַפיק ביי דער בריק־פּלאַזאַ. די אויטאָמאָבילן האָבן געטרובעט, אים געוואָרנט, אָבער ער איז געווען פאַרטאָן אין זיך און נישט געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען אים. דאָ האָט איינער זיך אַרויסגעבויגן פון זיין אויטאָמאָ־ביל־פענצטערל און אים אָנגעהויבן זידלען: — „וווּהין קריכט ער! איז ער בלינד צי טויב צו אַלדי שוואַרץ יאָר! אויב ער וויל באַגיין זעלבסט־מאָרד, זאָל ער שפּרינגען פון דער בריק!"

איצט איז ניעזשינער געבליבן שטיין פאַרווירט פאַר זיין צעטראָגנ־קייט. אַ ווייל איז ער געשטאַנען ווי אַ פלאָקן אַרום וועלכן ס'האָט זיך געדרייט די טראַפיק. ווען דער וועג איז געוואָרן פריי, האָט ער זיך געלאָזט גיין, אָבער שוין אָן דעם פריערדיקן אימפּעט. מיט אַ מאָל האָט ער זיך געפרעגט: וווּהין גיי איך? קאָן דאָך זיין, אַז דוד איז איצט אין שטוב און דערפאַר האָט מרים נישט געוואָלט ער זאָל קומען... וואָס טאַקע וועט ער טאָן אויב ער טרעפט דודן אין שטוב? ווי וועט ער אים באַגעגענען? וועט ער קענען זאָגן: — איך בין געקומען צונעמען ביי דיר דיין ווייב... ניין, דאָס וועט ער נישט האָבן קיין מוט צו זאָגן, מחמת ער האָט דאָך אַ ווייב מיט קינדער... כאָטש ער ווינט נישט מיט זיי מוז ער זיי מפרנס־זיין, קיין מאָל וועט ער זיך פון זיי נישט באַפרייען. ער וויל עס אויך נישט. פאַר אַ צולאָג איז ער אַ גרויסער אָרעמאַן... קיין ריטער ווי אַ פרוי מאָלט זיך אין איר פאַנטאַזיע קאָן ער נישט זיין. די ליבע פון אַ פרוי מוז ער גנבענען. פאַר אים בלייבט נאָר דער וועג פון אַ גנב...

אין דער רגע איז אים קלאָר געוואָרן, אַז מרים זעט אים איצט אין אַזאַ ליכט...

זיין פלייצע האָט זיך איינגעבויגן אונטער דער וואָג פון אָט די געד־דאַנקען. אַ ווייל איז ער אַזוי געגאַנגען, פּלוצים האָט ער זיך אויסגעגלייכט און זיך געטאָן אַ דריי אין דער פאַרקערטער ריכטונג.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים ערשטן טאַבאַק־געוועלבל און איז אַריין. געקויפט אַ שאַכטל ציגאַרעטן, פאַררויכערט און איז צו צום טעלעפאָן, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ ניקל, דערהערט אַ טעמפּן קלונג און באַלד האָט אַ פרויען־שטים גע־

פרעגט: „נאָמבער פליז״. ער האָט אָנגערופן מרימס טעלעפאָן־נומער, ער האָט פאַרנומען אַ קלינגעריי — — דאָס קלינגט דאָרט... ער האָט זיך געזאָגט: אויב דוד וועט ענטפערן, וועט ער זייער איידל בעטן: ער וויל רעדן מיט מרימען... אַזוי וועט עס זיין אַ סך גרינגער איידער שטיין מיט דודן פּנים אל פּנים...

ער האָט געוואַרט. דאָס קלינגעריי, וואָס ער האָט פאַרנומען אין זיין אויער איז אים פאַרגעקומען שאַרפער און העכער ווי ווען עס איז פריער. קיינער האָט אָבער נישט געענטפערט. קיינער איז אַפּנים דאָרט אין שטוב נישט געווען און דאָס קלינגען האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אַ ליידיקער שטוב... מיט אַ מאָל האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער אַליין שטייט און רעדט דאָרט צו ליידיקע ווענט... ער האָט געהאַלטן דאָס טרייבל ביים אויער און געוואָלט הערן דאָס קלינגעריי ווי דאָס קלינגען פון טעלעפאָן וואָלט אויסגעקלונגען אַלע זיינע רייד, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן מרימען און נישט געזאָגט. נאָך אַ וויל האָט ער אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל. די מטבע האָט געטאָן אַ שפּרונג אַרויס צוריק מיט אַ טעמפּן קלונג. ער האָט עס גענומען אין זיין הייסער האַנט און איז אַרויס אין גאַס.

ער איז אַ וויילע געשטאַנען ווי וועלן באַשליסן וווהין צו גיין, וואָס מיט זיך צו טאָן, און ס׳איז אים אויפן זינען געקומען הערשעלע... אַך, ווי ער האָט אין אים פאַרגעסן; פאַרגעסן און דערוויטערט זיך פון חברים... און ער האָט דאָך אים אַזוי נויטיק באַדאַרפט זען!

ער האָט זיך געלאָזן גיין מיטן וועג, וואָס פירט צו הערשעלען אין אַלטן טייל ברוקלין.

* * *

דאָס הויז וווּ הערשעלע וווינט איז אַ געבויגן אַלט הויז. די טרעפּ, וואָס פירן אַרויף צו זיין וווינונג, שטייען אין דער קרום און הויקערן זיך ווי דער רוקן ביי אַ זקנה. אָבער אינעווייניק איז די וווינונג זויבער און ציכטיק. די פאַרהענגלעך אויף די פענצטער פריש אָנגעקראָכמאַליעט, שטייף, און די פאָדלאָגעס זענען אויסגעשייערט ריין ווי גאָלד. דאָס טוען אַלץ אַנקעס הענט. אַנקע רעדט ווינציק און אויף איר יונג, קיילעכיק פּנים זיצט

אַ גרייטער שמייכל. אַז הערשעלע פאַרגלייכט זיין אַנקע מיט די ווייבער פון זיינע חברים שרייבער, זאָגט ער זיך, אַז זיין אַנקע איז זייער געראָטן, זייער שיין און זייער אינטעליגענט. דערביי ווייס הערשעלע, אַז ער טרייבט איבער... אָבער אַנדערש קאָן נישט הערשעלע, ער מוז איבערטרייבן. דאָ ליגט הערשעלעס באַזונדערטקייט און אפשר אויך זיין חן. צו אַנקען איז ער זייער איידל, כמעט העפלעך. איידל און העפלעך איז הערשעלע צו דעם גאַנצן ווייבערישן מין, אויב זיי טרעטן אים נישט אָן אויף זיינע הינער־אויגן... ערגעץ ווו האָט הערשעלע געשטעלט אַ צוים צווישן זיך און דעם ווייבערישן מין, און די צוים וועט ער נישט אַריבערטרעטן. גאַנץ אַנדערש איז הערשעלע מיט זיין אייגענעם מין: מיט חברים. צו איינעם איז ער שאַרף, אַפילו להכעיסדיק, צו אַ צווייטן גיט ער זיך איבער מיט זיין גאַנצער אײַפעריקער געטריישאַפט. צו ניעזשינערן האָט ער זיך צוגעבונדן באַלד פון דער ערשטער באַגעגעניש און זיין געטריישאַפט ווייס נישט פון קיין צוימען.

ווי אַ שרייבער איז הערשעלע קאַליש באַקאַנט בלויז דעם ענגן יונגן קרייז חברים. אָבער ער האָט זיך באַלד ביים אָנפאַנג פאַרנומען גרויס. ער שרייבט עטלעכע דיקע העפטן ראָמאַנען מיט אַ מאָל און ווערט גאָר־נישט מיד צו שייערן און פוצן יעדעס אָנגעשריבן וואָרט באַזונדער, ביז דאָס וואָרט נעמט ביי אים לויכטן און חנדלען זיך ווי אַ לעבעדיק פנים. ווי אָפט איז ער אַליין פאַרבלענדט פון זיינע אָנגעשריבענע ווער־טער אויסגעשייערטע אויף בליאַסק. פונקט אַזוי אָפט פאַלט ער אַריין אין ספק וועגן זיין גאַנצן שרייבן, וועגן זיין טאַלאַנט... אַן אויג הויבט אים דעמאָלט אָן צוקן, פינטלען. ער באַהערשט זיך דעמאָלט ער זאָל נישט צערייסן אַלץ דאָס, וואָס ער האָט אָנגעשריבן...

מיט האַרץ־ציטער האָט הערשעלע דערלאַנגט זיינע חברים אַ קאַפּי־טעלע פון זיינעם אַ ראָמאַן אָפּצודרוקן אין דער נייער צייטשריפט, וואָס זיי גיבן אַרויס. דאָס אָפּגעדרוקטע קאַפּיטעלע האָט באמת אַ בליאַסק געטאָן מיט אויסגעאיידלטער שיינקייט און שטאַרק אויסגענומען ביי די חברים־פיינשמעקער. קיין גאַנץ ווערק האָט מען נאָך פון אים נישט געזען. אָבער די חברים־דיכטער גלויבן אין זיין טאַלאַנט. זיי גיבן אים דערווייל

קרעדיט. מיט די אָפּגעדרוקטע קאַפּיטעלעך האָט זיך הערשעלע דערנעענטערט נישט אַזוי צו די פּראָזע־שרייבער פון דער יונגער גרופּע ווי צו די דיכטער. מיט זיין היציקן טעמפּעראַמענט האָט ער זיך אויך מער אַריינגעפּאַסט צווישן זיינע חברים־דיכטער ווי צווישן פּראָזע־שרייבער. ביי זיינע קנאַפּע דרייסיק יאָר האָט הערשעלע געטראָגן אַן עקשנותדיק בערדל און אין זיינע קאַרע אויגן האָט געטליעט אַ פייערל פון שרייבערישער באַזעסנקייט. הענט האָט הערשעלע געהאַט ברייטע מיט פּלאַטשיקע פינגער. פון זיין ערשטן, אומגעהובלטן האַנט־דרוק האָט ניעזשינער אַ שמייכל געטאָן און די פריינדשאַפט זייערע איז געוואָרן פאַרזיגלט.

כאָטש אויסערלעך האָט מיט זיך הערשעלע פאָרגעשטעלט אַ צעטראָגענעם קינסטלער, איז ער גאָר אין דער אמתן געווען אַ באַלעבאַטישער יונגערמאַן מיט סוחרישע נייגונגען, געירשנט אוודאי פון דורות סוחרים אין זיין משפחה. חוץ אין שרייבן איז ער געווען אַריינגעטאָן אין מסחר אַרום דרוקעריי. געבויט פּלענער פאַר אַ גרויסן יידישן פאַרלאַג און שטענדיק געהאַלטן ביים באַנקראָט...

די צוויי, הערשעלע און ניעזשינער, האָבן אָפט שפּאַצירט איבער די גויאישע ברוקלינער גאַסן און צווישן זיי ביידן האָט ניעזשינער גערעדט און הערשעלע האָט געשוויגן. גערעדט האָט ניעזשינער נישט אַזוי מיט אַ סדר, ווי מיט באַגייסטערטן אימפּעט. אַ נייער געדאַנק האָט יעדע רגע אויפגעבליצט אין זיין מוח. ווערטער האָבן זיך ביי אים געצונדן און געלאָשן — — און ס'האָט זיך געשאַפן פּאָעטישע שטימונג... פּלוצים האָט ניעזשינער געקאָנט אַריבערשפּרינגען אַלע אַבסטראַקטע, אָנגעוואָרפענע געדאַנקען און אָנהייבן רעדן וועגן זיך... מיט יעדן וואָרט זיינעם, האָט ער געשניטן אין זיך אַריין ווי מיט אַ בלאַנקן מעסער כדי זיך דערשניידן צו עפּעס אַן אמת...

הערשעלע האָט זיך מחיה געווען. ניעזשינער האָט אַרויסגערעדט דאָס, וואָס ער טראַכט אָבער ער קען עס נאָך נישט אַזוי גוט אויסדריקן. ער וואַגט נישט אויך, ער האָט נישט ניעזשינערס מוט... שפּעטער אין זייער פריינדשאַפט האָט שוין אָבער הערשעלע געקאָנט אַ זאָג טאָן מיט פאַרליבטע ליפּן:

— נאָר אַ לירישער פּאָעט קען אַזוי אַכזריותדיק שניידן אין דער טיף מיטן וואָרט...

און ניעזשינער האָט געלאַכט מיט די גרינגע אויגן.

און ווען הערשעלע פלעגט אַהיימקומען נאָך די שפּאַצירן מיט ניע־זשינערן איז ער די גאַנצע נאַכט געזעסן ביים שרייבטיש. ס'האָט זיך אים דעמאָלט גוט געשריבן און אַנקע האָט איין מאָל אַ זאָג געטאָן, אַז ניעזשינער סטרויעט אים אָן די שרייבערישע סטרונעס... זי האָט עס געזאָגט מיט דעם ברייטן שמייכל אויף איר קיילעכדיק פּנים און מ'האָט נישט געקענט וויסן צי עס פרייט איר, אָדער עס אַרט איר...

* * *

ניעזשינער איז געגאַנגען און זיך נישט אומגעקוקט נישט אויף די גאַסן, נישט אויף די הייזער און איז דאָך געבליבן שטיין פּונקט ביי הערשעלעס הויז, ביי די געהויקערטע טרעפּ. ער איז אַרויף, אָנגעקלאַפּט אין טיר, נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און איז אַריין. אַנקע איז אים אַנטקעגן געקומען מיט איר שטענדיקן שמייכל און געוויזן אַ שורה קליינע שיטערע ציינדלעך. זי האָט אויסגערופן:

— גוט וואָס איר זייט געקומען. הערשעלע קוקט שוין אויף אייך אַרויס ווי אויף אַ געליבטער. איך אַליין האָב שוין אויך איבערגעטראַכט, וואָס מ'זעט אייך עפּעס נישט... — אוודאי האָט הערשעלע שטאַרק אַרויס־געקוקט אויף ניעזשינערס אַהער קומען. אָבער ס'האָט אויך אין אים גע־זאָטן די באַליידיקונג: סטייטש! ווי פאַרגעסט מען עס אַזוי אַ חבר?! חברים?! דאָ פּלאַנט מען אַ נייעם זשורנאַל און ער, גאָרנישט. יאָגט זיך שוין ווידער נאָך עפּעס אַ קליידל... ער וועט עס אים זאָגן אין פּנים אַריין! זאָל ער זיך נאָר וויזן פאַר זיינע אויגן! ס'האַרץ זאָגט אים, אַז ער וועט זיך מיט אים צעקריגן...

אָבער, אַז הערשעלע איז אַרויס אים באַגעגענען, און ער האָט אַ קוק געטאָן ניעזשינערן אין פּנים, איז אינעווייניק אין אים עפּעס געבליבן שטיל. ער האָט דערזען, אַז מיט ניעזשינערן איז עפּעס נישט גוט. שטאַרק נישט גוט.

זיי זענען אַריין אין צווייטן צימער, וואָס אַנקע רופט עס דער „קאַבי־נעט". דאָ אין „קאַבינעט" איז חוץ הערשעלעס שרייבטיש, געשטאַנען אַ שמאָלע קושעטקע, אַן אַלטע וויגשטול און אויף דער וואַנט איז גע־האַנגען אַ פּאָליצע מיט ביכער. אַן אַלטער וואַנטזייגער האָט אויסגעקלונגען די שעהען. די אַלע חפצים האָבן אויסגעזען ווי אַריבערגעטראָגן אַהער פון אַן אַלטוואַרג־געשעפט, אָבער זיי זענען געווען ציכטיק און צוגעגלעט פון אַנקעס האַנט.

הערשעלע האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן שרייבטיש. די אויגן זיינע האָבן נערוועז געפינטלט און נאָכגעפאָלגט ניעזשינערן ווי ער זעצט זיך אַראָפּ אין וויגשטול, פאַרשרויפט אַ פוס איבער אַ פוס ווי אַן עגבער, פאַררויכערט און שוויגט.

נאָכן אָפּשווייגן אַ קורצע ווייל האָט ניעזשינער ווי אָפּגעציילט פיר ווערטער:

— נישט גוט, צום פּגרן.

— פּגרן? פאַרוואָס עפּעס פּגרן?!

ניעזשינער האָט זיך געמאַכט נישט הערן די איראָניע אין הערשע־לעס טאָן. ער ווייסט דאָך, אַז הערשעלע איז איצט קעגן אים אָנגע־סטרויעט און ערגעץ ווו איז ער דאָך גערעכט אויך. דערפאַר רעגט אים נישט אויף די איראָניע הערשעלעס. הערשעלע איז פון אים געקריוודעט און ער ווייזט עס אים אַרויס. אָבער דאָס מינערט נישט זייער חברשאַפט און דאָס, וואָס ער קען רעדן פאַר הערשעלען קען ער נישט רעדן פאַר קיין אַנדערן, אַפילו איצט ווען הערשעלע איז טראַציק.

— זעט אויס, אַז מרים גייט זיך פאַנאַנדער מיטן מאַן... — האָט ניע־זשינער אָנגעהויבן רעדן ווי צו זיך אַליין. — ווי איז מיר! כ'האָב דאָך באַדאַרפט וויסן פריער, אַז כ'וועל מאַכן אַ תל פון איר רו!ק לעבן! זי זאָגט אָבער, אַז נישט איך האָב עס צעשטערט, און אַז נישט צוליב מיר גייט זי זיך פאַנאַנדער מיטן מאַן און זי מיידט מיך אויס. איר פאַרשטייט אַ לאַגע? — —

— ט'האָסטו דיר אַ נייעם סקאַנדאַל! — האָט הערשעלע אַ טראַכט גע־טאָן. — זיך שוין ווידער אַריינגעפּלאָנטערט אין אַ נייעם פּלאָנטער! ס'האָט

זיך הערשעלען געוואָלט אַריינשרייען זיין חבר אין פּנים אַ גראָב וואָרט. אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט ברענגען דערצו. די טיפע פאַרערונג צו דעם, וואָס זיצט דאָרט געבויגן אין שטול, האָט אים דאָך נישט דער־לאָזן. האָט הערשעלע בלויז געפינטלט מיט די אויגן און געוואַרט, וואָס נאָך האָט אים ניעזשינער צו זאָגן? —

ניעזשינער האָט מער גאָרנישט געהאָט צו זאָגן. די גרינע אויגן זיינע האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ מוטנע גרוי הייטל, און ער האָט גלאָט געקוקט פאַר זיך און געגרויכערט. זיין שמאָלע פלייצע האָט זיך אויסגעבויגן ווי אַ רייף.

— כ׳זע נישט איין וואָס איר דאַרפט דאָ זיין אַזוי נידערגעשלאָגן... — האָט הערשעלע פּלוצים אַ זאָג געטאָן.

ניעזשינער האָט אים שאַרף אַ קוק געטאָן אין פּנים.

— כ׳האָב געמיינט... — האָט הערשעלע אָנגעהויבן ציען די ווערטער, — אַז נאָך דער געשיכטע מיט יענער, מיט לילען, זענט איר שוין פּטור און אויסגעהיילט פון די זאַכן... כ׳האָב געמיינט, אַז מער וועט איר זיך שוין נישט פאַרליבן... (ווי מאָדנע, אָבער די חברים האָבן זיך געאירצט).

— הערשעלע, איר זייט דאָך טאַקע אַ טיפּש... — האָט ניעזשינער אויסגעצויגן די ווערטער. — איר פאַרשטייט אַפּנים טאַקע גאָר־גאָרנישט.

— אוי, פאַרשטיי איך! איך פאַרשטיי שוין זייער גוט, אַז איר פאַר־שטייט נישט דעם ווערט פון די־אַ זאַכן, אָבער איך פאַרשטיי, אַז ס׳איז דרעק...

— הערשעלע, הערט אויף שפּילן דעם ציניקער.

— ווער שפּילט? כ׳מיין עס גאַנץ ערנסט! כ׳האָב עס דאָך געזען ביי אייך אַליין... באשר איר האָט נישט געלערנט פון אייער אייגענער דער־פאַרונג...

— הערשעלע, נישט יעדע דערפאַרונג איז די אייגענע.

— אַזוי?... איר זייט, הייסט עס, טאַקע פאַרליבט?...

און הערשעלע האָט געטאָן אַ שפּרונג אַראָפּ פון שרייבטיש. ניעזשי־נער האָט אַ האַלבן שמייכל געטאָן און הערשעלע האָט גענומען שפּאַנען איבערן „קאַבינעט" הין־און־הער. שפּאַנענדיק האָט ער פאַרפלאָכטן און

אָפּגעפּלאָכטן די צען פינגער פון זיינע גרויסע הענט און געקנאַקט יעדן פינגער־ביינדל באַזונדער. זייטיק האָט ער אַ קוק געטאָן אויף ניעזשי־נערן, ווי ער זיצט דאָרט אַזוי־אַ, און עפּעס האָט אים אַ קאַלופּע־געטאָן ביים האַרץ. פּלוצים איז ער געבליבן שטיין קעגנאיבער זיין חבר.

— הערט זשע בעסער מיך אויס: אַט די מרים וועט איך נישט אָפּ־לאָזן! דאָס חנדלט זי זיך איצט מיט אייך. באשר אייך דאַכט זיך, אַז כ׳קאָן נישט קיין ווייבער. כ׳קאָן זיי זייער גוט. כ׳קאָן זיי בעסער ווי איר... אַ פּאָעט, אַפילו דער בעסטער, קאָן זיך פּאַרגינען זיין נאַאיווּ, אַפילו אַ נאַר אויך. ס׳שאַדט אים נישט... אַ פּראָזע־שרייבער מוז אָבער צום טאַלאַנט — האָבן שכל... איר פּאַרשטייט? אַ פרוי לאָזט נישט איבער אַ מאַן ביז זי פּאַרזאָרגט זיך נישט מיט אַ צווייטן... אויב זי איז טאַקע אַוועק פון מאַן, האָט זי אייך אויפן אויג און זי וועט אייך אָפּזוכן. וואַרט און האָט נאַר געדולד וועט איר זען, אַז כ׳ווייס וואָס איך רעד...

ניעזשינער האָט אויפגעהויבן אַ צעשמייכלט פּנים. ס׳איז אים געפעלן הערשעלעס שקאַצעריי, זיין באַרימעריי, אַז ער קאָן ווייבער... סיי־ווי איז אָבער מעגלעך, אַז אין הערשעלעס רייד באַהאַלט זיך אַן אמת... האָט ניע־זשינער געטראַכט. אַפילו אויב זי, מרים אַליין, ווייסט נאָך נישט דעם אמת...

הערשעלע האָט פּלוצים רויקער אַ זאָג געטאָן:

— איך לאָז אייך היינט פון דאַנען אַזוי גיך נישט אַוועק. אירט באַלד מיט אונדז עפּעס איבערבייסן און איך מוז מיט אייך אַ רעד טאָן וועגן די עסקים אַרום זשורנאַל — — כ׳האָב אייך נעכטן געזוכט אין קאַפע, גע־זעסן דאָרט מיט יעקב שאַר און געוואַרט, טאָמער וועט איר אַריינקומען... געוואָלט אייך דערמאָנען, איר האָט דאָך אוודאי אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז היינט קומען אַהער אַרויף די ״לאַפּאַצאַנעס״. (די יונגע שרייבער.) וואָדען! איר האָט זיכער פאַרגעסן... אָך יאָ, ס׳איז אָנגעקומען דער טשעק, דער האָנאָראַר פאַר אייער באַלאַדע, כ׳האָב עס אַרויפגעטראָגן צו חנהקען, ווי איר האָט געבעטן...

געוואָלט האָט הערשעלע צוגעבן, אַז ס׳וואָלט נישט געשאַדט ווען ער, ניעזשינער, גייט אַליין אַהין אַרויף. ער האָט אָבער באַלד דערזען, אַז

דער פריערדיקער מילדער שמייכל איז פון ניעזשינערס פּנים פאַרשוווּנדן, דאָס פּנים זיינס איז מיט אַ מאָל געוואָרן שטייף און פאַרעקשנט און הערשעלע האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט.

— אַך, איך נוץ אייך אויס, הערשעלע. איך ווייס... — האָט ניעזשינער איבערגעבראָכן די שטייפקייט — — און וואָס קאָן איך טאָן? אוודאי ראַטעוועט איר מיך דערמיט, וואָס איר גייט אַהין אַרויף... כ׳האָב אייך אָנגעהאָנגען אַן עול. אַ, ווי איך טויג נישט פאַרן לעבן. — האָט ניעזשינער גערעדט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ.

— נו, נו, — האָט הערשעלע אַ רוף געטאָן. — פון דעסטוועגן, אפשר פאָרט באַדאַרפט אַרויפגיין אַליין... אויב איך מעג זיך דאָס דערלויבן אייך זאָגן...

— איר ווייסט וואָס איר רעדט?! — האָט ניעזשינער אים אָנגעקוקט האַרט. — ניין, איר ווייסט נישט, און איר פאַרשטייט נישט, אַז חנה קאָן נישט אויפנעמען מיין אַרויפקומען אין הויז גלאַט אַזוי, זען די קינדער. אויב כ׳קום אַרויף מוז איך דאָרט בלייבן מיט איר. זיין אַ מאַן צו איר ווי גאָט האָט געבאָטן... ווי ביז אַהער... איר פאַרשטייט? אָבער כ׳קען עס דאָך נישט מער. כ׳קאָן נישט. ס׳איז פאַרפאַלן, פאַרפאַלן...

הערשעלע האָט זיך דערלאַנגט אַ קראַץ אין שפּיץ בערדל. דער אמת איז, אַז ער האָט אַלץ געהאָפט, אָט היינט, מאָרגן, וועט ניעזשינער זיך אומקערן פון „יענער" צו חנהן אַ מידער, אַן אַנטוישטער, און טאַקע נישט אַנדערש ווי אַ מאַן צו אַ ווייב.. דערביי וואָלט ער אויך צוריק געוואָרן אַ טאַטע צו די קינדער. אין מיטן איז ווי אַ שטן אויסגעוואַקסן די מרים...

ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און אַנקע איז אַריין מיט איר ברייטן שמייכל אויף די ליפּן: — מ׳זאָל איר אַנטשולדיקן, דאָס עסן ווערט קאַלט...

ווען אַנקע האָט אַראָפּגעשאַרט די ברעקלעך פון טיש, איז ניעזשינער געזעסן אַ פאַרווייעטער מיט שלאָף. דער קאָפּ איז אים געווען אַריינגעצויגן צווישן די אַקסלען און ער האָט זיך אין גאַנצן אונטערגעגעבן דער מידקייט, וואָס האָט אים איינגעהויקערט. ס׳איז נאָך געווען פרי אין אָוונט און די קאַלעגן־שרייבער וועלן אַהער קומען אין אַ שעה אָדער צוויי. הער־

שעלע, וואָס האָט די גאַנצע צייט אַרויסגעקוקט אויף דעם שמועס מיט ניעזשינערן וועגן יענע ענינים אַרום נייעם זשורנאַל אײדער די אַנדערע קומען זיך צוזאַמען, האָט איצט נישט געהאַט קיין מוט פאַנאַנדערטשוכען דעם צונויפגעהויקערטן חבר זיינעם און אַנקע האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר ווילט זיך אפשר צושפּאַרן אויף דער קושעטקע ביי הערשע־לען אין צימער? עפּעס זעט איר מיר אויס נישט מיט אַלעמען...

— אַ דאַנק, אַנקע, אַ דאַנק. איך בין פּשוט מיד און שלעפעריק. כ׳בין ווינציק געשלאָפן די פאַרגאַנגענע נאַכט. — כ׳וועל מיך צולייגן, אַ דרעמל טאָן אַ פּאָר מינוט.

# קאַפּיטל 4

ניעזשינער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער האַרטער קושעטקע אין הערשעלעס קאַבינעט און איידער ער איז נאָך רעכט איינגעשלאָפן איז ער אַרייַנגעפאַלן אין אַ געוועב פון חלומות, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם גאַנג פון טאָג, זיין וואַרטן אויף מרימען אויף דער בריק, זיין לאָזן זיך גיין צו מרימען אַהיים און פאַרפלאָנטערן זיך אין דער טראַפיק אויף דער בריק־פלאַזאַ. נאָר דאָ, אין געוועב פון חלום איז מרים געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט פון טראַפיק און אַלץ צוגעזען... געזען אַז ער שטייט ווי אַ פלאָקן און די טראַפיק דרייט זיך אַרום אים אָן אַן אָפּשטעל און ער קען פון דעם פלאָנטער נישט אַרויס...

מרים האָט זיך געלאָזן אַוועקגיין און ער האָט געוואָלט אַ געשריי טאָן, זי זאָל נאָך צוואַרטן אויף אים, ער גייט מיט איר. אָבער זיין קול איז נישט אַרויסגעקומען... זיין קול איז גאָר אַראָפּגעזונקען טיף, טיף אין אים. אַ שרעק האָט אים אַרומגענומען. ער מוז צוריק געפינען זיין קול — — ער מוז אַ געשריי טאָן, — ער האָט זיך געראַנגלט מיט עפּעס אַ פינצטערן כוח. מיט אַ מאָל האָט ער געוווסט אַז ער שלאָפט, און דער שלאָף האַלט אים געבונדן און וויל דערשטיקן זיין קול... אָבער ער וועט זיך נישט לאָזן! ער וועט זיך אַ באַרע טאָן מיטן שלאָף, ער האָט געטאָן אַ געשריי, און זיך אַרויסגעריסן פון שלאָף — — —

אין צימער איז געווען פינצטער. אין דער פינצטער האָט ער נישט באַלד באַנומען ווו ער געפינט זיך. ער האָט אָבער דערהערט שטימען, וואָס זענען געקומען פון אַנדערן צימער, באַקאַנטע שטימען פון זיינע חברים, און ער האָט געוווסט, אַז ער דאַרף אויפשטיין און אַרייַנגיי־אַהין. אין דער אייגענער צייט האָט עס אים געצויגן ווידער צו שליסן די וויעס. ער האָט זיך אָבער מיט צוואַנג אַ ריס געטאָן פון דער קושעטקע, אַ דראָזשע געטאָן און געעפנט די טיר צום אַנדערן צימער. ס׳האָבן פון

דאָרטן אַ שאַל געטאָן די שטימען פון זיינע חברים און ס'האָט אַ כוואַליע געטאָן מיט ציגאַרעטן־רויך.

— אָט איז ער דאָך, דער ניעזשינער! — האָט יעקב שאָר אויסגעזונגען און איז אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אויסגעשטרעקטע הענט. — כ'האָב אייך נישט געזען שוין אפשר אַן אייביקייט... — און שאָרס ליפּן האָבן זיך אויפגעוויקלט אין אַ ווייכן שמייכל.

— נו, אפשר קען מען שוין אָנפאַנגען? — האָט הערש בערמאַן אַ רוף געטאָן מיט אומגעדולד ווי ער וואָלט נאָר געוואַרט אויף ניעזשינערס באַווייזן זיך.

ניעזשינער האָט זיך געטשוכעט פון שלאָף, געקנייטשט די אַקסלען, און כאָטש אין דעם געפּאַקטן צימער איז געווען וואַרעם, האָט ער אַ דראָזשע געטאָן ווי פון קעלט.

שאָר האָט זיינע אויגן נישט אַראָפּגענומען פון ניעזשינערן. ער איז אים עפּעס ווי מקנא געווען זיין פאַרוואָגלט לעבן, דאָס נישט אויסגעשלאָפן זיין... אָט אַזוי דאַרף לעבן אַ פּאָעט! אָט אַזוי דערפילט מען טיף לידער... אַ פּאָעט מוז אַרויס פון דער נאָרמאַלער קאָליע פון לעבן... — האָט זיך שאָר געזאָגט און די ליפּן זיינע האָבן געשמייכלט און די אויגן האָבן געטרויערט.

הערש בערמאַן איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט אַרויפגעלייגט זיין ענערגישע האַנט ניעזשינערן אויפן אַקסל. — איך מוז מיט אייך רעדן. אָבער נישט איצט. שפּעטער. — ער איז געגאַנגען צום טיש עפענען די זיצונג.

דאָס צימער איז געווען פול און דער רויך פון ציגאַרעטן האָט זיך געקנוילט אַרויף צו דער סטעליע.

אין סאַמע ווינקלצימער האָט זיך פאַרקליבן איטשעלע ליכטנשטיין. דאָס ציגאַרעטל האָט זיך אַליין געררויכערט צווישן זיינע פולע ליפּן. ער איז שוין נישט דאָס דינע ייִנגל וואָס ער איז געווען. דער דיך האָט אים אָנגעהויבן וואַקסן ברייטלעך. די ברוסט איז ווי אויף הייוון אויפגעגאַנגען און דאָס ליכטיקע גאָלד פון די האָר האָט אָנגעהויבן ווערן מאַט... אָבער די

לאָקן זייגע זענען נאָך אַלץ געווען פאָרזיכטיק צעשויבערט און האָבן זיך געבאָמבלט איבער זיין מילכיקן שטערן אַראָפּ־צו די בלוי פיאָלעטע אויגן.

איטשעלע האָט זיך געמאַכט נישט זען ניעזשינערס אויסטערליש באַוויזן זיך דאָ אין צימער. פונקט דעמאָלט האָט ער פון זיין וועסטל־קעשענע אַרויסבאַקומען אַ דין ספּרל מיט קליינע נקודות און האָט זיך מיט דעם ספּרל אין האַנט אָנגעהויבן וויגן ווי איבער אַ סטענדער. איטשעלע איז קיינעם נישט מקנא. אויך ער איז שטאַרק געדייצט פון ניעזשינערס טאַלאַנט. ניעזשינער פּלעפט אים און איבעררעשט אים גאַנץ אָפט מיט דער פרישקייט און נייקייט פון זיין וואָרט. אָבער ער וועט עס נישט לאָזן מערקן ווי די אַנדערע קאָלעגן. פאַרקערט, ער וועט מאַכן אַ נאַיוו פנים ווען אַנדערע זענען באַגייסטערט. אָדער ער וועט פאַרגלאָצן די אויגן צו דער סטעליע און אַ שעפּטשע טאָן שאָרן אָדער הערשעלען אויפן אויער, אַז ניעזשינער פליט צו־הויך אַוועק מיט דער מוזע... ער וועט אויך אַ געמאַכטן זיפץ טאָן אויף ניעזשינערס ערנסטע פאַרליבענישן... ער, איטשעלע, איז צו־קלוג פאַר די זאַכן. ער ווייס אַז ער איז קלוג און די חברים האַלטן אים פאַר אַ חכם.

די חכמה איטשעלעס ווערט מער דערפילט ווי דערהערט. איטשעלע רעדט ווייניק און אָפט אַפילו מיט אַ שטאַמל. שטאַמלענדיק זענען אָפט זיינע לידער. דאָך פילן זיינע קאָלעגן אין אים דעם וואָגיקן דיכטער און פירנדיקן כוח. מער פאַר אַלע פילט עס ניעזשינער. ער ווייס, אַז איטשעלען קומט נישט אָן דאָס וואָרט אַזוי גרינג ווי אים. אוודאי ווייס ער, כאָטש איטשעלע באַהאַלט עס, ווייס ער מיט וויפל יסורים איטשעלע באַקומט אַרויס פון זיך דאָס וואָרט פאַר זיין ליד; און ווי איבערקלייבעריש איטשעלע איז מיטן וואָרט — און אַז ביז ווייטיק איז ער אינעם יידישן וואָרט פאַרליבט און צערטלט עס שטענדיק אויף די ליפּן...

איטשעלע און ניעזשינער — זיי ציען זיך צו און שטויסן זיך אָפּ. ציען זיך צו מחמת זיי פילן שאַרף איינער דעם אַנדערנס טאַלאַנט. שטויסן זיך אָפּ — מחמת ביידנס טאַלאַנט איז אַנדערש און אָפט פאַרטראָגן זיי זיך נישט. אַמאָל טוט זיך ביי איינעם פון זיי אַ כאַפּ אַרויס אַ וואָרט שאַרף

ווי אַ שווערד און זיי שטייען אָנגעגורט איינער קעגן אַנדערן — אָט — אָט... אָבער זיי ציען קיין מאָל נישט די שווערדן...

דאָ אין צימער זענען געווען נאָך טאַלאַנטפולע שרייבער, וואָס האָבן אָבער נישט פאַרמאָגט קיין פירנדיקן כוח. אויך אַ צאָל אָנפאַנגער, וואָס זענען געזעסן אין שטומער התלהבות און אַרויפגעקוקט צו די, וואָס קאָנען פירן.

איטשעלע ליכטנשטיין האָט צוגעמאַכט דאָס ספרל מיט די קליינע נקודות, אויפגעהויבן די פּיאָלעטע אויגן צו דער סטעליע, פאַרקנייטשט דעם ווייסן שטערן און אַ זאָג געטאָן:

— נו?...

די זיצונג האָט זיך געעפנט. הערש בערמאַן פירט דעם פּאָרזיץ. די יונגע גבורה זיינע רייסט זיך צום פראָנט, צו פירערשאַפט. קיינער אין דער גרופּע פאַרמאָגט נישט אַזויפיל איבערשוימענדיקע ענערגיע, אימפּעט, אַמביציע. ער האָט שוין פאַרעפנטלעכט עטלעכע ראָמאַנען, האָלט שטענ־דיק אין מיטן אַ ניי ווערק, דערביי איז ער אַ גרויסער אויפטוער ביים אַרויסגעבן די צייטשריפטן; ער נעמט אויף זיך די שווערסטע אַרבעט. און דאָך, און טאַקע צוליב זיין אימפּעט, זיין אַמביציע, בלייבט ער פרעמד דעם גרעסטן טייל קאָלעגן זיינע. הערשעלע קאַליש פאַרטראָגט אים אין גאַנצן נישט. ער לייקנט אַפילו אָפּ זיין טאַלאַנט... ער פאַרטראָגט נישט די אונטערנעמערישקייט זיינע, זיין קענען דורכפירן אַלץ צו דער צייט און מיטן קנאַק. ער, הערשעלע, איז אויך אונטערנעמעריש, ער פאַרשטייט און האָט ליב די געשעפטלעכע זייט אַרום ביכער און זשורנאַלן, אָבער ביי אים קומט קיין איין זאַך נישט אַרויס פּינקטלעך און נישט צו דער צייט. הערשעלע איז ביי זיך דערמיט, חלילה, נישט געפאַלן. פאַרקערט, די נישט פּינקטלעכקייט זיינע, די אָפטע דורכפאַלן אין מסחר, איז ווידער אַ באַוויז, אַז פּינקטלעכקייט, דערפאָלג — פּאָרט זיך נישט דווקא מיט טאַלאַנט... און קעגן הערש בערמאַן האָט ער אַ סך, גאָר אַ סך צו זאָגן. אָבער נישט איצט. איצט טוט ער נאָר נערוועז אַ צוק מיטן אויג בעת ער זעט מיט וויפל זיכערקייט בערמאַן פירט דעם פּאָרזיץ.

דאָס צימער איז געדיכט מיט רויך, מיט רייד, מיט טומל. נאָר איטשעלע ליכטנשטיין טוט פון זיין ווינקל אַ זאָג איין וואָרט און ס׳ווערט שטיל. אין דער שטילקייט ציילט איטשעלע אָפּ זייער פּאַוואָליע, זייער רו׳זיק, די ווערטער זיינע, די קנאַפּע, וואָס טראָגן די וואָג פון טויזנטיאָריקער דערפאַרונג. קיינער וועט איטשעלען נישט באַשטרייטן. אַזוי אמתדיק, אַזוי באַוואָרנט מיט טאַקט און מיט חכמה זענען איטשעלעס געציילטע, עטוואָס שטאַמלדיקע ווערטער.

ניעזשינער טוט אַ שמייכל, מאַכט אַ צייכן מיט זיין האַנט אין דער לופטן ווי ער וואָלט געלייגט אַ חתימה אויף איטשעלעס געציילטע ווערטער.

הערשעלע איז געוואָרן רו׳זיק, כמעט פריילעך. ער האָט דאָך שוין געזען, אַז איטשעלע ליכטנשטיין און ניעזשינער וועלן האָבן צו זאָגן איבער דעם נייעם זשורנאַל. און ווער איז אים נאָך אַזוי נאָענט ווי די צוויי?

אַנקע האָט אַריינגעטראָגן טיי מיט קיכלעך. זי האָט נאָר געוואַרט, הערשעלע זאָל איר געבן דעם צייכן, אַז די פאָרמעלע טייל פון אָוונט איז געענדיקט. אַלע האָבן מיט אַ מאָל אָנגעהויבן רעדן, זיך איבערשלאָגן די רייד, זיך אַפילו געשמאַק אַריינזאָגן, ווי ס׳טרעפט אין יעדער גרויסער משפּחה. באַלד וועט מען אויך אין די ווינקלען איינער פאַרן אַנדערן לייענען דאָס לעצטע אָנגעשריבענע ליד, זיך אַריינקוקן אין די אויגן, וואַרטן, וועלן הערן דאָס גוטע וואָרט — די איינציקע באַלוינונג — זאָג עפּעס...

יעקב שאָר האָט אָפּגעזוכט איטשעלען. יענער האָט שטייענדיק אין ווינקל געטרונקען זיין גלאָז טיי. שאָר האָט אים אָנגענומען ביי דער לאַץ און מיט אַ חסידישן ניגון אויסגעזונגען פאַר אים נישט זיינע, נאָר די לידער פון עלזאַ־לאַסקער־שילער... און בעת איטשעלע האָט זיך צוגעהערט סיי מיט נייגיר, סיי מיט אַ מינע פון אומגעדולד, האָט הערש בערמאַן זיך דורכגעשניטן אַ וועג דורך דער ענגשאַפט פון צימער צו ניעזשינערן. נאָך איידער ער איז צוגעקומען נאָענט צו אים האָבן שוין זיינע אַרויסגעשטעלטע קינבאַקן עפּעס ביי ניעזשינערן געמאָנט.

— נו, וואָס הערט זיך מיט דער פּאָעמע, איר האָט זי שוין פאַרענדיקט? — האָט בערמאַן געמאָנט אָן צערעמאָניעס.

— כ׳מיין... כמעט... נאָך דאָ און דאָרט, עפּעס — —

— טאָ ווען וועט איר דאָס מאַכן? מ׳דאַרף דאָך שוין גיין צום דרוק, צוליב אייך וועט מען דאַרפן אָפּהאַלטן דעם נומער.

— וועט מען אָפּהאַלטן. אָדער מ׳וועט נישט אָפּהאַלטן. אויף מיר שטייט די וועלט?

— פּאָלגט מיך, — האָט בערמאַן מיט אַ מאָל געביטן דעם טאָן. — כאַפּט זיך אַריין אין צווייטן צימער און ביז וואָס־ווען, ביז מ׳וועט זיך דאָ אָפּטומלען, וועט איר האָבן פאַרענדיקט. ס׳וועט זיין ווי געפונען, איך וועל עס מיטנעמען מיט זיך און באַלד געבן זעצן.

— דרייט נישט קיין קאָפּ! — האָט ניעזשינער אַ זאָג געטאָן און באַלד זיך קאָנטראָלירט. ער האָט זיך געצווונגען אַ שמייכל טאָן — וואָס עפּעס אין מיטן דערינען? דאָ איז אַזוי פריילעך, טומלדיק, אַ מחיה!

— פּאָלגט מיך. — האָט בערמאַן איבערגעחזרט דאָס פריערדיקע און אַרויפגעלייגט זיין קרעפטיקע האַנט ניעזשינערן אויפן אַקסל. — טוט עס איצט — — —

— לאָזט צורו! — האָט זיך ניעזשינער אַ קאַרטשע געטאָן. — קאָנט איר טאַקע אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן דעם תכלית פון זאַכן? טאַקע ליטעראַטור! אָבער כ׳מיין...

אין מיטן גערייד, האָט זיך געעפנט די טיר און אין צימער איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי אין אַ געפּאַסט זשאַקעטל, אַ קאַראַקולן היטעלע איז געלעגן אָנגערוקט אויף איר שטערן, די הענט האָט זי געהאַלטן אין אַ מופטעלע. זי האָט זיך אַרומגעקוקט אַ ביסל פאַרווירט.

אָנקע איז איר באַלד אַנטקעגן געקומען מיט אַ שמייכל.

— אירט נישט פאַרבלאָנדזשעט, דזשוליע, קומט אַריין, קומט אַריין!

— כ׳האָב טאַקע געמיינט... — האָט דזשוליע אַ גיכן לאָך געטאָן. — כ׳גיי פאַרביי, ערשט כ׳זע ביי אייך איז ליכטיק אין אַלע פענצטער. טראַכט איך, מ׳דאַרף אַרויפגיין. שוין לאַנג אייך נישט געזען. אָבער אפשר שטער איך?...

— חלילה! איר שטערט נישט. וואָס פאַלט אייך איין! — איז הער־שעלע אויסגעוואַקסן לעבן איר. — אַדרבא, איר זייט אַ גוטער גאַסט. גע־

קומען פונקט אין צייט. קומט, אַט וועל איך אייך באַקענען מיט אַלעמען הורטאַם. אייניקע קענט איר דאָ דאַכט זיך. — ער האָט אָנגענומען דזשו־ליען ביים אָרעם — דאָס איז דזשוליע פּאַלאַנסקי, מיינס אַ משפּחה. זי אַרבעט אין דערבייאיקן שפּיטאָל ווי אַ קראַנקן־שוועסטער, אָבער אַ שיין ווייבל איז זי!

דזשוליע האָט ווידער אַ לאַך געטאָן גיך און אָפּגעהאַקט.

ביים טיש האָט זיך איינער אַ הויב געטאָן, אַנדערע האָבן בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. יעקב שאָר האָט צונויפגעצויגן די ברעמען. זיינע שמאָלע אויגן האָבן זיך פאַרהאַלטן לענגער אויף דזשוליעס טונקל, שמאָל פּנים.

אַנקע האָט איר דערלאַנגט טיי.

— טרינקט, דזשוליע.

הערשעלע האָט זיך נאָכגעפרעגט צי זי האָט בריוו פון מאַן און וואָס שרייבט ער נייעס?

דזשוליע האָט געענטפערט אין איין אָטעם מיט איבערגעהאַקטע גע־לעכטערס, אַז לויט זיינע בריוו פאַרווילט ער דאָרט, אין פּאַלעסטינע, גאַנץ אינטערעסאַנט... (דזשוליעס מאַן איז אין איינעם מיט אַ סך אַנדערע יונגעלייט פון אַמעריקע אוועק דינען אין יידישן לעגיאָן.) פאַר אַנקען האָט דזשוליע דערציילט מער אויספירלעך וועגן איר מאַנס בריוו.

— און ווייסט אַנקע וואָס נאָך אליעזר שרייבט אין זיין לעצטן בריוו? ער האָט דאָרטן באַגעגנט אלישבען... געדענקסט, אַנקע, זיין אַמאָליקע כלה?... זי האָט זיך שוין געגט מיט איר מאַן... זי איז געוואָרן שענער. — שרייבט אליעזר, זי האָט מער נישט קיין פרישטשעס אויפן פּנים...

און דזשוליע האָט געלאַכט, געריידט אימפּעטיק, ווי אַ קינד, וואָס וויל אָנהאַלטן די אויפמערקזאַמקייט צו זיך.

די פריערדיקע ליטעראַרישע שמועסן האָבן זיך עפּעס אַ בראָך געטאָן מיט דזשוליעס אַריינקומען און ס׳האָט זיך שוין נישט אַזוי געקניפּט און געבונדן ווי פריער.

ניעזשינער האָט זיך געכאַפּט, אַז בערמאַן איז אים נעלם געוואָרן. ס׳האָט אים איצט, ווי אין די אַלע פריערדיקע פאַלן, אַרומגענומען אַ חרטה־געפיל, הלמאי ער האָט אים ווי געטאָן, אים אָפּגעשטויסן. ער האָט מיט

די אויגן אים אַ זוך געטאָן איבערן צימער און אים דערזען זיצן אָפּגעזונ־דערט, אַליין, די פּעסטע קין אָנגעשפּאַרט אָן זיין קרעפּטיקער האַנט, האָט ער אין דער פּאָזע דערמאָנט ראָדענס סטאַטוע „דער דענקער"... איטשעלע האָט אַמאָל בערמאַנען אָנגערופן: „דער יונגער טראַכטער"... ניעזשינער האָט איצט אַ שמייכל געטאָן: ווי טרעפלעך! אָבער דער פריערדיקער כעס אויף בערמאַנען איז שוין געווען צערונען; רו:יק האָט איצט ניעזשינער געטראַכט: נו גוט, ער, בערמאַן, וויל בויען זיין אייגענע קאַריערע גיך, גיך, מיט דער האַרי אָפּ־טעמפּאָ פון אַמעריקע — זאָל ער. ווער שטערט אים? ער רייסט זיך צו פירערשאַפט — גוט! וואָס אָבער וויל ער פון אים? וואָס רייסט ער פון אים די לידער נאָך איידער ער שרייבט זיי אָן, ווי ס'וואָלט געווען אַ מין בהלה, אַ פאַרמעסט מיט עמעצן! וויפל מאָל ער האָט אים שוין אָפּגעשטויסן מיט כעס, אָבער ס'העלפט נישט. ער האָט זיך פאַרנומען צו זיין געוויסן...

ניעזשינער דערמאָנט זיך אָן אָוונט טאָקע דאָ, ביי הערשעלען אין שטוב. עטלעכע קאָלעגן האָבן זיך דאָ געהאַט געטראָפן איבערשמועסן אַ ליטעראַרישן ענין. שפּעטער האָט ער מיט איטשעלען זיך געזעצט שפּילן אַ שאָך. בערמאַן האָט אויף אים אַ קוק געטאָן מיט אַ פּנים ווי ער וואָלט זאָגן: ווי קומסטו צו שאָך? דו פוילענצער! גיי בעסער שרייב אָן די לידער, וואָס דו האָסט מיר געשעפּטשעט אין אויער נעכטן...

נו, אוודאי, ער ווייס, אַז ער איז נישט קיין געוואַלדיקער שאַך־שפּילער און איטשעלע קען אים דאָרט מאַכן אויסצודרייען. אָבער ער האָט פאָרט ליב יעדן מין שפּיל. אַפילו קאָרטנשפּיל... דווקא דעמאָלט שווימען אָן לידער אין זיין מוח און צעטומלען זיין גאַנג... אַמאָל פאַרבאַהאַלט זיי דער זכרון, אַמאָל — נישט... נאָר פאַר אים איז אין יענער מינוט שטאַרק נויטיק די שפּיל... בערמאַן פאַרשטייט עס אָבער נישט. יענעם אָוונט איז ער נישט אָפּגעטראָטן פון אים. ער האָט געזען ווי ער פאַרלירט אין דעם שאַך־שפּיל מיט איטשעלען און ער האָט אים געיאַדעט: „זאָל ער זיך אויפ־הערן שפּילן! זאָל ער גיין אַהיים און פאַרשרייבן די פערזן פון יענעם מעשהלע; ער וועט עס פאַרגעסן און ס'וועט בלייבן נישט אָנגעשריבן..."

מיט כעס האָט ער אים דעמאָלט אָפּגעטריבן פון זיך. איז אַזש אַריין אין אַ צאָרן און בערמאַן איז אַוועק אַהיים אַ באַליידיקטער. ערשט דעמאָלט האָט ער געוואָרפן די שפּיל, ווייל אין אים האָט עפּעס אָנגעהויבן ווייבען... ס׳איז געווען בערמאַנס געווין אויף זיין, ניעזשינערס תכלית...

יענע נאַכט האָט ער אָנגעשריבן דאָס קינדער־מעשהלע, וואָס שטי־קער פערזן האָט ער פריער געשעפּטשעט פאַר בערמאַנען. די גאַנצע צייט פון שרייבן איז בערמאַנס באַליידיקטער שאָטן געשטאַנען הינטער זיין פּליי־צע... נו, אוודאי איז ער אים געטריי און ער וויל אים פאַרזאָרגן מיט תכלית, דער אָרעמער בערמאַן! ער וויל פאַרזאָרגן די ליטעראַטור אויך. דער אמת איז, אַז ער קאָן זיך עפּעס פון בערמאַנען נישט באַפרייען און ער, אפּנים, וויל עס נישט אויך...

ניעזשינער איז איצט צו צו בערמאַנען ווי ער איז דאָרט געזעסן מיט דער האַנט אונטערגעשפּאַרט די קין אַ פאַרטראַכטער. ער איז געשטאַנען פאַר אים מיט אַ חרטה־שמייכל:

— זעט איר, איר האָט ווידער אויסגעפירט. איך גיי אַריין צו הער־שעלען אין צימער פאַרענדיקן די פּאָעמע און איך טו דאָס צוליב אייך, ווי איך בין אַ ייד! הערשעלע וועט עס שוין איבערגעבן דעם זעצער.

און ניעזשינער איז פאַרשוווּנדן מיט זיינע לופטיקע טריט.

פון גרויס עמאָציע זענען טרערן אָנגעשפּרונגען אין בערמאַנס אויגן. ער האָט געוואָלט אים נאָכשרייען: „כ׳האָב דיך ליב אָט־אַזוי ווי דו ביסט! כ׳האָב דיך ליב פאַר דיין זיסן טאַלאַנט, דיין שפּרודלדיקן וואָרט און יינגלשן חן, און אפשר אויך — פאַר דער אומתכליתדיקייט דיינער...“

בערמאַן האָט זיך געזעגנט. אויף אים וואַרט אין דער היים זיין אידל, יונג ווייב, דאָס בוידעם־שטיבל מיט דער אַרבעט אַרום זיין ראָמאַן, וואָס ער האָט ליב נישט ווייניקער ווי זיין יונג ווייב.

ס׳איז שוין געווען נאָך איינס ביינאַכט ווען הערשעלע האָט אַרויסבאַ־גלייט די געסט פון הויז. מ׳איז געגאַנגען שטילערהייט אַראָפּ די קרומע טרעפּ נישט אויפצוועקן אַ שכן. אין פינצטערן קאָרידאָר האָט יעקב שאָר צוגעהאַלטן דזשוליעס אָרעם. אויף דער גאַס זענען זיי געבליבן שטיין אָפּגעזונדערט פון די אַנדערע און פון דעם, וואָס שאָר האָט צו איר גע־

רעדט האָט זיך איר געוואָלט לאַכן הויך, אָבער זי האָט זיך פאַרשטעלט דאָס מויל מיט דער האַנט, מחמת די אויסגעלאָשענע פענצטער פון דער גאַנצער גאַס האָבן ווי געזאָגט: זיי שטיל. מ׳שלאָפט... שאַר האָט היימיש־לעך אָנגענומען איר אָרעם אָפּפירן זי אַהיים.

אַרום צוויי ביינאַכט האָט ניעזשינער מיט שטילע טריט זיך אַרויסגע־שאַרט פון הערשעלעס „קאַבינעט״. אויפן שרייבטיש האָט ער איבער־געלאָזן די פאַרענדיקטע פּאָעמע מיט אַ צעטעלע פאַר הערשעלען, ער זאָל עס איבערגעבן דעם זעצער.

אָבער הערשעלע האָט זיך פּלוצים באַוויזן אין שלאָפראָק:

— וווהין לאָזט איר זיך גיין אין מיטן נאַכט, אין אַזאַ קעלט, אַז איר קענט נעכטיקן דאָ, איך וועל אויסבעטן די סאָפקע אין קאַבינעט — — —

ניעזשינער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף ניין, און הערשעלע האָט פאַר אים אויפגעזוכט זיין הוט און מאַנטל. אין האַלב־טונקעלן צימער האָבן ביידנס שאָטן אויסגעזען מוראדיק־גרויס. נאָר איינער איז געווען אַ ביסל גרעסער. און דער גרעסערער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון הויז.

אין דרויסן האָט ניעזשינער אויפגעשטעלט דעם קאָלנער קעגן ווינט און האָט זיך געלאָזן מיט זיינע לאַנגע שפּרייזן שפּאַנען איבער די נאַכטיקע, ברוקלינער גאַסן צו זיך אין מעבלירטן צימערל. איצט זענען זיינע גע־דאַנקען ווידער געווען מיט מרימען: קאָן אַמאָל זיין, אַז זי איז דאָרט געווען. אים געזוכט... געלאָזן אַ צעטעלע... קאָן אַמאָל זיין...

## קאַפּיטל 5

.1

מיט דער וואַליזע אין האַנט איז מרים אַריין צו משהן אין שטוב ווי זי וואָלט פון אַ ווייטער נסיעה זיך אומגעקערט צוריק אין איר אַלטער היים. דאָ, ביי משהן, איז די מאַמע און דאָ איז נאָך אַלץ ווי געווען מיט יאָרן צוריק. דאָ איז משהס ווייב פריידל, די זעלביקע פריידל מיט איר גרוי־קאַרענעם פּנים, ברייטביינערדיקן גוף און מיט איר פּלאַטערדיק האַרץ. פריידל איז שטאַרק צוגעבונדן צו דער גאַנצער משפּחה משהס, מחמת קיין אייגענע האָט זי דאָ נישט. אַזוי איז זי געווען כּלה־וויז און אַזוי איז זי פאַרבליבן.

און משה, ווייל ער איז דער עלטסטער פון חיה שרהס דריי קינדער, האָט ער באַלד נאָכן פאָטערס טויט נאָך דאָרט, אין דער אָרעמער שטוב אינעם קליינעם שטעטל, און שפּעטער אין דער גרויסער שטאָט אין אוקראַינע, געפּרווט מפרנס־זיין די משפּחה און פאַרנעמען דעם טאַטנס אָרט. געפּרווט האַלטן אַן אויג אויף די צוויי שוועסטערלעך מלכה און מרים. מרים, די קליינע, די ווילדע, האָט נישט געפאָלגט, זי האָט זיך אָפּט פאַרזינדיקט און ער, משה, האָט זי אָפּט געמוסרט. מוסרנדיק זי האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין זיין פולן, שיינעם וווקס, געדרייט אַ יונגע, ברוינע וואַנסעלע און הינטער דער וואַנסעלע האָט זיך קוים־קוים באַ־האַלטן אַ שמייכל, ווייל ער האָט געוווסט, אַז די ראָל פון פאָטער פאַסט אים נישט. מרים האָט אים קינדוויז שטאַרק ליב געהאַט און האָט אים קיין מאָל נישט געפאָלגט.

איצט, ווען מרים איז אַריין מיט דער וואַליזע אין האַנט און דערזען פאַר זיך משהס פּנים און ווי ער שטייט מיטן זעלבן געשטעל און דרייט אַ וואַנסעלע, וואָס האָט שוין דאָ און דאָרט אַ גרויען שפּריץ, זענען מיט

אַ מאָל צוריקגעקומען אין איר זכרון אירע קינדער־יאָרן. זיין מוסרן זי ווען זי האָט זיך פאַרזינדיקט, און זי האָט אַ קלער געטאָן; ער זאָל נאָר ווידער נישט פרווון אַריין אין דער ראָל פון פאָטער, וואָרעם איצט איז זי מיד און זי וועט נישט האָבן קיין ברעקל געדולד פאַר זיינע רייד, כאָטש זי האָט נאָך אַלץ ליב זיין שיינעם שמייכל.

די מאַמע איז דאָ געזעסן אויפן אַלטן שטול, מיט פאַרלייגטע הענט. דאָס פנים אירס, ווייך, איינגעהאַלטן, מיט פאַרקלערטע קנייטשן, — און מרים האָט געוווּסט, אַז ווייל די מאַמע איז דאָ, פילט זי נאָך אַלץ אַן אָנגעהעריקייט צו דעם דאָזיקן הויז, פון וועלכן זי איז מיט זיבן יאָר צוריק אַוועק צו דודן. און דאָך וואָלט זי מסתמא אַהער נישט צוריק גע־קומען, ווען זי האָט אַן אַנדער ברירה.

דוד האָט זי פאַרן אַוועקגיין פון הויז אַפילו נישט געפרעגט אויב זי נויטיקט זיך אין געלט... זי וואָלט סיי־ווי ביי אים נישט גענומען. פון אַלע יאָרן האָט זי געפילט אַ פרעמדקייט צו אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט. אַפילו די הויז־ווירטשאַפט, דאָס מעבל, אַלץ וואָס איז געווען אין הויז, האָט זי געפילט, איז זיינס. ער האָט דערויף געאַרבעט. זי פאַרמאָגט גאָרנישט אייגנס. אַפילו נישט אַ שטיקל צירונג. נישט ווייל דוד האָט עס איר גע־קאַרגט, פאַרקערט, ער האָט עס איר ביי אַזויפיל געלעגנהייטן געוואָלט קויפן, נאָר זי האָט עס נישט געוואָלט. נו, איצט ווייסט זי, אַז זי דאַרף איר שטעטל אַליין באַשטיין. זאָל זי נאָר איבערקומען די ערשטע, שווערע שטיקל צייט ביז זי וועט אָפּזוכן עפּעס אַן אַרבעט, זיך איינאָרדענען און אָפּנעמען דינהלען ביי דודן .

דאָ, ביי משהן אין שטוב, האָט מען שוין אייגנטלעך געוואַרט אויף איר קומען. מ׳האָט שוין פון אַלץ געוווּסט און משה האָט געטראַכט : מאַלע וואָס ס׳מאַכט זיך צווישן אַ פּאָר־פאָלק, ס׳וועט זיך איבערדרייען, אָבער דערווייל, וועט ער, משה, האַלטן אויף איר אַן אויג. בעסער זאָל זי זיין דאָ איידער ערגעץ אַנדערש. פריידל האָט צוגעגרייט פאַר מרימען דאָס פראָנט־צימער. דערביי האָט זי געהאָט אַ פאַרדאגהט פנים און אַ שווער געמיט. זי קאָן אין גאַנצן נישט פאַרשטיין מרימס טוונג, אָבער זאָגן מרימען גיין, דו קענסט דאָ נישט זיין — האָט זי אויך נישט געקאָנט. פון

שטענדיק אָן האָט זי פאַר מרימען דרך־ארץ. זי האָט צו איר אַלע מאָל אַרויפגעקוקט כאָטש זי האָט זי קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען. איין זאַך ווייסט פריידל, אַז מרים איז אַנדערש פון אַלעמען אין דער משפחה, מיט דעם בליק אין אירע אויגן, מיט אירע רייד, מיט אַלץ מיט אַן אַנדער. אָפטמאָל וואָלט זי וועלן זיין ווי מרים, אָט פונקט ווי זי וואָלט וועלן זיין די העלדין פון אַ ראָמאַן, וואָס זי לייענט אין אַ צייטונג... אָבער פריידל ווייסט וויל, אַז זי וועט אַלע מאָל בלייבן פריידל און זי וועט קיין מאָל נישט זיין די העלדין פון דעם ראָמאַן, ווייל זי ווייסט נישט מיט וואָס מען עסט עס... האָט זי פאַר מרימען יענעם דרך־ארץ, וואָס זי האָט נישט פאַר קיין אַנדערן אין דער משפחה, נישט רעכענענדיק די שוויגער, — פאַרשטייט זיך. זי וואָלט מרימען אין קיין זאַך נישט געקענט אָפּזאָגן און זי ווייסט, אַז משה, מיט דער גאַנצער געמאַכטער שטרענגקייט זיינער, קען עס אויך נישט...

מרים האָט קיינעם דאָ גאָרנישט געזאָגט און איז גלייך אַריין אין פראָנט־צימער. זי האָט געהאָפט, אַז קיינער וועט זי איצט גאָרנישט פרעגן און זי וועט נישט דאַרפן ווידער ענטפערן ווי זי האָט עס געטאָן מיט אַ טאָג פריער. דער אמת איז, אַז זי וואָלט איצט נישט געוווּסט וואָס זיי צו ענטפערן. זי איז איצט מאָדנע פרעמד זיך אַליין און פרעמד איז איר אַלץ וואָס זי האָט געפילט און געטראַכט ערשט נעכטן... געווען רגעס בעתן פּאַקן אירע זאַכן, ווען זי האָט פאַרגעסן צוליב וואָס דאָס אַלץ איז צושטאַנד געקומען. צוליב וואָס זי גייט זיך פאַנאַנדער מיט דודן... אַלץ האָט זי געטאָן ווי עמעץ וואָלט זי שוין געצוווּנגען... ווי די גאַנצע זאַך וואָלט פאַרטראַכט געוואָרן נאָך מיט יאָרן צוריק און איז געוואָרן איר באַהאַלטענע צוואַנג־אידייע, און איצט מוז זי דאָס ענדלעך דורכפירן... און ס'איז דאָך אמת אויך, אַז די אַלע יאָרן האָבן זיי ביידע, זי און דוד, געוווּסט, אַז זיי זענען זיך האַלב פרעמד און אַז ס'וועט קומען דער טאָג און זיי וועלן זיך אין גאַנצן פרעמד ווערן און האָבן שוין אפשר אויף דעם טאָג געוואַרט... נו, דאָס איז דער טאָג און זי טאָר נישט ווערן אָפּ־הענטיק נאָר דערפאַר ווייל ס'שרעקט זי דאָס אייגענע פריי ווערן און דאָס וואָס זי האָט ביי זיך געקענט פועלן איבערלאָזן דאָס קינד מיט אים...

ס׳באַפאַלן זי שוין מינוטן פון שוואַכקייט, פון וועלן גיין צוריק צום פריערדיקן... צום קינד... פאַרגעסן אין גאַנצן אָן זיך... אָבער ניין, זי טאָר זיך נישט נאָכגעבן. זי ווייסט דאָך, אַז שפּעטער וועט זי האָבן חרטה... ס׳איז שוין איין מאָל אַזוינס געשען... זי איז אַוועק און געקומען צוריק צו דודן און באַלד ווידער געוואָלט אַוועקגיין... איצט מוז זי זיין אויסגעהאַלטן. זי פילט, אַז עפּעס אַ פאַרהוילענער כוח היט זי זי זאָל דאָס מאָל נישט שטרויכלען נאָר זיין אויסגעהאַלטן... נישט בויגן זיך צו דער אייגענער שוואַכקייט...

דאָ אָבער, ביי משהן אין שטוב, זיצן זיי ווי די אבלים. געוויינטלעך, אין אָוונט, אַ מידער פון שאַפּ, כאַפּט משה אַ דרעמל. היינט — נישט. היינט איז ער וואַך. מער פאַר אַלעמען דאָ, האָט מרים געוואָלט אויסמיידן משהן. טאַקע זיין גוטן פּנים מיט דעם שיינעם שמייכל, האָט זי געוואָלט אויסמיידן.

אין פראָנט־צימער האָט זיך מרים אויסגעצויגן אויף דער אַלטער קאַנאַפּע. די אויגן אירע האָבן געשטאַרט פאַר זיך און זיך אָנגעשלאָגן אָן די אַלטע שטיקער מעבל ווי אַלטע פריינד, וואָס זענען געוואָרן פאַרעלטערט און אָפּגעפרעמדט מיט די אַנטלאָפענע יאָרן... מיט אַ מאָל האָט מרים דערפילט, אַז די אָרעמקייט, די אָפּגעשטאַנענקייט פון אָט דער שטוב, וואָס איז אַמאָל געווען איר היים, איז איר איצט טאַקע גאָר, גאָר פרעמד... וואָס איז זי אַהער געקומען מיט איר צער, וועלכער איז זיי פרעמד... וואָס וועט פון איר איצט ווערן ?...

איינציקוויז האָבן די טרערן זיך גענומען קייקלען איבער אירע באַקן.

מיט אַ מאָל איז משה אויסגעוואַקסן לעבן איר. ער איז געשטאַנען אַ ביסל אָפּגערוקט, געקוקט אויף איר מיט די ווייכע, ברוינע אויגן. געדרייט זיין וואָנסעלע איבער זיינע קוים־קוים שמייכלענדיקע ליפּן, גענוי ווי דעמאָלט ווען זי איז געווען אַ קינד. נאָך אַ ווייל שטיין, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— וואָס וויינסטו ? טוסט דאָך וואָס דו ווילסט... האָסט דאָך אַלע מאָל געטאָן וואָס דו האָסט געוואָלט — — טאָ וואָס זשע וויינסטו, האַ ?

— משה, קום אַהער! — האָט פריידל אַ רוף געטאָן מיט איר פלאַ־טערדיק קול.

חיה שרה האָט געלאָזן אירע אַלטע, אָדערדיקע הענט אַראָפּזינקען אין איר שויס. די פאַרטראַכטקייט אירע איז געגאַנגען דורך אַלע קאַרבן־קנייטשן פון איר פּנים. זי האָט אַ זיפץ געטאָן, אַ קוק געטאָן אויף פריידלען מיט געטריישאַפט:

— דו פאַרשטייסט מיין קינד, צו אַ מאַן קאָן מען זיך נישט נויטן... און אפשר איז דאָס נאָר אַזוי מיט די ווייבער אין אונדזער משפחה...

און חיה שרה האָט זיך דערמאָנט אָן איר אייגענער מאַמע, מרימען צו לאַנגע יאָר; דער טאַטע, ע״ה, איז דאָך געווען איר צווייטער מאַן און די מאַמע, רוען זאָל זי אין ליכטיקן גן־עדן, האָט דאָך איר אַליין דער־ציילט וויאַזוי זי איז אַנטלאָפן פון איר ערשטן, מחמת זי האָט זיך נישט געקאָנט צו אים נויטן... און געווען איז יענער דווקא אַ פאַרמעגלעכער, נאָר אַ פּראָסטער קירזשנער און ס׳האָט זיך פון אים געטראָגן דער ריח פון שאָפענע פעל... און זיינע הענט זענען געווען האַרט ווי לעדער בעת ער האָט זי אָנגערירט... און דאָס בלוט אין איר איז געוואָרן קאַלט און פאַרגליווערט... ביז איין מאָל, בעת ער איז אַוועק איבער די דערפער מיט די שאָפענע פעלצן און היטלעך, האָט זי איינגעפּאַקט אין אַ קלומעקל אירע העמדער און קליידער און איז אַנטלאָפן פון דאָרף צוריק אין שטעטל צו איר מאַמע דער אלמנה... דאָס שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָראָם. דער רב אַליין האָט איר באַפוילן צוריקגיין אין דאָרף צו איר מאַן דעם קירזש־נער. אָבער זי האָט נישט געפאָלגט, און אין גיכן איז דער קירזשנער, נעבעך, געשטאָרבן פון דער כאָלערע, וואָס האָט געבושעוועט אין יענעם דאָרף, און דעמאָלט האָט זי גענומען דעם טאַטן, אַ יונגינקן אַלמן מיט פינף פיצלעך קינדער און אַליין איז זי נאָך געווען אַ בלוט יוגנט און זי האָט באַלד אָנגעהויבן קינדלען, און שוין באַלד, מיטן ערשטן קינד ביי דער ברוסט האָט זי זיך געשטעלט אין מאַרק, מיט אַ געשטעל, און געמאָסטן שניט־סחורה פאַר ווייבער און גויעס, געהאַנדלט, געוואַנדלט, וואָרעם דער טאַטע, ז״ל, איז געווען אַ ייד אַ לערנער, מיט איידעלע, שיינע הענט, וואָס האָבן געציקלט די אותיות אויף פּאַרמעט אין ספר־תורות און פאַר־

דינט האָט ער וואַסער אויף קאַשע און זי, די מאַמע, איז פאַר אים געגאַנגען אויף די שפּיץ־פינגער, אָפּגעבידעוועט אַ לעבן און זיך נישט באַקלאָגט. היינט וואָס קאָן זי, חיה שרה, וואָס זי ווייסט צו זאָגן וועגן איר אייגענער מאַמע, וואָס קאָן זי שוין זאָגן איר טאָכטער, איר היינטוועלטיקער מרים? אויב זי טוט חלילה קרום, איז נישט זי, חיה שרה, קאָן דאָ זיין דער שופט. זי ווייסט דאָך נישט בעסער פון דעם, וואָס פירט די וועלט און ווייסט אירע פאַרבאָרגענע וועגן און באַשטימט די מזלות פון מענטשן... מסתמא איז דאָך איר אַזוי באַשערט...

און חיה שרה האָט אָפּגעווישט ס׳מויל מיט דער אַלטער, טרוקענער האַנט און זי האָט געשוויגן. וואָס קאָן זי זאָגן?

.2

מרים איז איינגעשלאָפן אויף דער קאַנאַפּע און ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט איז עס שוין געווען אַ נייער טאָג און זי האָט מיט אַ מאָל אַליין זיך דערפילט ווי אַ נייע. די מיידלשע פרייד פון פריי זיין, פון צו קיינעם נישט געהערן איז צוריקגעקומען. ס׳איז אַ זעלטן ריין געפיל... ס׳דערמאָנט איר אין באָדן זיך אַליין אין אַ דורכזיכטיקן טייך און פילן, אַז דער גאַנצער טייך וואָס שטראָמט, שטראָמט פאַר דיר אַליין... דאָס איז אָפּנים די פרייע מיידלשאַפט נאָך וועלכער זי האָט געבענקט... אָבער ניין, נישט נאָך דעם אַליין האָט זי געבענקט: ס׳איז דאָ אין איר אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס וואָס די צייט האַלט פאַרהוילן ווי אַ סוד. פאַר דעם סוד, וואָס איז פאַרהוילן אין דער צייט, וויל זי זיין גרייט און פריי...

דערווייל זענען די טעג מרימס פול מיט צער און שפּאַנונג. צו דינהלען לויפט זי יעדן פאַרנאַכט, און יעדן פאַרנאַכט האָט זי אַ געפיל פון שרעק איידער זי דערזעט דאָס קינד, וואָס זי האָט געלאָזן אויף פרעמדע הענט... דוד ווייסט, אַז זי קומט יעדן טאָג זען דינהלען און אים איז אַלץ איינס. זי וויל קומען זען דאָס קינד, זאָל זי. דינהלע דאַרף נישט ליידן זיין קריוודע... ער איז נישט פאַרביסן קעגן מרימען. פאַרקערט, ס׳איז פאַרבליבן אין אים אַ צאַרט און ציטעריק געפיל פאַר איר פון

אַמאָל... פאַרביסן קעגן מרימען איז די מיסיס שטיין. די פרוי וואָס פאַסט אויף אויף דינהלען. די מיסעס שטיין איז אַ מיטליעריקע, עלנטע אלמנה, וואָס קריגט אָפּטע אַטאַקעס אויף דער גאַל און איז אַ שטענדיקער קונה ביי דודן אין אַפּטייק. זי, די מיסעס שטיין, האָט זיך דווקא אָנגעכאַפּט אויפצופּאַסן אויף דינהלען און אויף דער ווירטשאַפט. ס׳איז אַ לייכטע אַרבעט און דינהלע איז צום גרעסטן טייל פון טאָג אין דער שולע. אָבער וואָס עס רעגט זי אויף און זי קען נישט פאַרטראָגן, איז מרימס אַריינפליען יעדן פאַרנאַכט און אַ כאַפּ טאָן דאָס קינד צו זיך, אַריינקוקן איר אין די אויגעלעך, אין קעפּל, אין די אויערלעך און דווקא וועלן אַליין איר געבן עסן, באָדן זי, לייגן זי שלאָפן און זי גייט נישט אַוועק ביז דאָס קינד שלאָפט איין.

בעת מרים טאַנצט אַרום דינהלען, זיצט זי, די מיסעס שטיין אין קיך און לייענט דעם ראָמאַן אין דער צייטונג. ווען זי ענדיקט די מאָגערע פּאָרציע ראָמאַן און דאַרף וואַרטן ערשט ביז מאָרגן אויף אַ צייטונג, הויבן אירע געדאַנקען אָן צו וואַנדערן און הויבן זיך אָן בינדן צו מרימען: ווען מ׳הרגעט זי קאָן זי נישט פאַרשטיין אָט־דאָס ווייבעלע... ווי לאָזט מען עס איבער אַזאַ היים! אַ קינד, — און מ׳לויפט אַוועק!... מ׳רעדט אויף דער גאַס, אַז זי האָט אַ געליבטן... זי האָט אָבער יעדעס מאָל וואָס זי האָט זי געזען אין אַפּטייק געטראַכט, אַז זי מיטן אַפּטייקער זענען עפּעס נישט קיין גלייך פאָרפאָלק. נו, אַזוי גיך זאָל משיח קומען ווי גיך עס וועט זיך געפינען אויף אים אַ בעלן. ס׳איז עפּעס אַ באַטרעף היינטיקע צייטן פאַר אַן אַרויפגעאַרבעטן מאַן צו קריגן אַ לייטישע פרוי?
— — הונדערט פאַר איינע!

און די מיסעס שטיין טוט אַ זיפץ אויף איר אייגענעם מזל: גאָט ווייסט ווען יאָ צו געבן און ווען נישט? און זי בלאָזט אָן איר גוידער מיט אַ שטילשווייגעניש.

מרים נעמט אָן פאַר ליב דער מיסעס שטיינס שטילשווייגעניש. איר אָנגעבלאָזענעם גוידער. איר נעמען דודס צד... נו, טראַכט מרים, אַלע אייגענע נעמען זיין צד. טאָ זאָל זי אויך זיין אַן אייגענע, בעסער פאַרן קינד אידער אַ גלייכגילטיק־פרעמדע.

ביז דינהלע שלאָפט איין ביים שעפּטשען פון דעם מעשהלע, וואָס מרים ציט פון אָוונט צו אָוונט, ווייזט שוין דער זייגער באַלד ניין. מרים טוט אַ קוש דאָס שלאָפנדיקע קינד, נעמט איר מאַנטל אויפן אָרעם און זאָגט דער מיסעס שטיין אַ גוטע נאַכט. אַמאָל ענטפערט די מיסעס שטיין מיט אַ ברום און אַמאָל ענטפערט זי גאָרנישט, און מרים טרייסט זיך דערמיט, וואָס דינהלע וועט דאָ לענגער נישט פאַרבלייבן ווי ביז סוף ווינטער. אָבער פאַר וואָס ציט זיך די צייט אַזוי פּאַוואָליע? ס'דאַכט זיך איר, אַז ס'איז שוין זייער לאַנג זינט זי איז אַוועק פון דעם הויז און קערט זיך צוריק יעדן פאַרנאַכט זען דינהלען. אָבער בסך־הכל איז נאָך נישט אַוועק קיין צוויי וואָכן...

.3

אין דעם קאַלטן דרויסן האָט מרים מיט אַ מאָל דערפילט אַ הונגער און זיך דערמאָנט, אַז זי האָט נאָך היינט נישט געגעסן פון גאַנץ פרי אָן. זי האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט מיטאָגצייט. די מאַמע האָט פאַר איר געמאַכט פרישטיק. זי האָט געקוקט אויף אירע דינע אַקסל און אַ זאָג געטאָן: „אוי, מרימל, דיין נשמה וואָלט שוין לאַנג פון דיר אַרויסגע־פלויגן, נאָר זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אין דיינס אַביינדעלע״... די מאַמע זאָרגט וואָס זי איז געוואָרן אַזוי אָפּגעמאָגערט, הוילע ביינער. די מאַמע פאַרשטייט אַלץ אויפן ווונק. זי פרעגט גאָרנישט. קומט זי פרי, קומט זי שפּעט, די מאַמע האָט פאַר איר גרייט אַ וואַרעם עסן. משה דרייט אַ וואָנ־סעלע און שוויגט נאָך דערווייל. איר דאַכט, אַז ער גרייט זיך מיט איר צו רעדן... אים שטערט אָבער אַפּנים דאָס, וואָס אַדאַ קומט אַרויף כמעט יעדן אָוונט און פאַרברענגט מיט איר אין פראָנט־צימער און ביז אַדאַ גייט אַוועק שלאָפט שוין משה. מרים פילט, אַז היינט וואָלט זי געוואָלט זיין אַליין, אַדאַ זאָל נישט קומען — זיך באַלד אויסציען אויף דער קאַ־נאַפּע און איינשלאָפן. זי איז היינט זייער מיד. דעם גאַנצן טאָג איז זי אַרומגעגאַנגען זוכן אַרבעט. זי האָט געקענט געווען בלייבן אַרבעטן שוין היינט, אָבער זי האָט מיט אַ תירוץ זיך אַרויסגעדרייט און צוגעזאָגט קומען מאָרגן... די פאַבריק האָט זי געשראָקן... ביי די לויפנדיקע מאַשינען זענען

געזעסן יונגע מענטשן ווי פאַרגליווערט אין געאייל מיט דער אַרבעט. די מאַשינען האָבן שטאַרק גערוישט, אָבער די מענטשן האָבן אויסגעזען, אַז זיי וויסן עס נישט... און אפשר וויסן זיי אויך נישט, אַז אין דרויסן איז דאָ אַ זון, אַ הימל, ביימער... זיי האָבן זיך שוין איינגעוווינט צו די שמאָלע, האַלב־טונקעלע גאַסן, וואָס ציען זיך צווישן די הויכע פאַבריק־מויערן פון בראָדוויי ביז צו די וועסט־הייזער און באָרטנס ביים האָדסאָן. מאָדנע, ביי פופצן יאָר האָט זי דאָך שוין געקאָנט דעם סוועט־שאָפּ און די אַלע פייכטע, שמאָלע גאַסן פון דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל. די גרויקייט און די אָרעמקייט איז געווען אומעטום אַרום איר, אָבער זי האָט עס דעמאָלט נישט געזען, אין גאַנצן נישט געזען. די זיבן יאָר מיט דודן, די באַקוועמע וווינונגען, די זומער־דאַטשעס, די פרייע צייט פאַר שפּאַצירן אין פאַרקס, קאָנצערטן, מוזייען, ביכער — דאָס אַלץ האָט איר געגעבן אַנדערע אויגן...

נו, היינט איז ביי איר אַ שלעכטער טאָג, — האָט זיך מרים געזאָגט. — דינהלע האָט אויך היינט אויף איר געקוקט מיט אומעטיקע שאָטנס אין די קינדערשע אויגן. — גאָט מיינער! — האָט מרים אַ רוף געטאָן, — ס'זאָל נאָר נישט קומען צו דעם, אויף וואָס איר ברודער משה וואַרט... און אפשר דוד אויך... אַלע וואַרטן זיי אויף איר דערשעפונג און איר וועלן צוריקגיין צום פריערדיקן... צו דודן...

זי האָט גייענדיק אַ ציטער געטאָן פון קעלט. דער באָדן אונטער אירע טריט איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ גרויהאָריק פרעסטל. דאָס פרעסטל איז אַדורך די דינע זוילן פון אירע פליטקע שיך. זי האָט זיך דערמאָנט אָן אירע שיך מיט די הויכע כאָלעווקעס, וואָס פאַרשנירלען זיך שטייף. זי האָט עטלעכע פאָר אַזוינע, פאַר וואָס האָט זי זיי היינט נישט אָנגעטאָן? — אַך, יאָ, זיי האָבן אַלע צו הויכע אָפּצאַסן, און זי האָט באַדאַרפט אַרומגיין אַ סך. פלוצים האָט ווידער אַ קלונג געטאָן אין איר אויער די פראַזע: „איר טראָגט הירשענע שיך"... און ווידער האָט זיך מרים געכאַפּט, אַז ניעזשינער איז אין אירע געדאַנקען אַפילו דעמאָלט, ווען זי טראַכט נישט פון אים. און כאָטש זי זאָגט זיך ווידער און אָבער, אַז נישט צוליב אים איז זי זיך פאָנאַנדערגעגאַנגען מיט דודן, ווייסט זי ביי זיך, ערגעץ

טיף־טיף, אַז זי וואָלט נישט געהאַט דעם כוח איבערלאָזן דינהלען, אַנט־קעגן גיין די אַלע שוועריקייטן, ווען ניעזשינער באַוויזט זיך נישט אין איר לעבן... כאָטש זי איז פול מיט קעגנערישע געפילן און אייפערזוכט צו אים, צו זיין פאַרגאַנגענע לעבן, ווייסט זי דען נישט, אַז ער שטייט צווישן איר און דודן און היט, אַז זי זאָל נישט געשטרויכלט ווערן פון שוואַכקייט... נישט גיין צוריק פון וואַנען זי איז אַוועק... ווייסט זי דען נישט, אַז היינט־מאָרגן וועט ער אַנקומען איר אַנטקעגן? יעדן אָוונט, אַט אַזוי ווי איצט, ווען זי גייט פון דינהלען צו איר ברודער משה, דאַכט זיך איר, אַז ער וואַרט אויף יעדן ראָג און ער היט אירע טריט... אָפט מאָל איילט זי ווי זי וואָלט אים וועלן אויסמיידן און דאָך זוכט זי זיין פּנים...

איילנדיק פאַרטראַגן האָט מרים שיער נישט פאַרביי געאיילט משהס הויז. נאָר מיט אַ מאָל, ווי אויף עמיצנס אַ רוף איז זי געבליבן שטיין. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, און — דאָ, ביי די טרעפּ פון „סטופּ״, האַרט ביים הויכן מויער ווי אַן איינגעפלאַנצטער איז געשטאַנען ער — ניע־זשינער. זי איז קיין קאָפּ נישט געווען איבערראַשט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס טוט איר דאָ?

— פון מיר אַנטלויפט מען נישט. איך זוך אָפּ, אַז איך וויל. — און זיין קין האָט זיך אַרויסגעהויבן פאַרעקשנט.

— ווי אַזוי ווייסט איר, אַז איך געפין זיך דאָ? — —

— מיינע נאַזפליגלען זענען שפּירהינט... זיי דערשמעקן... — און ער האָט אַנגענומען שטייף איר האַנט.

מיט אַ מאָל זענען אַלע אירע פריערדיקע טראַכטעניש געוואָרן צערו־נען. דאָס עקשנות אין זיינע אָפּגעציילטע ווערטער, דאָס שטייף האַלטן איר האַנט ווי ער וואָלט מורא האָבן, אַז זי וועט זיך אַרויסרייסן און אַנטלויפן, האָט ביי איר אַרויסגערופן אַן אומגעריכטע פרייד און אַ פּלוצלינגן גע־לעכטער. דאָס געלעכטער אירס האָט זיך אַ קייקל געטאָן אויף אייגענעם באַראַט, אָן איר קאָנטראָל.

ניעזשינערן איז דורכגעלאָפן דורכן מוח: ווען הערשעלע הערט ווי זי לאַכט!... — ער האָט פעסטער אַ דריק געטאָן איר האַנט.

— מיין האַנט — האָט מרים זיך אַ פּיעשטשע געטאָן. — איך בין שוואַך... האָב היינט כמעט נישט געגעסן...

— קומט. — האָט ער זי אַ צי געטאָן נאָך זיך, נישט אַרויסלאָזנדיק איר האַנט פון זיינער.

מרים האָט געמוזט אונטערלויפן כדי צו קענען מיטהאַלטן מיט זיינע לאַנגע, גיכע שפּרייזן.

איצט איז איר האַנט שוין געלעגן אינעם בויג פון זיין אָרעם, שטייף צוגעדריקט צו זיין ריפּ. דורך זיין לייכטן מאַנטל האָט די וואַרעמקייט פון זיין לייב זיך אַדורכגעשלאָגן צו איר. אין איר מוח זענען ווי איינגעשלאָפן די געדאַנקען, אין האַרץ — די טענות צו אים... קיין רייד זענען ביי ביידן נישט אַרויפגעשווומען אויף די ליפּן. זייערע טריט האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם שטראָם טריט אַרום דער בריק־פּלאַזאַ. זיי האָבן זיך באַלד געפונען אויף דער טונקל־באַלויכטענער, ברוקלינער בראָדוויי אונטערן „על". דאָ האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צו איר, כמעט זי פאַרשטעלט מיט זיין איבערגעבויגן געשטאַלט און — דאָ, אונטערן געבראַזג פון על, צווישן פאַרבייאיילנדיקע מענטשן האָבן זיי זיך געקושט צום ערשטן מאָל. יאָ, צום ערשטן מאָל. מרים האָט צוגעשלאָסן די וויעס ווי זי וואָלט מער נישט געהאַט איר פרייען ווילן — מער נישט געוואָלט האָבן צו זאָגן איבער זיך... עפּעס אַ צער, געמישט מיט פרייד האָט אַ דריק געטאָן איר האַרץ און ניעזשינער האָט דערפילט דאָס זאַלץ פון איר טרער אויף זיינע ליפּן. ער האָט אויסגעקושט אירע וויעס און באַלד זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— קליינינקע, אפשר וויינסטו פון הונגער? — איז ער פלוצים אַריבער אויף דו. — קום, אָט דאָ איז דער רעסטאָראַן!

אין פענצטערשויב פון קליינעם רעסטאָראַן, אויף צעקרישלטן אייז, זענען געלעגן רויטע ראַקעס, שליימיקע פיש און בלוטיקע סטעיקס, ספּעציעלע אַטראַקציע פון רעסטאָראַן. איבעווייניק איז צוליב דער שפּעטער שעה געווען ליידיקלעך, האַלב טונקל און שטיל. די ווייסע סערוועטלעך אויף די טישן האָבן געחלומט.

זיי האָבן זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון רעסטאָראַן, ביי אַ וויס־

געדעקט טישל זענען זיי געבליבן זיצן און זיך פּאַרקוקט אין די אויגן. די אויגן מרימס זענען איצט געװען גרעסער און צוטרױליכער. אין ניע־זשינערס אויגן איז אויפגעגאַנגען דאָס גרין, פריש װי גראָז.

דער קעלנער איז צוגעקומען און ניעזשינער האָט באַשטעלט פאַר מרימען אַ סטעיק, פאַר זיך געפּרעגלטע אויסטערס.

— נו, קלײנינקע, װילסט דאָך װיסן װיאַזוי איך האָב אויסגעפונען דײן נײעם אַדרעס, יאָ? — און ער האָט געטאָן אַ שמייכל פון אַ ייִנגל. — כ'האָב עס אַרױסבאַקומען בײ אַדאַן... אומזיסט האָב איך זיך אַרומגע־דרײט אַרום דײן הויז אַזױפיל טעג. דו האָסט דיך אויסבאַהאַלטן. װילסט איך זאָל דיר נאָכלויפן װי אַ ייִנגל, גוט. — און זײנע הענט האָבן זיך אַ צי געטאָן איבערן טיש צו אירע, זײערע פינגער האָבן זיך פאַרקלאַ־מערט. — נו, איצט ביסטו שוין אַ פאַרפאַלענע, װײסט עס? און ער האָט שטײפער אַ קלאַמער געטאָן אירע פינגער. אויף אַ רגע איז זײן קין װידער געװאָרן שאַרף און פאַרעקשנט, די פאָדערשטע צײן האָבן אַ בליאַסק גע־טאָן דורך די האַלב־אָפענע ליפּן.

— פאַרפאַלן איז פאַרפאַלן... — האָט מרים געשמײכלט סײ קלוג, סײ אונטערטעניק.

דאָס עסן האָט נאָך געװאָרטן בעת דער קעלנער האָט עס צוגעברענגט, אָבער ס'איז געבליבן שטײן פאַרגעסן און אָנגעהױבן װערן קאַלט. זײ בײדע זענען געזעסן מיט פאַרקרײצטע הענט איבערן טיש, מיט פאַר־קלאַמערטע פינגער און זיך געקוקט אין די אויגן.

— װײ איז מיר! — האָט זיך ניעזשינער פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן. — ביסט דאָך ערשט געװען הונגעריק אויף טויט! — און ער האָט באַפרײט אירע הענט פון זײנע.

מרים האָט אָבער מער נישט געפילט קײן הונגער, זיך נישט געקאָנט צורירן צום עסן. ניעזשינער האָט אָפּגעבראָכן אַ ברעג זעמל און עס צוגע־טראָגן צו אירע ליפּן, און זי האָט מיט אירע ליפּן באַרירט זײנע פינגער.

זײ האָבן געגעסן מעכאַניש און זיך װי געשעמט, װאָס זײ דאַרפן עסן... נישט די הנאה פון עסן איז זײ בײדן אָנגעגאַנגען. באַלד האָבן זײ זיך אויפגעהויבן און זענען אַרויס פון רעסטאָראַן.

זיי זענען געגאַנגען אָרעם אין אָרעם און געשוויגן. מרים האָט נישט געפרעגט וווהין זיי גייען, ווי זי וואָלט עס געוווסט אָן רייד. דאָס פּרעסטל אין דרויסן האָט געפלאַקערט, פאַרפרוירענע אייז־שפּיגעלעך האָבן זיך געקרישלט אונטער זייערע טריט. די גאַסן, שוואַך־באַלויכטענע, האָבן זיך געצויגן לענג אויס אין גלייכע ווירעס און זענען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין דער נאַכט אַריין. די אַלץ־איינע הייזער פוןביידע זייטן גאַס זענען געווען צונויפגעגאָסן ווי אין איין שטיק און פאַרזונקען אין אייגענער שטילקייט. דאָ און דאָרט האָט אַ שילדל זיך געהוידעט אין ווינט. ביי איינעם אַזאַ שטיל, אַלט הויז איז ניעזשינער געבליבן שטיין. מרים האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזען ווי אַ שילדל וויגט זיך אין ווינט מיט דעם אויפשריפט: „מעבלירטע צימערן״... דאָס ברוינע, שטיינערנע, דרייגאָרנדיקע הויז איז געשטאַנען איינגעקלעמט צווישן אַנדערע הייזער.

— דאָ וווין איך. — האָט ניעזשינער געזאָגט און זיין שטערן האָט זיך געטאָן אַ קנייטש.

מרים האָט געכאַפּט אַ ציטער. אירע ציין האָבן אָנגעקלאַפּט איינס אָן אַנדערן. זי איז געשטאַנען און געוואַרט ביז ער האָט אויפגעשלאָסן די דרויסנדיקע טיר. באַלד זענען זיי שטיל ווי גנבים געגאַנגען איבער די אַלטע טרעפּ, באַשלאָגן מיט טעפּיך, וואָס איז שוין געווען צעפּרעסן פון שטויב, צעריבן פון אומצייליקע טריט.

ניעזשינער האָט אויפגעשלאָסן די טיר פון זיין צימערל און מרים איז אַריין. ער האָט אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל אויפן וואַנט און פון סופיט אַראָפּ האָט אַ קליין, בעלמעדיק לעמפּל צעשפּרייט אַ געל, קנאַפּ ליכט. מרים האָט זיך אַרומגעקוקט. יאָ, דאָס צימערל איז פּונקט ווי ער האָט עס אָפּגעמאָלן: דאָ איז געשטאַנען אַ שמאָל, אייזערן בעטל, אַ הויכע קאָמאָדע, אַ שטול, אַ פענצטער איז אַרויס אין אָן אומבאַקאַנטן הויף, צו אומבאַקאַנטער שטילקייט...

ס׳איז דאָ געווען קאַלט ווי מ׳וואָלט דאָ קיין מאָל נישט געהייצט. זיי האָבן זיך איינגעוויקלט איינער אין אַנדערן. מרים האָט באַהאַלטן אירע קאַלטע פינגער אַרום זיין האַלדז, אַהינטער זיין לויזן קאַלנער, טיפער אַראָפּ, צו זיין פּאַטילניצע. ער האָט זי אַ הויב געטאָן צו זיך, געוויגט זי

אין זיינע הענט — — זי האָט געפילט ווי אירע צעפּ גליטשן זיך אַראָפּ איבער אירע אַקסלען, געהערט ווי אירע שיכלעך פאַלן צום דיל... אויפן סופיט האָט זיך צוגעשלאָסן דאָס בעלמעדיקע אויג און זי האָט שטייפער צוגעשלאָסן אירע וויעס. זאָל ער זי האַלטן שטייפער צו זיך — — — זי אָנועקטראָגן וייט, וויט, ווייט, ווו די וועלט ענדיקט זיך, ווו זי, מרים, ענדיקט זיך — — —

# קאַפּיטל 6

יעדן פאַרנאַכט גלייך פון שאַפּ איילט זיך מרים צו דינהלען. דוד איז בכיוון אין דער צייט קיין מאָל נישט אין דער היים און די מיסעס שטיין טרעט אָפּ אין אַ זייט מיט דער צייטונג אין האַנט און מרים נעמט איבער דינהלען. זי באָדט זי, קעמט זי, קוקט איבער אירע קליידעלעך, צי זיי זענען אין אָרדענונג און פאַרנעמט זיך מיט איר ביז ס׳איז צייט פאַר דינהלען שלאָפן גיין, צייט פאַרן מעשהלע, אויף וועלכן דינהלע וואַרט מיט אומגעדולד. דאָס מעשהלע טראַכט מרים אויס טאַקע דאָ אויפן אָרט, זיצנדיק ביים קינדס בעטל. נאָר עס מאַכט זיך, און זי בלייבט אַ ווײַלע שטיל, ווי זי וואָלט זיך פאַרקלערט, אָדער פאַרלוירן דעם פאָדעם פונעם מעשהלע — דעמאָלט זאָגט איר דינהלע אונטער האַלב פאַרשלאָפן, וואָס אינעם מעשהלע דאַרף ווייטער געשען... ווען דינהלע שלאָפט איין, איילט זיך מרים אַרויס פון הויז, מחמת ניעזשינער וואַרט אויף איר.

ניעזשינער וואַרט אויפן ראָג קעגנאיבער משהס הויז. ער דערזעט זי פון ווייט ווי זי איילט מיט איר גיך גענגל און זיין שאָטן טוט זיך אַ בויג אויס און ער קומט איר אַנטקעגן. ער נעמט אָן איר האַנט, קושט אירע פינגער, קוקט איר אַרייַן אין פּנים.

— זעסט אויס בלייך, קלייניקע, שווער געאַרבעט, הונגעריק, האַ? נו, אָבער די וועלט איז פאָרט אַ שיינע וועלט, וועסט נאָך זען! — און ער גיט אַ וויש מיט דער האַנט אין דער לופטן ווי ער וואָלט וועלן פאַרווישן די גרויע און שווערע ווירקלעכקייט.

מרים פאַרגעסט איר מידקייט און איר הונגער. זיין וואַרטן דאָ אויף איר געדולדיק ביז זי קומט צוריק פון דינהלען פאַרגיטיקט אַלע שוועריקייטן פון איר דורכגעלעבטן טאָג. זי נעמט אָן זיין אָרעם און אירע טריט ווערן מאָדנע גרינג און זיי גייען עסן אין יענעם רעסטאָראַנדל ווו אין דער צייט פון אָוונט זענען זיי דאָרט כמעט אַליין. איבערן געדעקטן טישל

האַלטן זיי זיך ביי די הענט, קוקן זיך אין די אויגן, און אַמאָל רעדט ער צו איר שטיפעריש, ייִנגלש, און אָפט שעפּטשעט ער לידער.

מרים האָט ליב דאָס זינגעוודיקע שעפּטשען זיינס, דאָס ריטמישע וויגן מיטן קאָפּ, דאָס שפּיל פון גרימאַסן אויף זיין פּנים. פון דעסטוועגן ווייסט זי, אַז איצט, נאָך אַ טאָג אַרבעט אין שאָפּ, מיט צעשטאָכענע פינגער פון דער נאָדל, און אַ מידער פּלייצע — איצט בלייבן די לידער וואָס ער שעפּטשעט, אַ ביסל דערווייטערט פון איר... עפּעס קומען זיי שוין נישט צו צו איר אַזוי נאָענט ווי דעמאָלט, ווען זי איז נישט געווען אַזוי מיד... און בעת ער האַלט איר האַנט און שעפּטשעט אַזוי ריטמיש און ווייך, טראַכט מרים, אַז זי וועט זוכן אַן אַנדער באַשעפטיקונג מחוץ דעם שאָפּ. זי האָט מורא פאַר יענער מידקייט, וואָס מאַכט טעמפּ... זי זעט אָט די טעמפּקייט אויף אַ סך פּנימער פון די שווער־פאַרהאָרעוועטע אַרבעטער אַרום זיך דעם גאַנצן טאָג. איי, ניעזשינער, פאַרוואָס האָבן די לאַנגע יאָרן אין שאָפּ ביי דער מאַשין אים נישט פאַרטעמפּט? — נו, ער איז אַן אויסנאַם. אַ נס פון יענע נסים, וואָס טרעפן נישט יעדן טאָג.

די באַגעגענישן אַרום משהס הויז זענען כמעט טעגלעכע. ווו זשע טוט מען זיך אַהין אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן? צו אים אין מעבלירט צימערל איז נישט דערלויבט ברענגען קיין פרויען־געסט... די באַלעבאָסטעס היטן עס אָפּ ווי ווייט מעגלעך, כאָטש מ׳קען עס גנבענען, און מיט האַרץ־ציטער האָט זיך מרים מער ווי איין מאָל אַרויפגעגנבעט אַהין... מיט האַרץ־ציטער זיך אַראָפּגעגנבעט... וואָס־זשע בלייבט — נעמען אַ צימער צוזאַמען? אָבער באַלד איז שוין דער ווינטער פאַריבער און זי פאָרט סיי ווי אַוועק מיט דינהלען אין די בערג, טאָ צו וואָס מאַכן אַזאַ שריט, אַז זי איז דעם אמת געזאָגט, גאָרנישט זיכער ביי זיך אין האַרץ, צי זי וויל עס... זי ווייסט נאָך נישט אויף ווי ווייט איר געפיל צו אים איז אַ באַפעסטיקטער. קאָן דאָך זיין, אַז די זאַך צווישן זיי זאָל זיך ענדיקן ווי ס׳האָבן זיך געענדיקט אַלע פריערדיקע ליבעס זיינע... זי איז האַלב גרייט אויף דעם. זי טראַכט אָפט וועגן זיין פרוי און קינדער... וועגן זיינע פריערדיקע ליבעס און דאָס מאַכט זי אַ ביסל איינגעשלאָסן אין זיך.

פון הימלאָזיקייט זענען זיי געוואָרן אָפטע איינגייער אין קינאָ. דאָ, אין דער פינצטער, גלייך מיט אַנדערע פּאָרלעך האַלט מען זיך ביי די הענט, מ׳פאַרוואַרפט אַ האַלדז אַרום אַ האַלדז און מ׳קוקט נישט אויפן לייוונט. נאָר ס׳טרעפט, אַז מ׳ווערט גראָד יאָ פאַרכאַפּט פונעם בילד אויפן לייוונט... די שטומע „העלדן״ אין דער דראַמע דאָרט, שפּילן אויס דיין ווייטיק, דיין ליבע און דיין האַס... נישט איין מאָל גייט מען אַרויס פון דעם קינאָ מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, פון דער צו שווערער משא פון לעבן, גרייט זיך פאַנאַנדערגיין אין באַזונדערע וועגן...

סוף ווינטער איז מרים געוואָרן אויפגעלייגטער, פריילעכער. אין איינעם מיטן ווינטער ענדיקט זיך דער סעזאָן ביי איר אַרבעט און אין גיכן פאָרט זי מיט דינהלען אויפן גאַנצן זומער אין די בערג. זי האָט שוין גערעדט מיט דודן און ער האָט זיך אַליין אָנגעבאָטן אויסהאַלטן דינהלען מיט אַלעם נויטיקן דורכן זומער און אויך אויף ווייטער, ווען זי וועט צוריקקומען און דינהלע וועט שוין פאַרבלייבן מיט איר. זעט אויס, אַז ער האָט נישט קיין אינטערעס מער פאַר דעם הויז מיט דער גאַנצער ווירט־שאַפט. ער איז זעלטן אין דער היים און די מיסעס שטייך האָט אָנגעהויבן קריגן אָפטע אַטאַקעס אויף דער גאַל. דוד קוקט שוין אַליין אַרויס אויפן טאָג מרים זאָל צו זיך נעמען דינהלען.

גיך, גיך, און שטאַרק אויפגעלעבט האָט עס מרים אַלץ אויסדערציילט ניעזשינערן ביי זייער באַגעגעניש. ער האָט געשוויגן. איר אויפגעלעבטקייט האָט אים געמאַכט אומעטיק. זי איז גרייט אַוועקצופאָרן מיטן קינד אויפן גאַנצן זומער, און ער? טראַכט זי גאָרנישט וועגן אים? ער הענגט אין דער לופטן, נישט אַהער, נישט אַהין... זי וואָלט געקאָנט שוין איצט נעמען אַ וווינונג און ער וואָלט געהאַט אַן אָרט, אַ היים. אָבער דאָס קינד איז ביי איר בילכער... דינהלע איז נישט געווינט זיין זומער אין שטאָט, זי, מרים, אויך נישט. נו, און ער וועט בלייבן אין זיין דושנע צימערל אויפן גאַנצן זומער אַליין...

— כ׳וויל היינט נישט גיין אין יענעם שטענדיקן רעסטאָראַנדל — האָט מרים זיך אַ חנדל געטאָן. — כ׳וויל זיין צווישן אַ סך מענטשן...

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. זי האָט אויסגעזען יום־טובדיק.

— גוט, וועלן מיר צופאָרן צו דער צווייטער עוועניו.
— זאָל איך אַרויפגיין זיך איבערטאָן?
— נייך, ביסט אַזוי אויך שיין.
מרים האָט זיך גענענטער אַ טוליע געטאָן צו אים.

זיי זענען אַריבערגעפאָרן די וויליאַמסבורגער בריק אין דער קליינער טראַליקאַר און צושפּאַצירט דורך דער טומלדיקער דילענסי־סטריט צו דער צווייטער עוועניו.

די ברייטע צווייטע עוועניו האָט אַ שעמעריר געטאָן מיט אַלע אירע רויטע, גרינע און גאָלדיקע טעאַטער־ און רעסטאָראַן־שילדן. ביי די טעאַטער־קאַסעס זענען געשטאַנען שוין רייען מענטשן. (ס'איז געווען שבת־צונאַכט). ביי די „קרעטשמעס" און ווין־קעלערס האָבן זיך אָפּגעשטעלט לימאָזינען; דאַמען אין לייכטע פוטערלעך האָבן פון דאָרט אויסגעשטיגן מיט זייערע באַגלייטער; אין דער לופט האָט זיך אויסגעמישט ציגאַרן־רויך מיט ווייבערשן פּאַרפום. אויף די טראָטואַרן האָט געשפּרודלט מיט אַ יום־טובדיק אויסגעפּוצטן יידישן עולם.

צו ניעזשינערן האָט זיך געגריסט דער־יענער. אַלץ באַקאַנטע. אַ שרייבער מיט אַ ברייטראַנדיקן הוט, מיט אַ שטאָק אין האַנט; אַן אַקטיאָר מיט אַ פּריש־באַפּודערט פּנים, אַ ווייסע בלום אין לאַץ; אַן אַקטריסע מיט אונטערגעפּינדזלטע אויגן, ליכטיק ווי אַנגעצונדענע לאַמטערנעס, האָט פאַרבייגעאיילט מיט אַ שמייכל צו אים — — אַזויפיל יום־טובדיקע פּנימער, אַזויפיל שעמערינדיקע ליכטער — אויף דער אָונטיקער, ברייטער, צווייטער עוועניו!

צו דעם „רוסישן בער" האָבן אַרויפגעפירט עטלעכע פאַראַדנע טרעפּ. אינעווייניק, אין דעם גרויסן זאַל האָבן אַ בלענד געטאָן די קרישטאָלענע ליוסטרעס; פּאַרפּוצטע דאַמען; וויס־געדעקטע טישן. די קאַפּע איז מרימען געווען באַקאַנט. זי פלעגט דאָ אַמאָל אַרויפקומען מיט דודן נאָך אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, טרינקען אַ קאַווע, קוקן אַ ווילע אויפן אינטערעסאַנטן עולם און אַוועקגיין. היינט האָט זי זיך דאָ דערזען זיצן אין ווינקל צווישן דער באַהעמיע. די שרייבער ,קינסטלער גייען נישט באַלד אַוועק,

זיי זיצן דאָ אַף שעהען פאַרוויקלט אין שמועס. אָדער זיי קוקן צו דער טיר־צו, צי עס באַווייזט זיך אַן אינטערעסאַנט פּנים.

צו זייער טישל איז באַלד מיט אימפּעט צוגעקומען משה שטיינמאַן. דער זעלבער משה שטיינמאַן מיטן שווערן בעטהאָוועז־קאָפּ, מיטן שטאָק אין האַנט. מרים האָט אים שוין עטלעכע מאָל באַגעגנט. איצט קושט ער איר די האַנט ווי אַן אַלט־באַקאַנטער. ביי די מיטלדרייסיקער איז שוין שטיינמאַן באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַלטער בחור. ער האָט נישט געאַר־בעט אין קיין שאַפּ, נאָר געזעסן ביים טאַטן אויף קעסט. ער האָט אָנגע־שריבן דורכן יאָר בלויז עטלעכע געציילטע לידער און ער האָט זיי שוין אומצאָליקע מאָל געלייענט סיי פאַר קאָלעגן־שרייבערס, סיי פאַר אַק־טיאָרן און דאָס האָט אים שטענדיק געהאַלטן באַשעפטיקט. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער איז דער איינציקער און עכטער באַהעמער צווישן זיינע קאָלעגן. אַמאָל פאַלט אים אַריין אַ ביסל האָנאָראַר פאַר זיינס אַ ליד, דענסטמאָל זעט מען אים מיט אַ בינטל בלומען זיך איילן זען זיין באַ־ליבטע אַקטריסע... ער שלאָגט זיך דורך אַ וועג הינטער די קוליסן און די אַקטריסע לאָזט אים קושן איר האַנט און ער גייט אַרויס פון טעאַטער מיט איר בילד, מיט איר אונטערשריפט... אין מינוטן פון בראַוואָדאָ כאַפּט שטיינמאַן אַרויס פון זיין בוזעם־קעשענע דאָס אויסגעוואָרעמטע בילד און מיט אַ שיינענדיק פּנים ווייזט ער עס פאַר זיינע קאָלעגן...

שטיינמאַנען זעט מען ביי די פּרעמיערעס אין טעאַטערס און אין קאָנצערטזאַלן און קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי ער קריגט זיך אַהין אַריין. קיין געלט אין די קעשענעס האָט ער קיין מאָל נישט.

שטיינמאַן האָט זיך צוגעזעצט אויפן פרייען שטול אַרום מרימען. מרים מוז אַלע מאָל שמייכלען ווען זי זעט אים. זי ווייס, ער קאָן זיין רי־טערלעך צו אַ פרוי און נישט דערוואַרטן פון איר עפּעס מער ווי לאָזן אים קושן די האַנט. נישט אָנגענעם איז בלויז דערביי צו פילן זיין הייסן אָטעם, זיין איינגעהאַלטענעם אימפּעט...

אַ ווײַלע זיצט שטיינמאַן און אָטעמט שווער. באַלד כאַפּט ער פון זיין וועסטל־קעשענע אַרויס אַ צעקנייטשט פּאַפּירל און דערלאַנגט עס ניע־זשינערן איבערן טיש. ס'איז אַ קורץ, אַכט־שורהדיק ליד. ניעזשינער

לייענט און זיין ברעם טוט זיך אַ הויב. די ברעם שמייכלט קוים, קוים, ווי ער וואָלט געהערט פון אַ קינדס מויל די טיפע חכמה פון אַ זקן... יאָ, ס'איז עפעס דאָ אין אים עפעס אייגנאַרטיקס, און אומגעהובלטס. ער איז ווי אַ זעלטענער, נישט געשליפענער שטיין... רוי און קרעפטיק.

— נו, שטיינמאַן, איר ווייסט דאָך, אַז איך האַלט פון אייך. פראָסט, אמתדיק און אָן קונצן!

שטיינמאַן איז געזעסן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. די פרייד זיינע האָט ער געהאַלטן ווי אין צוימען. ער האָט געקוקט אויף ניעזשינערן מיט שטומער באַוווּנדערונג. ער פאַרגעטערט אים. ער וואָלט געקאָנט נאָכגיין נאָך אים און אָפציילן זיינע טריט, אַראָפנעמען אַ שטויבעלע פון זיין אַקסל, אים היטן און זיך שלאָגן פאַר אים מיט יעדן איינעם, וואָס וואָלט געוואָגט זאָגן אַ קרום וואָרט וועגן אים, זיין פרינצלעכן דיכטער! און... נישט נאָר פאַר זיין דיכטער וועט ער זיך שלאָגן, נאָר אויך פאַר דער פרוי, וואָס געפינט חן אין זיין דיכטערס אויגן... ער וועט נישט דערלויבן קיינעם וועגן איר זאָגן אַ קרום וואָרט — ער ווערט איר גע־שווירענער ריטער...

שטיינמאַן האָט דערפילט אויף זיך די ווייכקייט פון מרימס בליק. אַ, ער קען שטאַרק דערפילן זאַכן און ער האָט געוווּסט, אַז אין דער דינקייט פון געפיל, פון ווונדער און באַוווּנדערן ניעזשינערן, זענען זיי — ער און מרים — זיך אייגן... ער האָט איר געוואָלט זאָגן, אַז זינט ער האָט זי געזען צום ערשטן מאָל מיט ניעזשינערן ביז איצט — איז זי געוואָרן שענער... אויף זיין ערן־וואָרט! אָט וועט ער איר דאָס שוין זאָגן —

מיט אַ מאָל זענען זיינע אויגן צוגעצויגן געוואָרן צו דער געעפנטער טיר. אין קאַפע איז אַריינגעקומען יעקב שאַר מיט אַ דאַמע. די דאַמע האָט שטיינמאַן פריער קיין מאָל נישט געזען. ער האָט פאַרגעסן אָן דעם, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן מרימען. אַ כוואַליע נייגיר וועגן דער אומבאַקאַנטער האָט אים שטום געמאַכט.

די דאַמע מיט וועלכער יעקב שאַר איז אַריינגעקומען האָט באמת געקענט פאַרכאַפן דאָס אויג מיט איר דין און הויך געשטאַלט און שיינער קליידונג. אויף איר שמאָלער, גלייכער פלייצע איז געלעגן איינגעפאַסט

אַ גרוי־וואָלן יאַקעלע, אַרום איר האַלדז איז געהאַנגען אַ רויטער פוקס, ווי אַ לעבעדיקער האָט ער געהאַלטן זיין אייגענעם ווידל פאַרקלעמט אין די ציין...

שאַר האָט זיך געגריסט און ווי אַלע מאָל ביים דערזען באַקאַנטע האָבן זיינע אויגן זיך פאַרשנירלט אין אַ שמייכל. ער האָט זיך געלאָזן צוגיין. שטיינמאַן האָט זיך אַ הויב געטאָן אים אַנטקעגן. מיט אַ מאָל איז דער קעלנער געשטאַנען צווישן זיי. ער האָט העפלעך אָנגעוויזן שאַרן אַן ערשט־אָפּגעליידיקט טישל אין דער אַנטקעגנדיקער ריכטונג. (די קאַפּע איז איצט געווען איבער פול מיט דעם עולם, וואָס פאַלט אַריין נאָך די טעאַטער־פאַרשטעלונגען.) שאַר האָט געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט, אַז ער וועט צוקומען שפּעטער.

שטיינמאַן האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין פריערדיקן אָרט און איז געבליבן זיצן מיט אַ נישטגעשטילטן נייגיר. ער האָט זיך געחידושט, ווי קומט עס, וואָס ער, שטיינמאַן, וואָס איז אַלע מאָל דער ערשטער צוצו־ברענגען אַ נייעס ווער עס גט זיך מיטן וויב, ווער עס האָט אַ נייע גע־ליבטע — ער זאָל ביז אַהער נישט וויסן וועגן שאַרן און אָט דער נייער? ער וואָלט אַ בעלן זיין פרעגן ניעזשינערן, אפשר ווייסט ער?... אָבער ניעזשינער וועט אים נישט זאָגן אפילו אויב ער ווייסט. ניעזשינער וועט אַ שמייכל טאָן און אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט. שטיינמאַן האָט גע־קוקט מיט שטומע בליקן און נישט געפרעגט קיין וואָרט.

אויך מרים האָט ברייט צעעפנט אירע אויגן און געוואָלט פרעגן: וואָס איז דאָס? אויך זי האָט נישט געפרעגט. זי האָט אָבער שוין גאָר גוט געוווּסט, אַז שאַר איז נאָענט מיט אַדאַן... אַדאַ האָט מיט עטלעכע טעג צוריק איר דערציילט מיט אַ געלעכטער: „שאַר איז ביי איר געווען און ער האָט איר געבראַכט געפילטע פיש, וואָס זיין וויב האָט געקאָכט... זיין וויב — — האָט ער געזאָגט — קאָן אומגעוויינטלעך גוט קאָכן... און ער ווייסט דאָך, אַז זי, אַדאַ, האָט ליב נאַשן און האָט פיינט קאָכן..."

און אַדאַ האָט געלאַכט מיט אַ ביטער געלעכטער און צוגעגעבן:

— ס'איז אָבער פאַרט קאָמיש...

מרים איז מיט אַ מאָל אַריינגעפאַלן אין שטילשווייגן. ערגעץ איז זי געווען ווי אָנגערירט פאַרזענלעך... יאָ, די דאָזיקע פרוי טראָגט מיט זיך מער עלעגאַנץ פאַר אַדאַן... איז דאָס אַלץ אַזוי פּראָסט און פשוט? — —

יעדער פון די דריי דאָ ביים טישל האָבן אין שטילשווייגן געטראַכט וועגן דעם זעלביקן ענין אויף אַן אַנדער אופן. אויף ניעזשינערס פּנים האָט געבלאָנדזשעט דער אָנדייט פון אַ שמייכל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז הערשעלע האָט שאָרן אַ נאָמען געגעבן: „דער טערק“... ער האָט זיך דערמאָנט יענעם אָוונט ביי הערשעלען אין שטוב, ווען שאָר האָט צום ערשטן מאָל דערזען אַריינקומען די דזשוליע. דזשוליע פּאָלאָנסקי, אַ ווייטע קרובה הערשעלעס. נו, דאָס איז פאַרשטייט זיך נישט קיין גרונט, אַז שאָר זאָל זיך אָפּהאַלטן פון דעם פלירט. אַזוי שטיל און באַשיידן ווי ער זעט אויס, ווייסן אָבער די קאָלעגן זיינע, אַז ער פירט זיך אין איין צייט אַרום מיט עטלעכע פרויען און דערביי לעבט ער גוט מיטן ווייב... צרות האָט ער נישט פונעם ווייב, נאָר פון די אַנדערע. ביי קאָלעגן רופט ער אַפילו אַרויס רחמנות, ווען ער קען זיך נישט אַרויסדרייען פון אַ פּלאָנטער...

און ניעזשינער זאָגט זיך שטרענג, אַז ער איז דער לעצטער צו מאָגען ביי אים מאָראַל... יעדער איז אַזוי — ווי ער איז. און אפשר איז ער גאָר שאָרן מקנא, וואָס ער קען זיין, ווי הערשעלע זאָגט, אַ „טערק“... ער קען עס נישט...

דער קעלנער איז צוגעקומען און ניעזשינער האָט געוואָלט אויך עפּעס באַשטעלן פאַר שטיינמאַנען. שטיינמאַן האָט זיך אָפּגעטרייסלט: ער וויל קיין זאַך נישט. ער איז נישט הונגעריק.

שטיינמאַן איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס. ס'האָט אים געהויבן צוצוגיין צו שאָרן. דאָס טונקעלע פּנים, די שלאַנקע פּלייצע און דער לייכטער טראָט פון דער אומבאַקאַנטער, האָבן אין אים צעזונגען אַ פאַרבענקט געזאַנג... מוזיק און פרויען — נאָך ביידע הונגערט ער אַ גאַנץ לעבן. בעטלט ווי אַ בעטלער און בלייבט איינזאַם... וואָס ווייסן זיינע קאָלעגן פון איינזאַמקייט? זיי האָבן ווייבער און האָבן נאָך דערצו געליבטע... אים האָט אָבער קיינער קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען און קיינער וועט אים

קיין מאָל נישט פאַרשטיין — „ווי אַ בעטלער״... אָט האָט ער אָן אָנהייב פון אַ ליד...

שטיינמאַן האָט פּלוצים אָנגעהויבן אונטערברומען פאַר זיך און איז פאַרטראַגן געוואָרן ווי אין טראַנס. פון דעם טראַנס האָבן אים אויפגעוועקט די קלעפּלעך פון פּרוויאַישע קנאַפּל און צוויי גאָלדענע, קעצישע אויגן פון דער קליינער אַקטריסעלע בינע. זי איז צוגעקומען מיט גיכע טריטלעך. נאָך איר איז מיושבדיק נאָכגעגאַנגען אַ ברייטאַקסלדיקער מאַנספּערשוין און האָט פויל געקייט דעם שפּיץ פון אַ ציגאַר.

שטיינמאַן האָט זיך אַ שטעל געטאָן ווי אַ געניטער זעלנער. שוין איז ער געווען גרייט זיך איינצובייגן, קושן איר האַנט, אָבער זי האָט די האַנט אויסגעשטרעקט צו ניעזשינערן און אויסגערופן:

— כ׳האָב אָבער געוווּסט, אַז כ׳וועל אייך דאָ געפינען! און כ׳האָב אייך באַלד דערזען ביים אַריינקומען...

ניעזשינער האָט דאָס אַקטיאָרן פאַרפאַלק פאָרגעשטעלט פאַר מרימען. שטיינמאַן האָט זיין שטול אָפּגעטראָטן דער אַקטריסעלע. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און אויף שטיינמאַנען זיך נישט אומגעקוקט, אויף מרימען כמעט אויך נישט. זי ווייסט דאָך נישט מיט וועמען פון די צוויי מרים איז דאָ, איבעריקנס, אַרט עס איר ווייניק. זי האָט ווייטער גערעדט צו ניעזשינערן:

— ס׳איז פאָרט אַ מאָדנער צופאַל... היינט נאָך דער פאָרשטעלונג האָט הערמאַן געוואָלט אַריינגיין אין דער „קרעטשמע״, אָבער מיך האָט געצויגן אַהער... כ׳האָב זיך פאַרבענקט נאָך יענער צייט, ווען מ׳האָט אייך דאָ אַזוי אָפט געזען... לעצטנס זייט איר פאַרפאַלן געוואָרן — — ווי אין וואַסער אַריין — און מיט אַ מאָל — אָט זייט איר!...

און פּלוצים האָט זי מיט דער קליינער האַנט שטיפעריש אַ שויבער געטאָן זיינע האָר און דערביי אַ זאָג געטאָן:

— די זעלבע ראָבן־שוואַרצע האָר... די זעלבע אויגן, ווי קינזשאַלן! איר האָט זיך גאָרנישט געביטן...

ניעזשינער האָט אומבאַהאָלפן געשמייכלט. אַן אַנדערש מאָל וואָלט אים אפשר אָנגענעם געווען בינעס צודרינגלעכקייט. איצט אָבער האָט

ער געפילט אויף זיך מרימס בליק און ער האָט זיך נישט געקענט געפינען אין דער לאַגע...

שטיינמאַן איז געשטאַנען אַנגעלענט אָן זיין שטאָק. ער האָט אָפּגע־מאָסטן מרימען מיט אַ גיכן פיר פון די אויגן, אָבער ער האָט גאָרנישט געקענט זען אויף איר בלייך פּנים. אַ גרויסע נייגעריקייט האָט אים ווידער אַרומגעכאַפּט. ס'איז דאָ געוואָרן געוואַלדיק אינטערעסאַנט...

— בינע — האָט דער ברייטאַקסלדיקער הערמאַן אַ רוף געטאָן — דער קעלנער ווינקט. ער האָט פאַר אונדז גרייט אַ טישל.

— גיי, — האָט די אַקטריסעלע געענטפערט נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, — איך קום באַלד.

זי האָט נישט אין זינען געהאַט צו קומען באַלד. זי האָט גאָר גע־האָפט, אַז אפשר וועט דער שטיינמאַן באַלד אַוועקגיין און מיטנעמען מיט זיך דאָס דאַמעלע. שטיינמאַנען האָט זי נישט גערן, נאָך פון יענע, פאַר־גאַנגענע צייטן... שטענדיק ווען זי איז געזעסן מיט ניעזשינערן איז ער דער שטיינמאַן, אויסגעוואַקסן צווישן זיי און איז זיי נאָכגעגאַנגען ווי אַן אָב־שיקעניש...

— אַך, איך האָב נישט צו אייך קיין מזל... — האָט די אַקטריסעלע אַ זיפץ געטאָן. — אַז כ'האָב אייך שוין דאָ געפונען, וועל איך אייך דאָ באַלד פאַרלירן...

זי האָט אַוועקגעלייגט איר קליינע האַנט אויף זיינער, מיט די אונטער־געפירטע גאָלדענע אויגן האָט זי געוואָלט אויך צוהאַלטן זיין בליק. זי האָט ווי אויסגעזונגען:

— איצט וואָלט איך געוואָלט קיינער זאָל דאָ נישט זיין נאָר איר — און — איך...

מרים האָט דאָכט זיך אַ שמייכל געטאָן. אָבער ס'איז נישט אַרויסגע־קומען קיין שמייכל, בלויז איר ליפּ האָט זיך געעפנט. ווי נאַריש זי פילט זיך... וועט זי זיך דאַרפן צוגעוווינען אָט צו דעם? וועלן אַלע מאָל פון ערגעץ אַרויסשווימען זיינע געוועזענע, אָדער נאָך נישט געוועזענע? וואָס פילט ער? איז אים אַנגענעם, וואָס די אַקטריסעלע האָט אים אַרומגע־רינגלט מיט איר צודרינגלעכקייט? אוודאי זעט זי אויף זיין פּנים דעם

שמייכל פון פאַרלעגנהייט. אָבער אפשר באַשטייט זיין פאַרלעגנהייט אין דעם, וואָס זי, מרים, איז דאָ...

— דאָס איז אַן אידיאָטישע סיטואַציע! — האָט זיך מרים געזאָגט, — זי איז צו דעם נישט צוגעוווינט און וויל זיך נישט צוגעוווינען. זי וועט דאָ נישט פאַרבלייבן איין רגע מער. ער קען דאָ פאַרבלייבן אויב ער וויל.

— זייט אַזוי גוט, — האָט זיך מרים צוגעבויגן צו שטיינמאַנען, — דערלאַנגט מיר מיין מאַנטל...

— מרים, וואָס איז? — האָט ניעזשינער געפרעגט און דער פריער־דיקער שמייכל פון זיין פּנים איז פאַרשוווּנדן.

מרים האָט נישט געענטפערט. אין די געדערים האָט עפּעס געבונ־טעוועט, אין האַלדז איז איר געוואָרן ענג. זי האָט קיין מאָל פריער עפּעס ענלעכס נישט אַדורכגעלעבט, און דאָך פילט זי, אַז די פּיין איז איר באַקאַנט פון פריער...

שטיינמאַן האָט שוין ריטערלעך צוגעהאַלטן איר מאַנטל זי זאָל אים אָנטאָן. אָבער זי האָט בלויז אַ נעם געטאָן דעם מאַנטל פון זיינע הענט און גיך, ווי די טריט וואָלטן אונטער איר געברענט זיך אַ טראָג געטאָן צום אַרויסגאַנג פון קאַפע.

ניעזשינער האָט זיך געלאָזן נאָך איר. אויף זיין פּנים האָט זיך באַ־וויזן די פאַרגאַפטקייט פון איינעם, וואָס דאַרף אויפלייזן אַ רעטעניש און קען נישט...

ביי דער טיר האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נישט באַצאָלט און האָט זיך צוריק געקערט זוכן דעם קעלנער. די טישלעך מיט די מענטשן האָבן זיך אַ דריי געטאָן פאַר זיינע אויגן ווי אַ קאַרוזעל. ער האָט אַלעמען דערזען און קיינעם נישט געזען. אויך דעם קעלנער האָט ער נישט געזען, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים פאַרבויגן מיט דער זילבערנער טאַץ און דער סערוועטקע אין זיין האַנט.

שטיינמאַן האָט אַ פאַרטראָגענער אים נאָכגעקוקט, געזען ווי ער לאָזט זיך אַרויס פון דער טיר פון קאַפע. ער האָט זיך שווערער אָנגע־לענט אַן זיין שטאָק.

די אַקטריסעלע האָט ערשט איצט זיך אויסגעדרייט צו שטיינמאַנען ווי זי וואָלט אים נאָר וואָס דערזען.

— אפשר קען ער איר געבן צו פאַרשטיין? אפשר קען ער איר דאָ עפּעס אויפקלערן? — — —

שטיינמאַן האָט אַ זאָג געטאָן ווי ער וואָלט גערעדט צו עמעצן אַנדערש:

— איר... איר... האָט שוין געהערט די נייעס? טאָסקאַניני וועט טאַקע שפּילן טשייקאָווסקיס „פּאַטעטישע סימפאָניע"...

דאָס אַקטריסעלע האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס.

# קאַפּיטל 7

.1

די טעאַטער־שילדן זענען שוין געווען אויסגעלאָשן. די טראָטואַרן כמעט אָפּגעליידיקט פון שפּאַצירער. אַ ווינט האָט געטראָגן שטיקער צייטונג־פּאַפּיר לענגאויס דער עוועניו. דאָ און דאָרט, פון אַ ווינקעלער, פון אַ רעסטאָראַן זענען אַרויס געציילטע מענטשן, זייערע טריט האָבן האַרט אָפּגעהילכט אין דער נאַכטישער שטילקייט.

ניעזשינער האָט זיך אַ רגע פאַרהאַלטן אויף די טרעפּ פון קאַפּע. זיינע צעלאָפּענע אויפן האָבן אַ זוך געטאָן מרימען איבער דער גאַס. אפשר האָט זי דאָ ערגעץ צוגעוואַרט אויף אים? — — נאַריש, ער ווייסט אַז זי האָט נישט געוואַרט.

ער האָט זיך געלאָזן גיין מיט לאַנגע, גיכע שפּרייזן. ער וועט זי דער־יאָגן, ער וועט זי אָננעמען ביי דער האַנט שטייף: — מרים, ביסט משוגע? וואָס האָסטו געטאָן און צוליב וואָס? — — ער זעט בשום אופן נישט איין צוליב וואָס. ס'איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ כעס: ער האָט גאָרנישט געוווסט, אַז מרים איז אַזאַ...

אָט איז שוין די וויליאַמסבורג־בריק. אָט זענען די טראַמוויי־סטאַ־ציעס. ביי יעדער סטאַציע וואַרטן בינטלעך מענטשן. מרים איז דאָ נישטאָ. אפשר זאָל ער זיך אומקערן צוריק זי זוכן? האָט ער זיך געפרעגט. ווו זאָל ער זי זוכן? זי האָט דאָך געקענט גיין מיט אַן אַנדער וועג אויך, און ער האָט זי אויסגעמיטן. מאָדנע, ווי דאָס אַלץ איז געשען פון דער העלער הויט און פלוצים...

דער טראַמוויי איז אָנגעקומען און ער איז איינגעשטיגן. נו, בעסער וועט ער שוין וואַרטן אויף איר ביי משהס הויז. דאָרט איז זיכערער, דאָרט קען זי אים נישט אויסמיידן...

דער פינף־גאָרנדיקער מויער אויפן ראָג גאַס איז געשטאַנען שטאָק־פינצטער. די ציגלווענט זענען געשלאָפן... זיין בליק האָט זיך אַ דראַפּע געטאָן צום פערטן גאָרן; איז דאָרט ליכטיק? — ניין, ס'איז פינצטער. נו, זיי זענען ביידע געגאַנגען מיט אַנדערע וועגן און ער האָט זי איבערגעיאָגט. דאָ וועט ער וואַרטן. מיט וועלכן וועג זי זאָל נישט גיין מוז זי דאָך אַהער קומען.

ער האָט אַריינגערוקט די הענט אין די קעשענעס פון מאַנטל און איז געבליבן שטיין האַרט ביים מויער. באַלד האָט ער פאַרלוירן דאָס געדולד און זיך געלאָזן צוריקגיין צו דער פּלאַזאַ, ווו אַלע טראַמווייען שטעלן זיך אָפּ. דאָ וועט ער זי פריער באַגעגענען. דאָ מוז זי אויסשטייגן.

טראַמווייען זענען אָנגעקומען, פּאַסאַזשירן האָבן אויסגעשטיגן, — מרים איז צווישן זיי נישט געווען. וואָס קאָן דאָ זיין? — האָט ער זיך געפּרעגט. אַ מאָדנער געדאַנק איז אים פּלוצים דורכגעלאָפן דורכן מוח: ביים אַרויסלויפן פון קאַפע האָט זי געקאָנט באַגעגענען אַ באַקאַנטן — — און איז מיט יענעם אַוועק... פרויען טוען אַמאָל אַזוינע זאַכן פון נקמה...

ער האָט אַ לאַך געטאָן פון דעם משוגענעם געדאַנק. ער וועט סיי ווי וואַרטן אויף איר אַפילו ביז טאָג.

ער איז צוריק געגאַנגען צום מויער אויפן ראָג גאַס און איז געבליבן שטיין ביים נאַכט־לאַמטערן הילפלאָז קעגן אייגענעם מזל... ער האָט זיך געפּרעגט: נו, וואָס האָט ער געזאָלט טאָן אין דער נאַרישער לאַגע דאָרט אין קאַפע? האָט ער זיך באַדאַרפט האַלטן פון אויבן אַראָפּ קעגן בינען, וואָס ערשט מיט אַ יאָר צוריק איז ער גאָרנישט געווען גלייכגילטיק צו איר באַריר... אמת, דער באַריר פון איר האַנט איז אים שוין איצט געווען פרעמד. אָבער אירע קינדערשע, טראָציקע רייד זענען אים דווקא געפעלן. — אַהאַ דאָס איז עס! דערפאַר שטייט ער דאָ ווי אַ הונט, דערפאַר צאָלט ער. נו, גוט.

ער האָט אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון זיין מאַנטל און גערויכערט. דאָס גרילצן פון די אָנקומענדיקע טראַמווייען ביי דער פּלאַזאַ זענען געוואָרן זעלטענער. זעלטן ווען אַ מענטש איז דורכגעגאַנגען די גאַס. מיט אַ מאָל איז אים געוואָרן קלאָר, אַז ער וואַרט אומזיסט. מרים האָט באַוויזן

אַהיים קומען איידער ער האָט זי פאַרכאַפּט און זי שלאָפט שוין אוודאי, וואָס זאָל ער איצט טאָן? ער קען איצט נישט גיין צו זיך אין צימערל. ער וועט סיי ווי נישט שלאָפן.

ער איז געשטאַנען אַ פינצטערער, געהיט דעם מויער שוין נישט וויסנ־דיק צוליב וואָס. פון ערגעץ זענען צום אַריינגאַנג פון מויער צוגעקומען אַ יונג פּאָרל און זענען געבליבן שטיין. זיי האָבן עטלעכע מאָל אויף אים אַ בליק געטאָן ווי זיי וואָלטן געוואָרט ער זאָל אַוועקגיין. ער האָט אויס־געגלייכט די פּלייצע און זיך געלאָזן גיין.

דורך די איינגעשלאָפענע גאַסן האָבן זיינע טריט אָפּגעהילכט הויל און פּוסט ווי די טריט פון איינעם, וואָס גייט אַהיים פון ערגעץ ווו ער האָט פאַרשפּילט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט...

ער איז געבליבן שטיין ביים צווייגאָרנדיקן שטיבל מיט די מעבליר־טע צימערלעך. דאָס שטיבל איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף. דער ווינט האָט געהוידעט דאָס שטענדיק אָפּירגעהאַנגענע שילדל. פון דעם שילדל האָט אַ ווייע געטאָן אויף אים קאַלטער עלנט. ער קאָן נישט אַרויפגיין. ער קאָן נישט. מיט אַ פּאָר נעכט צוריק איז מרים מיט אים דאָרט אויבן געווען. אירע האָר זענען אַראָפּגעפאַלן אויף זיין אַקסל ווי אַ וואַרעמע כוואַליע, זיי האָבן געשמעקט ווי קאַשטאַנען. מיט אירע דינע אָרעמס האָט זי אַרומגעקלאַמערט זיין האַלדז — — מיט דער גאַנצער דינקייט פון איר לייב איז זי אַריין אונטער זיין הויט, אַריין אין זיין בלוט, — וואָס איז דאָ היינט געשען? וועלכער לץ שפּילט זיך מיט אים און פירט אים אַרום די נאַכט? — — ווי קאָן ער מאַכן שלום מיט דעם אומזין? ער מוז זי נאָך די נאַכט זען! ער מוז איר געבן צו פאַרשטיין — — —

ער האָט זיך געטאָן אַ דריי אויס אויף צוריק. ער וועט אַרויפגיין צו איר ברודער משה. אים אַרט נישט וואָס ס'איז מיטן נאַכט. ער מוז מיט איר נאָך די נאַכט רעדן. זאָל זי נישט מיינען, אַז זי קען אַוועקלויפן פון אים אַזוי לייכט און אים לאָזן אַליין. ער קאָן אָן איר מער נישט זיין. זי דאַרף דאָס וויסן. ער וועט עס איר זאָגן — — וועט ער דאָס איר זאָגן? ער שעמט זיך דאָך פאַר אַזוינע רייד. פרויען האָבן אָבער ליב דעקלאַמאַ־

ציע... ער האָט עס פיינט. ער ווייס, אַז ער וועט איר זאָגן דאָס פּאַרקערטע פון דעם, וואָס ער וויל זאָגן. ער מוז זי אָבער נאָך די נאַכט זען.

.2

דער מויער איז געשטאַנען שטיק־שטיל און פּאַרלאָשן. אַלע פענצ־טער פינצטער. פינצטער איז אויך אין קאָרידאָר. ער האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע, געזוכט דאָס קנעפּל אויף אָנצוקלינגען. אָבער די קנעפּלעך זענען געווען אַרויסגעריסן ווי אין די מערסטע טענעמענט־הייזער. ער ווייסט אַפילו נישט דעם נומער אויף משהס טיר. ער וועט אַ זוך טאָן דאָס בריוועקעסטל, אפשר איז דאָרט דאָ דער נומער פון טיר. ער ווייסט, ס׳איז אויפן פערטן שטאָק, צום פאָרנט־צו — וואָרט, נאָך איין שוועבע־לע — אָט איז דאָס בריוועקעסטל — דעם נאָמען זעט ער שוין — דאָס שוועבעלע האָט אָבער אויסגעברענט. ער צינדט ווידער אָן אַ שוועבעלע און מיט אַ מאָל דערפילט ער אַ קרעפטיקע האַנט אויף זיין אַקסל, ער דערהערט אַ האַרט קול:

— העי מיסטער!

לעבן אים שטייט אַ פּאָליציאַנט מיט אַ פּראָזשעקטאָרל. ער האַלט אים ביים אַקסל און פרעגט:

— וואָס זוכט ער דאָ ביינאַכט אין פינצטערן קאָרידאָר? האָט ער דאָ עפּעס פאַרלוירן? וווינט ער דאָ?

— ניין... ער וווינט נישט דאָ... צי ער האָט עפּעס פאַרלוירן? — ער וויל דערקלערן דעם פּאָליציאַנט וואָס און וועמען ער זוכט און פלו־צים קאָן ער עס נישט דערקלערן...

— נו, אפשר אין פּאָליציי־צירקל וועט ער עס יאָ קאָנען מאַכן קלאָר... — דערקלערט אים דער פּאָליציאַנט.

פון ניעזשינערן איז מיט אַ מאָל אָפּגעפאַלן די שרעק פאַרן פּאָלי־ציאַנט. אַ שרעק, וואָס איז אים פאַרבליבן נאָך פון זיינע יינגלשע יאָרן, פון יענעם לאַנד, ווו פאַר לייענען קאַרל מאַרקסן און באַקונינען, האָט מען אים געשלאָגן מיט דער נאַגייקע און אַריינגעזעצט אין תפיסה...

וואָס האָט ער זיך דאָ פּאַר אים דערשראָקן? דאָ איז נישט רוסלאַנד...

די האַנט ניעזשינערס האָט פון דעסטוועגן אַ ביסל געציטערט בעת ער האָט געזוכט און אַרויסגעצויגן ביי זיך פון וועסטל־קעשענע אַ בלאַט־ציַיטונג.

— אָט דאָ איז זיין בילד — — זיין נאָמען... ער איז דאָ נישט גע־קומען גנבענען...

דער פּאַליציאַנט באַלויכט די ציַיטונג מיטן פּראָזשעקטאָרל. ער קוקט אויפן בילד, אויף אים — יאָ, ס'איז דערזעלבער.

— ווי קומט אין ציַיטונג זיין בילד? — פרעגט דער פּאַליציאַנט ווי ער וואָלט אים שוין כמעט געכאַפּט ביים פאַרברעך...

— אַך, יאָ... ער שרייבט אין דער ציַיטונג. די קורצינקע שורהלעך אונטערן בילד זענען זיינע... דאָס איז אַ ליד. אַ פּאָעמע...

דער פּאַליציאַנט קוקט אין דער ציַיטונג ווי אַ האָן אין בני אָדם... די פּירקאַנטיקע אותיולעך וואַרפן אָבער אויף אים אָן אַ פרעמדע פאַרכטי־קייט. זיי דערמאָנען אים אָן דער אַלטער „ביבל"... אָן דעם אַלטן גאָט... יאָ, ס'זעט אויס ווי אַ פּאָעמע. אַמאָל האָט ער אַזוינס געלערנט אין סקול און פיינט געהאַט...

דער פּאַליציאַנט האָט אָפּגעלאָזן ניעזשינערס אָקסל.

ניעזשינער איז געוואָרן רויק. אַזש אַ שמייכל געטאָן. אָט, ער וועט לייענען פאַרן פּאַליציאַנט זיין ליד... ווי אויסטערליש! דער איינפאַל איז אים שטאַרק געפעלן... קען געמאָלט זיין, אַז דער פּאַליציאַנט איז גאָר אַ ייד...

דער פּאַליציאַנט האָט ווידער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס טוט ער דאָ אין פינצטערן קאָרידאָר אַזוי שפּעט ביינאַכט? וואָס זוכט ער דאָ אין דער פינצטער?

— ער? — — — ער זוכט דאָס בריווקעסטל פון זיין געליבטער... ער... זי... ער דאַרף איר איבערלאָזן אַ צעטעלע...

דער פּאַליציאַנט האָט גענומען דרייען מיטן גומי־שטעקעלע און ניע־זשינער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף זיך אַרויסנעמען פון קאָרידאָר. ער, דער פּאַליציאַנט, דאַרף דאָ היטן די נאַכטיקע רו און די אָרדענונג...

אין דרויסן האָט זיך ניעזשינער מיט אַ מאָל ווי אויסגעניכטערט: וואָס הייסט, ער האָט געוואָלט אין מיטן נאַכט אַרויפגיין אין אַ פרעמד הויז, אויפוועקן מענטשן? וואָס איז מיט אים געשען די היינטיקע נאַכט, איז ער אַראָפּ פון זינען? — — נישט אַנדערש נאָר דער פּאַליציאַנט איז אַ מלאָך פון הימל, געשיקט געוואָרן אים אָפּצוהיטן פון באַגיין אַזאַ נאַר־רישקייט, אָדער פּשוט פון פאַרברעך! נו, אַ דאַנק גאָט, וואָס ס'איז אַזוי געשען און ער איז נישט אַרויף אויבן. אָבער גיין צו זיך אין צימערל וועט ער אויך נישט. די נאַכט וועט ער שוין נישט שלאָפן.

ער האָט זיך געלאָזן גיין און געפילט אויף זיין פּלייצע די בליקן פון דעם פּאַליציאַנט. ער איז צוגעקומען צו דער נאַכט־קאַפעטעריע ביי דער פּלאַזאַ, געעפנט די טיר און איז אַריין.

אין קאַפעטעריע איז געווען מיט־נאַכטיש, שטיל. די שטילקייט האָט געהויערט איבער די געציילטע מענטשן, וואָס זענען דאָ געזעסן ביי מע־טאַלענע טישלעך ווי געפאַנגענע אין נאַכטישן געוועב. ס'האָט זיך בלויז געהערט אַ דיקער גערזשום פון אַ פליג ערגעץ אויף דער סטעליע.

ער האָט גענומען אַ שוואַרצע קאַווע און זיך צוגעזעצט צו אַ טישל. קעגנאיבער, ביים צווייטן טישל, איז איינער אַליין געזעסן אַ יונגערמאַן מיט אַ פאַרשטאַרט, האַרט פּנים. זיינע אויגנאַפּלען האָבן געשטאַרט פאַר זיך און ערגעץ נישט געווענדט. ניעזשינער האָט געטאָן אַ זופּ די שוואַרצע קאַווע און איז געבליבן זיצן געננוי אַזוי פאַרשטאַרט ווי דער יונגערמאַן ביים אַנטקעגנאיבערדיקן טישל. ער האָט זיך איינגעהערט אין דער נאַכט־שטילקייט און אין דעם איבערגעוועקטן, דיקן גערזשום פון דער פליג.

ווי לאַנג איז ער אַזוי געזעסן? — ער קאָן נישט וויסן. מיט אַ מאָל האָט דורכן גרויסן קאַפעטעריע־פענצטער אָנגעהויבן אַריינגרויען דער פרי־מאָרגן. די טיר פון קאַפעטעריע האָט זיך אָנגעהויבן אָפּט עפענען און פאַרמאַכן. ס'האָט אָנגעהויבן אַהער אַריינדרינגען די פרישע פרימאָרגן־קעלט און דאָס געגרילץ פון אַ נעץ טראַמווייען, וואָס האָבן זיך געלאָזן אין גאַנג. פּלוצים האָט זיך פון ערגעץ אָנגעטראָגן דאָס וואָרנדיקע קלינגעריי פון פייערלעשער. ניעזשינער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויס פון קאַפעטעריע.

## 3.

די פֿייערלעשער האָט ער שוין נישט געזען. דאָס קלינגעריי איז ערגעץ געוואָרן פֿאַרשטילט. דער ראָזעווער פֿרימאָרגן־נעפּל איז געהאָנגען אין דער לופֿטן און דורכן נעפּל האָט זיך געצייכנט דאָס געוועב פֿון דער ברוקלין־בריק — אויף יענער זייט בריק — די קאָנטורן פֿון די טורעמדיקע וואָלקן־שטעכערס.

ער האָט אַ ציטער געטאָן פֿון דער פֿרימאָרגן־קעלט און איז צוריק געגאַנגען צום מויער אויפֿן ראָג גאַס. מיט שעהען און שעהען צוריק האָט ער ביי זיך באַשטימט דאָ צו שטיין, פֿון דאַנען נישט אַוועקגיין ביז ער וועט זיך זען מיט מרימען און דאָס איז געבליבן פֿאַרפֿיקסירט אין זיין מוח. ער געדענקט כמעט נישט דאָס איבעריקע וואָס איז געשען צווישן אים און מרימען אין אָט דער נאַכט. די לאַנגע, משוגענע נאַכט האָט אין אים אַלץ צעמישט און קיין זאַך איז איצט פֿאַר אים מער נישט רעאַל. דאָס איינציקע אַרום וואָס ער האָט זיך געדרייט איז דער מויער אויפֿן ראָג גאַס. דאָ מוז ער וואַרטן ביז גרויסן טאָג, ביז ער וועט זיך קענען זען מיט מרימען און ס׳וועט צווישן זיי קלאָר ווערן... וואָס דאַרף צווישן זיי קלאָר ווערן ?... דאָס געדענקט ער שוין נישט...

דאָס מויל פֿאַרזיגלט, דאָס פּנים פֿינצטער, דער הוט אַראָפּגעזעצט טיף איבערן שטערן — די הענט פֿאַררוקט אין די קעשענעס פֿון מאַנטל — איז ער געבליבן שטיין ביי דער וואַנט פֿון מויער.

כאָטש עס איז דער אָנהויב פֿון אַ זונטיק־טאָג, האָבן מענטשן פֿו״י זיך אָנגעהויבן באַוועגן איבער די גאַסן. ס׳האָבן זיך געעפֿנט צייטונג־קיאָסקן, שפּייז־געוועלבלעך, מילך־וועגעלעך האָבן פֿאַרבייגעטראָסקעט דעם שטיינערנעם ברוק. די פֿייערלעשער זענען צוריק געפֿאָרן מיט אַן אויסגעלאָשן קלינגעריי; אַ פֿרוי האָט געעפֿנט אַ פֿענצטער אין מויער און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. שטייט אַ מענטש ביי דער מויער־וואַנט... שטייט ער. דער טאָג שטייט נישט. דער טאָג באַוועגט זיך.

פון אַ זייטיק געסל האָט זיך אָנגעטראָגן אַ דאַר מענטשל. אויפן אַקסל איז אים געהאָנגען אַ פאָטאָגראַפישער אַפאַראַט. ער האָט באַלד דערזען זיין ערשטן קונה דאָרט, ביי דער מויער־וואַנט. יענער שטייט אַקוראַט ווי ער וואָלט געוואַרט ער זאָל קומען מיט זיין אַפאַראַטל אַראָפנעמען זיין בילד... ער וועט עס מאַכן איינס־צוויי און לייזן זיין ערשטן פדיון... זיין קאָפ האָט שוין געשטעקט אין דער כאַליעווע פון צעשטעלטן אַפאַראַטל, מיט דער פלינקייט פון אַ כישוף־מאַכער האָט דאָס מענטשל אָפגעטאָן זיין אַרבעט. באַלד האָט ער אין זיין האַנט געהאַלטן אַ נאַס בלעכל. ער האָט נישט געוואַרט קיין רגע. ער איז צוגעקומען נעענטער צו דער וואַנט.

— מיסטער, איין ניקל!

און ער האָט צוגעטראָגן צו ניעזשינערס אויגן אַ פינצטער בלעכל אויף וועלכן ס'איז געווען אָפגעדרוקט אַ פינצטער, פאַרעקשנט געשטאַלט.

דאָס בלעכל איז פאַרבליבן אין ניעזשינערס האַנט און דער פאָטאָ־גראַפער איז אַוועק מיט זיין ערשטן פדיון.

דאָס בילדל מיטן פינצטערן, פאַרעקשנטן געשטאַלט האָט אויף אַ רגע אויפגעוועקט ניעזשינערס פאַרגליווערטע געדאַנקען: דאַכט זיך, אַ ריינער צופאַל האָט אָנגעטראָגן דעם פאָטאָגראַפער אַהער ער זאָל אַראָפכאַפן זיין בילד דאָ איצט— דאָך זעט עס אויס ווי געפלאַנט... דאָס בילדל וועט ער אַרויפשיקן צו מרימען. דאָס איז פאַר איר... זאָל זי זען, — מרים!...

באַלד איז אַרום אים געשטאַנען אַ נייער בעל־פרנסה. אַ יינגעלע מיט אַ פאַק צייטונגען האָט געשטרעקט צו אים אַ צייטונג.

— פעיפער, מיסטער, פעיפער!

ניעזשינער האָט גענומען אַ צייטונג. ער האָט אַרויסגעזוכט פון צווישן קליינגעלט אַ זילבערנע מטבע.

— זעסט, יינגעלע, די מטבע? קריגסט עס אין גאַנצן. אָבער טראָג פאַר מיר אַרויף אַ צעטעלע דאָ אויבן, אויפן פערטן גאָרן, צום פאָרנט. דעם נאָמען, וואָס כ'וועל דיר געבן אָנגעשריבן, וועסטו געפינען אויף איינער פון די טירן — גוט?

דאָס יינגעלע איז געשטאַנען מיטן אַן אַרויסגעשטעקט צינגל בעת ניעזשינער האָט געשריבן אויף אַ שטיקל צעקנייטשט געל פאַפיר:

... „אָט אַזוי שטיי איך ביי דיין פענצטער זעקס שעה, מירא — —
כ׳גיי נישט אַוועק — — כ׳וואַרט — — ״

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט וויפל שעה צוריק איז דאָס געווען? זי האָט זיך געיאָגט אין דער טאַקסי צוריק פון קאַפע און גערעדט צו זיך: דאָס איז דער סוף. איצט בין איך פריי און ער איז פריי. איך באַצאָל צופיל פאַר מיין פריי זיין. און ער — מיט אַלעם דעם, וואָס ער איז אַרומגערינגלט, איז ער פאַר מיר נישט גוט. כ׳וועל ערגעץ אַנטלויפן. ער וועט מיך קיין מאָל נישט געפינען... צו וואָס אויף סניי אַריין אין אומזיכערקייט און פיין? כ׳וועל אים אַרויסרייסן פון זיך און וועל אים פאַרגעסן. כ׳מוז אים פאַר־געסן. כ׳בין בלויז געווען ביי אים נאָך איינע צווישן יענע אַנדערע. מער גאָרנישט. יאָ, דאָס איז דער סוף.

איצט האָט מרים געקוקט אויפן בילדל, אויף די עטלעכע אויפגעשריי־בענע ווערטער זיינע און זי איז מער נישט געווען די, וואָס מיט שעהן צוריק... אויך ער איז נישט דער וואָס מיט שעהן צוריק... דאָ אויפן בילדל איז געשטאַנען איינער מיט אַ פינצטער, אויסגעליטן פנים, מיט אַן עקשנות־דיק־פאַרזיגלט מויל, און דאָ האָט ער אויסגעזען אַזוי אירער — אַזוי אין גאַנצן אירער, אַז פון דעם פנים, פון דער פינצטערער געשטאַלט קען זי ערגעץ נישט אַנטלויפן... די שיינקייט פון זיין פנים איז ווי נעלם געוואָרן דורך דער נאַכט, ווי ער וואָלט עס איר געבראַכט אַ קרבן... דערמיט האָט ער אַפּגעווישט אַלע חשבונות, דאָס האָט מרים מאָמענטאַל דערפילט. אַ מענטש מוז אפּנים פאַר אַלץ באַצאָלן, וואָרעם בלוט מיט בלוט פירט אַ חשבון און ביז דער חשבון שטימט נישט איז נישטאָ קיין רו ,קיין מנוחה. ביי איר מיט דודן האָט דער חשבון פון בלוט נישט געשטימט. זי האָט קיין מאָל נישט באַצאָלט מיט ליידן פאַר זיינע ליידן — — זיינע ליידן זענען איר פאַרבליבן פרעמד... ביי ניעזשינערן מיט חנהן האָט אויך נישט גע־שטימט דער חשבון פון בלוט. ער איז פאַרבליבן איר שטענדיקער בעל־חוב... אויב ניעזשינער זאָל נישט קענען באַצאָלן מיט ליידן צוליב איר —

און זי זאָל נישט קענען באַצאָלן מיט ליידן צוליב אים — וועט נישט זיין קיין לעבן צווישן זיי.

מרים איז געלאָפן אַראָפּ די טרעפּ און די געדאַנקען אירע זענען זיגזאַגיש געשפּרונגען; גאָט מיינער, ער איז דאָ געשטאַנען די גאַנצע נאַכט אין דער קעלט! ווי האָב איך געקענט מיינען, אַז דאָס איז דער סוף — — אַז כ׳וועל אים מער נישט זען...

זי האָט אים דערזען שטיין ביים סאַמע אריינגאַנג פון הויז, ביי די טרעפּ. ס׳איז געווען ער — און נישט ער... דער הוט איז געווען אַראָפּגע־זעצט אויף זיין שטערן און קרומלעך, די אויגן זענען אים געווען פאַרצויגן מיט אַ געל הייטל. די ליפּן זיינע זענען דינער געוואָרן דורך דער נאַכט און ס׳האָט אים געשפּראָצט אַ באָרד...

זי האָט געקוקט אויף דער פאַרענדערונג אין אים, וואָס איז איר גע־ווען שטאַרק פרעמד און שטאַרק נאָענט... ער זעט אויס קראַנק, אפשר האָט ער פיבער? זי וועט צולייגן די ליפּן צו זיין שטערן, — ניין, נישט דאָ, נישט ביי דעם הויז. זי איז אַ רגע געשטאַנען, געקוקט אויף אים ווי פאַרגליווערט.

— מרים, דו גייסט מיט מיר? — האָט ער געטאָן אַ רוף מיט צאָרן און זיך אָנגעכאַפּט ביי די לאַצן פון זיין ראָק ווי גרייט זיי אַרונטערצו־רייסן...

מרים האָט אים נאָך אַזאַ נישט געזען. נאָר ס׳האָט איר געדאַכט, אַז זי האָט אים שוין יאָ געזען אין זיין פאַרלוירנקייט מיט אַראָפּגעריסענע לאַצן... אַ פינצטערן ווי די נאַכט... אין איר געפיל איז זי נאָכגעגאַנגען נאָך אים אין די פינצטערע ווינקלען פון זיין פיבערישן מוח.

זי האָט צערטלעך אַרויפגעלייגט אירע הענט אויף בײדע זיינע. זיינע הענט האָבן נאָכגעגעבן אונטער איר באַריר און זיך אַראָפּגעלאָזן הילפלאָז פון די לאַצן.

זי האָט גענומען זיין אָרעם און זיי זענען אַוועק פון דעם מויער אין שווייגן.

ביי דעם פּלאַזאַ־גאָרטן האָט מרים צוגעלייגט אירע ליפּן צו זיין שטערן. זיינע נאָזפליגלען האָבן אַ ציטער געטאָן. איר פּנים האָט זיך אָנגערירט

אָן זיינעם, אָן די האַרטע שפּראָצונגען פון זיין נישט געגאָלטער באָרד — — אָן זיינע פאַרטריקנטע ליפּן, וואָס האָבן געשמעקט דורכגעברענט מיט טיטון.

פאַרבייגייער האָבן זיך אומגעדרייט, זיי נאָכגעקוקט. מרימען איז עס נישט אָנגעגאַנגען. זיי זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון זיין צימערל. אַ שטילקייט האָט איבער זיי געהויערט. די זון האָט זיך צעגאָסן איבער דעם אויפגייענדיקן טאָג, די ערד האָט געשמעקט מיט אויפגעפּראַלטע פרילינג־וואָרצלען, מיט רו, זיי האָבןביידע כמעט נישט געדענקט וואָס ס'איז צווישן זיי געשען די פאַרגאַנגענע נאַכט.

# קאַפּיטל 8

## .1

ווען עס קומט צו רייד וועגן יעקב שאָר, מוז מען צוגעבן: ער האָט געהאַט חן. אַזאַ מין חן, וואָס נעמט זיך פון נישט האָבן יענעם דערפאָלג אין לעבן, וואָס מ׳וואָלט געוואָלט... אַ וויכער, אומעטיקער שמייכל האָט זיך שטענדיק געוויקלט אַרום זיין ברייט מויל, ווי ער וואָלט זיך נאָכאַנאַנד פאַרענטפערט און געבעטן מ׳זאָל אים פאַר עפּעס אַנטשולדיקן...

אָט דער שמייכל זיינער איז באַלזאַם פאַר אַדאַס צער, פאַר דזשוליעס צער און אַ שטענדיקער פאַרענטפער פאַר זיין שלאַף ווייב מעכלע...

אַדאַ וואָלט איצט אַרום אים, מיט זיין ווייכן שמייכל, געוואָלט פאַראַנקערן אירע מיד געוואָרענע יאָרן. איר דוכט זיך, אַז אַרום אים וואָלט זי געפונען יענע מנוחה, וואָס זי האָט נישט געפונען ביי אירע פריערדיקע, די שטאַרק־פאַרגליבטע אין זיך... מיט אַזאַ הכנעה ווי זיינע, איז ער ווי געבוירן צו דינען אירע קאַפּריזן; ער קען אַפילו ווערן פאַר איר דער לייטער צו דערקלעטערן צו אירע שרייבערישע אַמביציעס — איצט, ווען איר שיינקייט הייבט אָן שטאַרבן...

דזשוליע פליט אָן צו יעדן ראַנדעווו מיט שאָרן ווי אויף פליגעלעך. אַ געליטענע פון דער גלייכגילט פון איר אייגענעם מאַן, וואָס האָט אָן אומגעזעטיקטע לוסט צום וואַנדערן (גראָד איצט איז ער מיטן יידישן לעגיאָן אין פּאַלעסטינע און העלפט דעראָבערן דאָס אַלטע, הייליקע לאַנד), אַ געפּרוווטע און אַנטוישטע אין אירע זייטיקע אַוואַנטורעס, איז דזשוליע אַרום שאָרן דעם דיכטער, דעם עסטעט, ממש דערהויבן געוואָרן אין אירע אייגענע אויגן. דער איידעלער אופן פון זיין ליב האָבן, דאָס קושן איר די הענט, איז איר אַריין אין מאַרך פון די ביינער. ביז אַהער האָט זי געציטערט דער מאַן אירער זאָל זיך נישט דערוויסן עפּעס וועגן אירע זייטיקע פירונגען און זי אין גאַנצן איבערלאָזן

— — איצט איז זי אַליין גרייט אים דערציילן דעם אמת און אים איבער־לאָזן... זי וועט עס אים שרייבן אַזש קיין פּאַלעסטינע. צום ערשטן מאָל איז זי גרייט אויף אַזאַ דרייסטער האַנדלונג, צוליב אים, שאָרן...

האַפּערדיק האָט דזשוליע דאָס אַלץ אויסגעפּלאַפּלט פאַר אים ביי זייער באַגעגעניש. שאָר האָט זי אָפּגעהאַלטן מיט זיין ווייכן שמייכל: — ער קען צום באַדויערן, נישט אָננעמען איר קרבן, מחמת ער אַליין קען קיין קרבנות נישט ברענגען. זי ווייסט דאָך, ער האָט אַ שלאָף ווייב מיט קליינע קינדער. ער קען זיי נישט איבערלאָזן... און אַזוי ווי ס׳איז איצט, איז זי, דזשוליע, געוואַלדיק אינטערעסאַנט. אין איר גרייטקייט און אָפּ־פערוויליקייט, דערמאָנט זי אים אין „מאַדאַם באָוואַרי״... וואָס? זי ווייסט נישט ווער דאָס איז? — נו, דאָס איז אַ העלדין פון אַ ראָמאַן. ער וועט איר אומבאַדינגט ברענגען דאָס בוך. זיין ווייב, מעכלע האַלט עס איצט אין לייענען...

דזשוליע האָט נערוועז אַ לאַך געטאָן. איר געלעכטער האָט געקלונגען מיט ביטערניש. ס׳איז איר אָבער דאָך גוט געווען וואָס ער פאַרגלייכט זי מיט אַ העלדין פון אַ ראָמאַן... איז אויב אַנדערש קען עס טאַקע נישט זיין, וועט עס מוזן פאַרבלייבן ווי ס׳איז איצט, און זי וועט עס אויף ווייטער פאַרבאָרגן פון איר מאַן. אויפגעבן יעקב שאָרן קען זי נישט. ס׳איז אַלץ איינס ווי מאַכן אַ סוף צו איר לעבן, — האָט דזשוליע צו זיך גערעדט.

דזשוליע און אַדאַ און אַנדערע פאַרבינדונגען און אָפּבינדונגען מיט פאַרשיידענע פרויען, וואָס שאָר באַגעגנט דאָ און דאָרט, — גיבן אים דאָס געפיל פון דערפאָלג, וואָס דאָס שרייבן זיינס גיט אים נישט. אגב, ווייסט ער, און ער רעדט אָפט איבער פאַר מעכלען, אַז דערפאַרונג, איבערלעבונג, אַוועלכע זי זאָל נישט זיין, פאַרטיפט דעם שרייבערס טאַלאַנט... זיין ווייב מעכלע, רעדט שוין כמעט נאָך זיינע רייד: — וואָס קען מען טאָן, — זאָגט זי — אַז מ׳האָט אַ מאַן אַ פּאָעט? אַ פּאָעט באַדאַרף תמיד האָבן נייע אינספּיראַציע...

מעכלע האָט געוווסט, אַז היינט־מאָרגן קען זי ווידער בלייבן ליגן אַ חולה־מסוכן, און ער, איר יעקב, זאָל אויף איר דאַרפן אויפפּאַסן און זי באַדינען, ווי ער האָט עס שוין פריער געטאָן, און דאָס דאָזיקע וויסן האָט זי גע־

מאַכט נאָכגיביקער, אונטערטעניקער צו איר מאַן ווי זי איז אין דער אמתן געווען. זי האָט געוווסט, אַז מ׳טאָר נישט איבערציען דאָס שטריקל... זי האָט געהאָפט: ער וועט ווערן עלטער, וועט ער ווערן געזעצטער, וועט ער אויפהערן זיך אַרומיאָגן נאָך נייע אינספּיראַציעס... זי באַדאַרף נאָר האָבן געדולד און אויסדויער, וועט זי זיך דערוואַרטן אויף יענער צייט, ווען ער וועט ווערן מיד... דעמאָלט וועט ער בלייבן זיצן אין שטוב ווי אַ סטאַטעק און ער וועט זיין אין גאַנצן אירער...

מעכלע האָט זיך אויף יענער צייט נישט דערוואַרט. פּלוצלונג איז עס צושטאַנד געקומען און ער האָט פאַרלאָזן זיין שלאָף וויב מעכלע מיט די קינדער. די שולדיקע, — ווי ער אַליין האָט זיך פאַרטרויט פאַר זיינע קאָלעגן, מיט טיפער געוואָרענע קנייטשן ביי די מויל־ווינקלען — איז אַדאַ... דאָס האָט זי אים אַזוי אַרומגערינגלט מיט סטראַשונקעס וועגן מאַכן אַ סוף צו איר לעבן — אַז ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג...

אַדאַ — ווי אָפּט אויף אירע פולע, פאַרקאַטשערטע ליפּן, זענען אַרויפגעשווומען די נעמען פון וועלט־פּאָעטן: פּושקין, היינע, ווערלען, באָדלער — זי האָט זיי ציטירט ביי די טישלעך אין קאַפע — דאָך איז קיינעם פון אירע באַקאַנטע שרייבער נישט איינגעפאַלן, אַז אַדאַ שרייבט לידער און שיקט זיי אין די רעדאַקציעס... מיט אַ מאָל האָט זיך אין אַ פאַרטיי־בלעטל באַוויזן אַ סעריע לידער אונטער אַ נייעם, וויל־קלינ־געוודיקן פרויען־נאָמען.

אין קאַפע ביי די טישלעך האָט מען אַריינגעקוקט אינעם בלעטל און מען האָט שפּעקולירט: ווער קאָן דאָס זיין? דער נאָמען האָט אַ קלאַנג פון אַ פּסעוודאָנים... אפשר באַהאַלט זיך אונטער דעם פרויען־נאָמען אַ מאַן?... די לידער זענען געשריבן עפּעס אויך נישט פון אַן אָנפאַנגער — דערצו נאָך, אַ פרוי...

דער פרויען־נאָמען, וואָס האָט דעם קלאַנג פון אַ פּסעוודאָנים האָט זיך אָפּטער געמומען באַווייזן אין דרוק און — ס׳איז אויסגערונען דער סוד: ס׳איז טאַקע יאָ אַ פּסעוודאָנים אונטער וועלכן ס׳באַהאַלט זיך אַדאַ... די זעלביקע אַדאַ, וואָס אַלע אין קאַפע קאָנען דאַכט זיך — נאָר קיינער

געדענקט נישט אויף ריכטיק איר פאַמיליען־נאָמען, מחמת זי האָט אין געוויסע צייטן זיך גערופן מיט די באַרימטע נעמען פון אירע באַרימטע מענער, און אין אַנדערע צייטן, מיט איר מיידלשן נאָמען...

איצט, אַז דער סוד איז אַרויס אין דער אָפנקייט — האָט זיך אַדאָ באַוויזן אין קאַפע מיט אַ זיגערישן שמייכל אויף די פולע ליפּן. זי איז געזעסן אין סאַמע פאָרנט ביים ערשטן טישל, איר מאַט־בלאָנדער צאָפּ האָט באַקרוינט איר קאָפּ, אירע קליינע אויגן זענען געווען ווי אויסגע־באָדן אין הימל־בלויקייט, און שרייבערס, אַפילו עלטערע, האָבן איר צוגע־טראָגן לויב־ווערטער און זי אָנגערופן ביי איר נייעם, ווויל־קלינגעוודיקן נאָמען...

יעקב שאָר איז דערביי געווען. זיין וויכער שמייכל האָט זיך געפּאָל־דעוועט אַרום זיין מויל. ערגעץ טיף אין זיך איז ער געווען פאַרשעמט, וואָרעם אַדאָ מיט אירע ווינציקע אָפּגעדרוקטע לידער, האָט אַרויסגערופן אַן אַנזען, וואָס ער האָט מיט אַ גאַנץ בוך לידער אַזוינס נישט באַוויזן... נו, אויף דערויף איז זי אַ פרוי... האָט ער זיך געזאָגט. ער איז חלילה נישט אייפערזיכטיק אויף איר דערפאָלג... און כדי צו דערווייזן זיך אַליין, אַז ער פאַרגינט איר, האָט ער זי באַלד אָנגעהויבן פאַרגלייכן מיט די גרעסטע דיכטערינס פון אַלע צייטן — מיט סאַפאָ, וואָס קאָן שוין זיין מער...

אין דער הכנעה זיינער האָט ער זיך געשטאַרקט. ער האָט אין זיך געזען אַ וועלטלעכן, נישט קליינלעכן מענטש, און ער איז זיך ווילגעפעלן. אויך אַדאָן איז ער פאַרגעקומען ביז גאָר אינטערעסאַנט, און זי האָט אין אים דערפילט יענעם אָנשפּאַר, אין וועלכן זי האָט זיך גענויטיקט, וועלכן זי האָט די אַלע יאָרן געגאַרט — — —

פון קאַפע האָט שאָר אָפּגעפירט אַדאָן אַהיים און ער איז דאָרט פאַר־בליבן מיט איר די נאַכט. ער איז נישט אַהיים געגאַנגען צו מעכלען ביז פאַרטאָג און האָט אין גאַנצן פאַרגעסן צו האַלטן דעם ראַנדעוווּ מיט דזשוליען.

נאָך אַ צייט האָט אַדאָ פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין אירער. ער איז שוין געגאַנגען אין געוועלב איינקויפן שפּייז פאַר אַדאָן און אַפילו געקאָכט פאַר איר פּאַטראַוועס, מחמת זי האָט ליב געהאַט צו עסן און האָט

זיך קיין מאָל נישט אויסגעלערנט קאָכן... זי האָט יאָ געקויפט פאַר אים אַ נייע פּידזשאַמע, מחמת זי האָט נישט ליב אַז ער ליגט אין בעט אינעם אונטערוועש... אָבער וואָס טויג אים אַ פּידזשאַמע, אַז ער מוז נאָך האַלבער נאַכט אַהיים גיין צו מעכלען — האָט זיך שאָר געקרימט. ער קען מעכלען אין גאַנצן אַליין נישט איבערלאָזן...

לכתחילה האָט אַדאַ פאַרביסן אַ ליפּ און געשוויגן. אָבער ווי לאַנג קען דאָס אַזוי אָנגיין — האָט זיך אַדאַ געפרעגט — זי ווערט עלטער, נישט יינגער... דאָס בלייבן איינע אַליין מיט אַן אָפּגעקילט בעט נאָך האַלבער נאַכט, וואַרפט זי אַריין אין אַ מין ציטערניש. דאָס ציטערניש נעמט זיך ביי איר פון אַ טיפער, קאַלטער שרעק, אַז אין איינער אַ נאַכט וועט ער אַוועק און מער נישט צוריקקומען צו איר... ס׳איז אַזוי געשען מיט אירע אַנדערע, געשווירענע ליבהאָבער, אָבער דעמאָלט איז זי געווען יונג. באַרימטע מענער האָבן זי געגאַרט. היינט יאָגט מען זיך נישט מער אַזוי נאָך איר... אַוודאי, זי ווייסט, אירע אַקסלען זענען געוואָרן דיקער, דער קאַרק נידעריקער — די היפטן ברייטער — דערביי איז זי איצט אַן איבעררייפע פרוי, — צען־פאַך אומרויִקער ווי אַ יונג מיידל און זי האָט אַזוי מורא פאַר איינזאַמקייט — — וואָס וועט זי איצט טאָן, ווען זי בלייבט אַליין ?

— יעקב, — האָט זי אַ רוף געטאָן אין איינער אַ נאַכט, דערטאַפּנדיק דאָס אָפּגעקילטע אָרט זיינס אין איר בעט, — יעקב, דו גייסט אַוועק און כ׳האָב מורא צו בלייבן אַליין די רעשט פון דער נאַכט... ווען איך בין יינגער געווען האָב איך פאַר קיין זאַך נישט געהאַט מורא... איצט, ווען איך בלייב אַליין, בין איך פאַרלוירן, פאַרלוירן און קיין ליד קען מיך נישט טרייסטן... כ׳וואַנדער אַרום איבער דער שטוב ווי אַ נאַכטוואַנדלער און רעד צו זיך אַליין — — שלאָפן מער קאָן איך נישט. כ׳האָב מיר איינ־געהאַנדלט אַ שאַכטל שלאָפּפּילן, און אויב דו לאָזט מיך אַליין די היינטיקע נאַכט — וועל איך זיי אַלע איינגעמען...

שאָר האָט זיך צוריק געזעצט אויפן ברעג בעט. אירע אויסטערלישע רייד האָבן אים געמאַכט שוואַך און אָפּהענטיק. אַ ציטער פון שרעק איז

אים אַריבער איבערן לייב. יאָ, האָט ער זיך געזאָגט, אַדאַ איז קאַפּאַבל אים אָפּצוטאָן אַזאַ זאַך...

— וואָס רעדסטו, אַדאַ! וואָס פאַלן דיר איין אַזוינע נאַרישקייטן: "כ'גיי אַוועק און כ'לאָז דיך איבער"! וואָס נאָך? — — —

— אָט גייסטו דאָך איצט אַוועק פון מיר און דו לאָזט מיך איצט איבער... כ'ווער משוגע ביז כ'דערזע דיך אויף מאָרגן דאָ צוריק.. ס'קאָן אַזוי ווייטער נישט אָנגיין. כ'בין נישט מער אַלט קיין אַכצן יאָר, כ'וויל נישט און קאָן מער נישט זיין קיין מעטרעסע... ס'איז פאַר קיינעם נישט קיין סוד און פאַר דיר אוודאי נישט, אַז כ'האָב געהאַט אַ מאַן, געהאַט ליבהאָבער, דו קאָנסט גוט זייערע באַרימטע נעמען — די סאַמע באַרימטסטע... פאַר מיר אָבער זענען זיי איצט מיסט... אָפּפאַל... בלאָטע... פאַרשטייסט? — —

אַדאַ האָט איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין קישן און פון איר האַלדז זענען אַרויס אָפּגעריסענע קלאַנגען ענלעך אויף אַ געוויין, געזאַנג, געלעכטער.. אין מיטן איז זי געבליבן שטיל ווי אָן אָטעם. פּלוצים האָט זי זיך צערעדט:

— איצט האָב איך נאָר דיך אַליין און וויל נישט מער קיין אַנדערע. דו ביסט מיין לעצטער, מיין איינציקער. דו אָבער לעבסט מיט צוויי ווייבער... אפשר אויך מיט אַ דריטער — מיט דזשוליען... אָ, איך ווייס עס!... איך פיל עס!...

מיט אַ מאָל איז אַדאַן געוואָרן הייס. זי האָט אַ וואָרף געטאָן פון זיך דעם צודעק. די ווייסקייט פון איר לייב האָט אַ בלענד געטאָן אין דער פינצטער — אַדאַ שלאָפט שטענדיק נאַקעט — זי האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט, צוגעלייגט צו איר הייס פּנים, צו אירע פולע בריסט — די האַנט זיינע האָט זיך אַ גליטש געטאָן איבער איר גלאַטער פוללייביקייט און ער איז צוגעפאַלן צו איר ווי אָן זיין אייגענעם ווילן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שאָר איז געשטאַנען פאַר מעכלען און גערעדט מיט אַ געבראָכן קול. ער האָט זיך מודה געווען: ער לעבט מיט אַן אַנדער פרוי... ער האָט זיך פאַרענטפערט: — יענע איז נישט קיין געוויינטלעכע פרוי... זי איז אַ שרייבערין. זי האָט אים גענומען מיט אירע עקסצענטרישע גענג און האָט אים

צוגעשמידט צו זיך און ער קאָן זיך שוין נישט העלפֿן... ער איז געקומען צו איר, צו מעכלען אויסרעדן זיינע צרות, און נעמען זיינע זאַכן. דאָס מיינט נישט, אַז ער פֿאַרלאָזט זי, מעכלען. דאָס געהאַלט וועט ער איר ברענגען יעדן פֿרייטיק — יענע דאַרף נישט זיין געהאַלט. ער וועט זיך אַריינכאַפּן אַהער אויך אין מיטן דער וואָך ווען ער גייט פֿון דער רעדאַקציע.

— — —

ער האָט געוויינט מיט אמתע טרערן. מעכלע האָט געטאָן אַ קוק אויף זיין צעקרומט פּנים און ס'האָט איר פֿאַרדריקט ביים האַרץ. זי האָט געשאָלטן „יענער" מיט ביטערע קללות און האָט אים צוגעטראָגן זיינע ריינע אונטערוועש און אויבערהעמדער. אַן אָפּהענטיקע, אַ שוואַכע, האָט מעכלע באַנומען מיטן גראָדן שכל, אַז גיין מיט גוטן איז פֿאַרנונפֿטיקער, פּראַקטישער. ער טאָר נישט ווערן פֿאַרפֿרעמדט פֿון הויז, פֿון די קינדער, און טאַקע פֿון איר אַליין, טאָר ער זיך נישט דערווייטערן. די טיר מוז שטיין אָפֿן פֿאַר אים צוריקצוקומען...

פֿון אַלטער געטריישאַפֿט האָט אים מעכלע דערלאַנגט עפּעס אָפּצועסן. זי האָט אים געוואָלט מיטגעבן אַ פּאָר קיכלעך, ס'זאָל אים דאָרט נישט פֿאַרחלשט ווערן ס'האַרץ. זי האָט זיך אָבער פֿון דעם אָפּגעהאַלטן. זי האָט אים נאָר אָנגעזאָגט, אַז פֿרייטיק זאָל ער אומבאַדינגט קומען אַהיים עסן פֿיש מיט יויך, זי מיט די קינדער וועלן וואַרטן אויף אים. איין מאָל אַ וואָך דאַרפֿן זיי עסן צוזאַמען, ס'וועט זיין היימלעכער...

ער איז צוריקגעקומען צו מעכלען יעדן פֿרייטיק־צו־נאַכטס עסן פֿיש מיט יויך. ער האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו איר אין מיטן דער וואָך אויך, די קינדער, מענדי און עטעלע, האָבן כמעט נישט געוווּסט קיין אונטערשיד. זיי האָבן דעם טאַטן פֿריער אויך נישט געזען צו אָפֿט אין שטוב. ביים אַוועקגיין פֿון זיי זאָגט ער זיך: — נו, וואָס איז? זיין נשמה איז אויך נישט פֿון קלאָטשע... ער איז נישט דער איינציקער אין זיין קרייז, וואָס איז אַוועק פֿון ווייב און קינדער... נו, וועט ער אויך האָבן אַן אינטערעסאַנטע ביאָגראַפֿיע...

ווען מעכלע איז געבליבן ליגן מיט אַן אָפּגעשלאָפֿט האַרץ, איז ער, שאָר, געקומען יעדן איינציקן טאָג און אַליין אָפּגעקאָכט פֿאַר איר מיט

די קינדער אַ געקעכץ. (איר שלאָפקייט האָט אים אויסגעלערנט קאָכן.) ער האָט געהאַט חשק מיטנעמען פונעם געקעכץ עפּעס פאַר אַדאַן... ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז אַדאַ טאָר נישט וויסן, אַז ער איז דאָ ווידער געווען...

אַדאַ האָט אָבער געוווּסט, זי האָט אים געגישטערט מיט איר בליק, געצויגן מיט דער נאָז און דערשמעקט מעכלעס ריח... מעכלעס געווירצן... אַ ביטערקייט איז איר אַריין אין דער נאָז, אין די אויגן, און זי האָט זיך צעוויינט מיט אַ זינגעוודיק געווייין, אַז ער נאַרט זי אָפּ...

ס'האָט אים, שאַרן, אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין און אַ חרטה, וואָס ער איז אַוועק פון מעכלען מיט די קינדער. אַדאַ האָט אים אויסגעקליבן בלויז דעמאָלט, ווען זי האָט שוין נישט געהאַט קיין אויסקוק אויף עפּעס בעסערס... דערביי מאָנט זי כסדר ביי אים געטריי־שאַפט. אַליין קאָכט זי צומאָל נישט אָפּ אַ לעפל געקעכץ, שטענדיק נאַשט זי זיסקייטן און ווערט דיקער פון טאָג צו טאָג. אין שטוב איז אָנגעוואָרפן, ס'איז דאָ אַן אמתער הקדש. ביי מעכלען לויכט אין די שטובן, זיין וועש און זיינע קליידער זענען ביי מעכלען שטענדיק ריין געוואַשן און זי האָט קיין מאָל נישט געמאָנט פון אים קיין חשבון וווהין ער איז געגאַנגען, ווו און מיט וועמען ער איז געווען... נישט געצויגן פון אים די אָדערן ווי אַדאַ, ער קען דאָס מער נישט אויסהאַלטן.

— כ'וועל צוריקגיין צו מעכלען. — האָט ער פּלוצלונג אַ זאָג געטאָן און זיין פּנים האָט זיך צעקרימט פון צער.

אַדאַ האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט.

— טאָ גיי. טראַ־לאַ־לאַ־לאַ. — האָט זיך אַדאַ צעזונגען. — דו ווילסט דאָך כ'זאָל מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן. וועל איך דאָס טאָן. — זי איז געשטאַנען אין מיטן שטוב ווי זי וואָלט געווען ערגעץ ווייט פאַר־קוקט און אַרום איר איז אַלץ געווען אַוועקגעוואָרפן פון דער האַנט: איר אונטערקליידל, אירע זאָקן האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל. דאָס שטוב־כאַלאַטל, וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר נאַקעט לייב, איז געווען צעגו־מען און דאָס לייב אירס האָט אַרויסגעבלייכט ווי ווייסער, אויפגעגאַנגע־נער טייג...

שאָר האָט זיך פֿאַרטראַכט: ער האָט געזען אַדאַן ליגן אַ שטייפֿע, אַ טויטע מיט איר ווייסן לייב, וואָס האָט נישט מער קיין פֿאַרלאַנגען... אַ שוידער איז דורכגעלאָפֿן זיין חוט־השדרה, זי קאָן עס טאָן. זי האַלט זיך אין קיין זאַך נישט צוריק... ווי וועט ער קענען האָבן אַזוינס אויף זיין געוויסן?... מיט אַ מאָל האָבן זיך אין אים געוועקט תאוהדיקע פֿאַר־לאַנגען; אירע אויסטערלישע רייד, אַז צוליב אים וועט זי מאַכן אַ סוף צו איר לעבן, האָבן זיך הייס געשעפּטשעט אין זיין אויער און ער האָט ווי אין חלום געוווסט, אַז ער קניט אַראָפּ צו איר, נעמט אַרום אירע רונדיקע לענדן און מורמלט אָפּגעריסענע, צערטלעכע רייד...

אַדאָס שטוב־כאַלאַטל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון אירע רונדיקע אַקסלען און זיך שוין געוואַלגערט מיט די אַנדערע חפֿצים אויפֿן דיל. אונטער צוגעשלאָסענע וויעס, און ווילדער הנאה בעתן קאַטשען זיך מיט אים אויפֿן דיל, האָט אַדאַ געהערט זיין נאָכאַנאַנדיקן מורמלען:

— מיין סאַפֿאָ!

.2

אַנקע האָט געבעטן דזשוליען זיצן. זי האָט ליב געשמייכלט: — אַט, זי גייט נאָר אַריין אין קיך אויף אַ מינוטעלע, צושטעלן טיי.

— ניין. ניין. — האָט דזשוליע זיך אַ כאַפּ געטאָן. — נישט פֿאַר מיר.

אָבער אַנקע איז שוין געווען אין קיך און טאַקע באַלד אַריינגעטראָגן כיבוד. דזשוליע איז געווען נערוועז. זי האָט זיך היינט באַפֿרייט פֿון אירע פֿליכטן אין מיטן טאָג כדי זיך קענען אַריינכאַפּן אַהער צו אַנקען, ווען הערשעלע איז נישט אין דער היים. ביי אַנקען האָט זי געהאָפֿט עפּעס דערגיין וועגן שאָרן. ער איז ווי אין וואַסער אַריין. זי זעט אים נישט און זי הערט נישט מער פֿון אים. ער קלינגט צומאָל נישט אָן אין טעלעפֿאָן זיך פֿאַרענטפֿערן, למאי ער איז נישט געקומען צו זייער לעצטער ראַנדע־ וווּ ביים טויער פֿון פּראָספּעקט־פּאַרק. זי האָט דאָרט אויף אים געוואַרט צוויי שעה אין שניידנדיקן מערץ־ווינט. געוואַרט ביז טרערן זענען איר געקומען אין די אויגן. שפּעטער, ביי זיך אין שטוב האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעט מיטן פֿוקס אַרום האַלדז און ס'האָט זי געכאַפּט אַ היסטעריקע. זי האָט געיאָמערט און געלאַכט און זיך געוואָרפֿן אין

קאָנוווּלסיעס. פון אַלעמען האָט זי זיך מיט אַ מאָל דערזען פאַרלאָזן. קיין בריוו פון איר מאַן זענען אַ צייט שוין נישט אָנגעקומען. דעם מאַן אירן קאָן זי אָבער נישט לויפן זוכן, ער איז ערגעץ ווייט איבער ימים, ערגעץ אין פּאַלעסטינע... זוכן האָט זי געוואָלט שאַרן, אָבער ווו? זי ווייס צו מאָל נישט ווו ער וווינט. זי האָט שוין געפּרוּווט אויסגעפינען צי ער האָט אַ טעלעפאָן ביי זיך אין דער היים, אָבער זי האָט אַזאַ טעלעפאָן נישט געפונען. זי האָט אים געפּרוּווט פאַרענטפערן: אפשר איז אים דאָס ווייב ווידער פאַרשלאָפט געוואָרן און ער קען נישט אַרויס פון שטוב... אָך, זי וויל אים נאָך אַלץ פאַרענטפערן, ער וואָלט זיך אָבער געקענט אַרויסכאַפּן אפילו פון אַ שלאָף ווייב, און איר אָנטעלעפאָנירן ווען ער וויל — איר טעלעפאָן איז פאַרבליבן שטום... זי איז קראַנק געוואָרן אויף דער גריפּ און קראַנקערהייט געוואָרט, געוואָרט, אָבער אומזיסט... איצט איז איר איינגעפאַלן, אַז אפשר האָט אַדאַ עפּעס צו טאָן מיט דעם... יאָ, זי ווייסט וועגן אַדאַן. אָבער דאָס איז געווען פריער... ער האָט אַדאַן נישט ליב געהאַט. קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי ער קען ליב האָבן, נאָר זי, דזשוליע, ווייסט עס! עס קען נישט זיין, אַז ער האָט זי שוין אַזוי גיך פאַרגעסן... ער האָט זי נישט פאַרגעסן, מיט אים איז עפּעס געשען...

די אויגן דזשוליעס זענען געוואָרן שפּיזיק און אומרויִק.

— טרינקט די טיי, דזשוליע, וואָס זייט איר אַזוי פאַרזאָרגט?

— אָ, כ'ווייס אַליין נישט... כ'האָב נישט קיין בריוו פון אליעזרן שוין וואָכן־לאַנג...

— נו, ס'מאַכט זיך, בריוו פאַרהאַלטן זיך אַמאָל, שוין אָפּגערעדט אין אַזאַ אומרויִקער צייט. מ'דאַרף אָבער נישט איבערטראַכטן צום שלעכטן.

— ווער ווייסט... ער איז שוין אַזוי לאַנג אַוועק פון דער היים... אפשר האָט ער זיך דאָרט ערגעץ אָפּגעזוכט אַן אַנדערע... — דזשוליע האָט נער־וועז אַ לאַך געטאָן — ס'קען זיך מאַכן...

געטראַכט האָט דזשוליע: ס'קען זיך מאַכן, אַז עמיצער פון זיינע פריינד האָט אים געשריבן וועגן איר און שאַרן און איצט וויל ער פון איר מער נישט וויסן...

— אַך, דזשוליע, איר זענט דאָך נישט קיין קינד, און איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער וואָס וויל אָפּזוכן אַ געליבטע באַדאַרף נישט אַוועקפאָרן ווייט פון דער היים. מ'טוט עס הינטער דער ווייבס פּלייצע... אָט האָט יעקב שאָר איבערגעלאָזן זיין ווייב מעכלע און איז אַוועק וווינען מיט אַדאַן... מיר דאַכט, איר קענט זי — —

— וו—אַ—ס? — — —

— איר ווייסט דען נישט? ס'טומלט מיט דעם צווישן די פּאָעטן. כ'האָב געהערט זי שרייבט לידער...

דזשוליע האָט מיט דער האַנט זיך פאַרשטעלט דאָס מויל זי זאָל נישט טאָן אַ געשריי. זי האָט געפילט, אַז אויב זי בלייבט דאָ נאָך אַ מינוט וועט זי האָבן אַן אַנפאַל פון היסטעריע. זי מוז לויפן פון דאַנען. אָן אַ זייגעזונט איז זי אַרויסגעלאָפן פון שטוב.

ס'האָט דזשוליען געוואָרפן אין אַ מין קדחת. זי איז געלאָפן און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז די גאַס וועט זיך דאָ באַלד אָפּרייסן און וועט אַראָפּפאַלן ערגעץ אין אַן אָפּגרונט... אַ, ווי די געדאַנקען אירע מישן זיך! צי זי קען אַדאַן! זי קען זי נאָך פון די אַנאַרכיסטישע קרייזן אין די גרינע יאָרן. ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידעלע אַ שנעק, איז שוין אַדאַ געווען אַ געגטע. זי האָט זיך אַרומגעפירט מיט דער פּני פון איסט־בראָדוויי. געקוקט אויף איר פון אויבן אַראָפּ... ווען זי, דזשוליע, איז אויפגעוואַקסן און זיך צעבליט, האָט מען שוין אויף אַדאַן נישט מער זיך אומגעקוקט. אַזוי האָט זי אים הייסט עס, דאָך אַריינגענאַרט... אָבער שאָר האָט זי ליב און נישט אַדאַן. זי ווייסט דעם אמת. אפשר ווייסט דאָס נישט אַדאַ, נו, וועט זי דאָס באַלד וויסן.

דזשוליע האָט געכאַפּט אַ טראַמוויי און איז אַריבערגעפאָרן פון ברוקלין קיין ניו־יאָרק. זי האָט זיך געטראָגן אין דער ריכטונג ווו אַדאַ וווינט אין אַ מין פיבערדיקן אַנפאַל פון שגעון. די גאַס, דאָס הויז, די טיר, געדענקט זי מאָדנע קלאָר און דאָך, ווי אין חלום... זי איז אין דעם הויז נישט איין מאָל געווען ביי אירע אַלטע באַקאַנטע. נישט איין מאָל באַגעגנט אַדאַן אַרויסגיין אָדער אַריינגיין אינעם הויז מיט אירע הויכגעשטעלטע, געבילדעטע באַגלייטערס... אַדאַ איז אפשר אַליין אויך הויך־געביל־

דעט, אפשר קען זי שרייבן לידער אויך, — אָבער שאָר האָט ליב זי און נישט אַדאָן. אַדאָ מוז עס וויסן. זי וועט עס איר באַלד זאָגן אין פנים...

אַ לופטיקע, אַ גרייטע אויף עפּעס — זי ווייסט אַליין נישט אויף וואָס — האָט דזשוליע אַנגעקלאַפּט אין אַדאָס טיר. זי האָט דערהערט אַדאָס זיסלעך־זינגעוודיקע שטים:

— אַריין.

אַדאָ איז געזעסן ביי איר אַרבעט, ביי אָנגעוואָרפענע ביכער און שרייבפּאַפּיר. געווען איז זי באָרוועס, געטראָגן האָט זי אַ צעכראַסטעטע שטובכאַלאַט און ווי איר טבע, האָט זי ביי דער אַרבעט געקייט שאָקאָלאַד. זי האָט אויפגעהויבן אירע קליינע, בלויע אויגן פון איר אַרבעט און דער־זען פאַר זיך דזשוליען. אויף איר האָט זי זיך נישט געריכט. זי האָט גע־עפנט ס׳מויל, וואָס איז געווען קלעפּיק מיט דער זיסקייט פון שאָקאָלאַד, אָפּגעמאָסטן דזשוליען מיט אַ קאַלטן בליק פון אויבן אַראָפּ, זי האָט זי נישט געבעטן זיצן.

דזשוליע איז געשטאַנען אַ גלייכע, אַ גרייטע.

— וואָס ווילט איר? — האָט אַדאָ קאַלט אַ פרעג געטאָן.

דזשוליע האָט אָנגעהויבן רעדן ווי פון היץ. זי האָט אַליין נישט גע־ווּסט וואָס זי רעדט, נאָר געוווּסט האָט זי אַז ס׳איז נישט דאָס פון וואָס זי האָט פריער געטראַכט. זי האָט זיך געהערט זאָגן, אַז זי האָט שאָרן אמתדיק ליב. זי האָט נאָך קיין מאַן אַזוי נישט ליב געהאַט. און — זי האָט פון אים גאָרנישט פאַרלאַנגט... אוודאי נישט, אַז ער זאָל איבערלאָזן זיין שלאָף ווייב...

די קלעפּיקע זיסקייט אין אַדאָס מויל איז געוואָרן ביטער. זי האָט זיך אויפגעהויבן.

— ווער זענט איר דאָס אַזוינס, אַז איר קאָנט פון אים עפּעס פאַר־לאַנגען? מ׳קאָן דאָך מיט אייך רעכט קיין אינטעליגענטן שמועס נישט פירן... ווי האָט איר זיך דערוועגט אַהער צו קומען, צו מיר אַזוי צו רעדן! — און אַדאָ האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט אַזאַ בליק, אַז דזשוליע האָט אַ ציטער געטאָן מיט איר גאַנצן לייב ווי אַדאָ וואָלט מיט איר בלויזן

בליק פון איר אַראָפּגעריסן אירע שיין־געפּאַסטע קליידער און וואַלט זי באַשפּיגן.

גיך, גיך, האָבן שטעכיקע רייד ווי נאָדעלעך זיך אַ שאָט געטאָן פון דזשוליעס מויל: זי וועט אים, שאַרן, נישט אויפגעבן. ניין! ניין! דאָס איז זי איר געקומען זאָגן... זיי וועלן זיך זען ווייל זיי האָבן זיך ליב, דאָס איז זי איר געקומען זאָגן! זיי וועלן פאַרבלייבן געליבטע ווי ביז אַהער, און זאָל זי, אַדאַ, זיך גריזשען דאָס האַרץ... זי וועט דאָ גאָרנישט אויספירן...

אַדאַ האָט פּלוצים אָנגעהויבן אונטערזינגען. באַלד זיך אָפּגעהאַקט און אַ באַפעל געטאָן:

— גייט!! — און זי איז אַליין געגאַנגען עפענען די טיר.

דזשוליע האָט זיך אויסגעצויגן אין איר דינער הייך און אַ שעמעריר געטאָן, אַ צישע געטאָן ווי אַ שלאַנג און אַ שפּיי געטאָן אַדאַן אין פּנים...

מיט אַ מאָל זענען ביידע פרויען אַריין אין אַ מין בלינדן צאָרן. זיי האָבן געזוכט איינער דעם אַנדערנס פּנים און נישט געקאָנט געפינען... געזוכט די האָר — די אויגן — — און — נישט געקענט דערלאַנגען... דזשוליע איז אומגעפאַלן איבער אַ שטול; אַדאַ האָט פּלוצים געהאַלטן אַ לאָמפּ אין דער האַנט און איז געגאַנגען מיט באָרוועסע טריט אויף דזשוליען... דזשוליע האָט באַוויזן אַ כאַפּ טאָן איר אַראָפּגעפלויגן היטעלע פון דיל און מיט אומזיניק־צעפלויגענע אויגן זיך אַרויסגעיאָגט פון אַדאַס שטוב.

.3

ביי זיך אין דער היים האָט דזשוליע געלאַכט, געוויינט, ווידער געלאַכט און ווידער געוויינט ביז זי איז געבליבן שטיל און זיך אַ זאָג געטאָן: אַדאַ האָט איבער מיר געזיגט... איך, דזשוליע, האָב פאַרשפּילט. אַלץ פאַרשפּילט, אַרום און אַרום פאַרשפּילט... צו וואָס לעבן? — — —

באַלד איז זי מיט אימפּעט אַריינגעלאָפן אין קיך, פאַרריגלט די טיר, פאַרהאַקט דאָס פענצטער — — אָפּגעדרייט די גאָזרערן ביים אויוון; זיך אַ שליידער געטאָן אויף דער פּאָדלאָגע:

— שטאַרבן!!!

די ערשטע רגע איז איר געווען מאָדנע גוט. ס'איז געווען ווי קילן זיך ס'האַרץ: זאָל ער זי געדענקען!... זאָל זי זיין אויף זיין געוויסן... זאָל זיי פאַרשטערט ווערן ס'גליק... גוט אַזוי! גודביי וועלט... דרייסיק יאָר איז גענוג געלעבט: גענוג געפרייט זיך, — גענוג געזאָגט ליגן... ס'איז אַ שטינקענדיקע וועלט! ס'שטינקט... ס'שטינקט גאַז... נאָך גוט וואָס זי טראָגט דאָס ראָזע זיידענע אונטערקליידל — — די הויזלעך מיט די שפיצן — — — ווען — — מ'וועט זי געפינען... זי וועט זיין טויט... ווער־זשע וועט טראָגן דאָס קלייד, וואָס זי האָט באַשטעלט ביי דער נייטאָרין? זי האָט איר געהייסן אויסשניידן טיפער די דעקאָלטע... די אויסגעשניטענע דעקאָלטע וועט דאָ בלייבן און זי, דזשוליע, וועט מער נישט זיין... אַלע וועלן דאָ זיין... ער וועט דאָ זיין... דער פּאַרק וועט דאָ זיין... אַדאַ — — — נייך, נייך, נייך, זי וויל נישט שטאַרבן! נישט איצט! אַן אַנדערש מאָל... אפשר... איצט וויל זי אָנטאָן דאָס נייע קלייד מיט דער דעקאָלטע און גיין צום באַל... זי וויל הערן: „איר זייט בייגיק ווי אַ דינע ווערבע אין ווינט"... זי וויל עס נאָך איין מאָל הערן... זי וויל זיך נאָך איין מאָל בייגן ווי אַ ווערבע אין ווינט... זי וויל לופט! זי וויל לעבן: זי וויל שרייען — — — פאַר וואָס קומט נישט אַרויס איר קול? — — — — „יענע" האָט געקייט שאָקאָלאַד... זי וועט שרייען, העלפט!!! — — —

אַ שווייס האָט זיך אַ גאָס געטאָן איבער דזשוליעס לייב ווי אַ קאַלטער רעגן, די שרעק פאַרן טויט האָט זי אַ קייקל געטאָן צו דער טיר — — צו דער שפּאַרע לופט... זי האָט אָבער נישט מער קיין קול. זי איז שטיל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דורך דער שפּאַרע פון טיר האָט דער גאַז אַרויסגעשריגן אין קאָרי־דאָר. שכנטעס האָבן אָנגעקלאַפּט איינע דער אַנדערער, טירן אויף דעם גאָרן האָבן זיך געעפנט, נאָר איין טיר איז געבליבן פאַרמאַכט. פון דאַנען האָט זיך אַרויסגעהערט דער גאַז... אין קאָרידאָר איז געוואָרן אַ געלאָף. שכנים פון אַנדערע גאָרנס זענען אָנגעלאָפן. עס איז שוין דאָ געשטאַנען דער יונגער פּאָליאַק, דער אויפזעער פון הויז, ווען דזשוליע טראָגט

אונטער יעדן אין דער פרי דעם גוטמאָרגן און גיט אים טרינקגעלט מיט דער ברייטער האַנט. צוליב דעם ליאַרעם אין קאָרידאָר איז ער אַרויפגעלאָפן די טרעפּ און דעם בינטל שליסלען פאַרגעסן אונטן. ער האָט מיט זיין ברייטער פּלייצע געטאָן אַ זעץ די טיר, און די טיר איז אַרויס פון דער זאַוויסע און איז אומגעפאַלן איבערן אויוון. אונטן, אויפן דיל, איז געלעגן דזשוליע. אַ ווייסער שוים האָט געזעצט פון איר מויל. דער פּאָליאַק האָט איבער איר אַריבערגעשפּאַנט, פאַרדרייט די גאַז־רערן, געעפנט דאָס פענצטער.

אין קאָרידאָר איז געוואָרן אַ שפּאַרעניש פון מענטשן. אַ פּאָליציי־באַאַמטער איז דאָ פּלוצים אויסגעוואַקסן און באַפוילן אַלעמען זיך פאַנאַנדערגיין. איבער דער גאַס האָט זיך געטראָגן דאָס אימהדיקע קלינגעריי פון פייערלעשער, דאָס וואָיענדיקע געפייף פון אַ שפּיטאָל־וואָגן. דאָס הויז איז געווען באַלאַגערט. די פייערלעשער האָבן דזשוליען געגעבן באַלדיקע הילף, דער שפּיטאָל־וואָגן האָט זי אַוועקגענומען אין שפּיטאָל.

דער פּאָליאַק האָט צוריק אַריינגעשטעלט די טיר, זי אַ פּרוּוו געטאָן צי זי איז גוט פאַרמאַכט און איז אַראָפּ פון די טרעפּ. דער טעלעפאָן האָט פונקט דעמאָלט אָנגעהויבן צו קלינגען. די שכנטעס האָבן זיך אַ ווילע צוגעהערט, באַלד זיך פאַרמאַכט הינטער זייערע אייגענע טירן און ס׳איז געוואָרן שטיל.

פון שפּיטאָל איז דזשוליע אַהיים געקומען אין ווינציקער ווי אַ וואָך. זי איז געווען בלייך און אָפּגעצערט, נאָר אין די אויגן האָט געטליעט אַ באַניטע לוסט צום לעבן און אַ מורא צו בלייבן מיט זיך אַליין... איצט האָט זיך דאָ אָפטער באַוויזן דזשוליעס עלטערע שוועסטער, אַ פאַרזעסן מיידל מיט אַ געפּאַקט לייב און אַ פּנים ווי אַ גלאַטער שטיין. דזשוליע האָט זיך צו איר געלאַשטשעט, זי האָט אָנגעלענט איר קאָפּ אויף דער שוועסטערס שטייפע לענדן, געפּאַנטאַזירט וועגן טרעפן זיך מיט שאָרן און באַדויערט וואָס דער שוועסטערס שטייפע לענדן זענען נישט צאַרטער געוואָרן מיטן צער פון ליבע... פון צעטרייסלונג און צערודערונג, האָט דזשול־

יע אָנגעהויבן טראַכטן און רעדן מיט אַ טיפקייט ווי זי וואָלט זיך אָנגענומען מיט דעם דאָרט, ביים אָנבליק פון טויט...

פלוצים זענען אָנגעקומען צוויי בריוו פון איר מאַן. די בריוו האָבן זיך טאַקע פאַרהאַלטן אין גאַנג. פריילעכע, אויבנאויפיקע בריוו — אַ לייכ־טער לונג־און לעבער, האָט דזשוליע אַ טראַכט געטאָן. אים אָרט פאַר קיינעם נישט. דאָך האָט זי זיך דערפילט אויפגעהייטערט וואָס די בריוו זענען אָנגעקומען, וואָס ער ווייסט פון גאָרנישט און וואָס זי איז נישט פון אַלעמען פאַרלאָזן און אַליין. זי האָט אָפּגענומען פון דער נייטאָרין דאָס קלייד מיט דער דעקאָלטע, זיך באַשטעלט אַ נייעם אָנצוג — אַ פרילינג־קאָסטיום — זי האָט ווידער געהאַט אַ ראַנדעוווּ מיט יעקב שאָר...

זינט דעם „עקסידענט", פון וועלכן שאָר האָט זיך דערוווּסט דורך הערשעלען, און זינט איר אַהיים קומען פון שפּיטאָל, האָט ער שוין עטלעכע מאָל צו איר טעלעפאָנירט. שטאַרק גערירט פון דער טראַגישער פּאַסירונג איז ער אויף סניי געגאַנגען זיך באַגעגענען מיט איר און דערביי געוווּסט, אַז כאָטש דער ראַנדעוווּ מוז געהאַלטן ווערן בסוד־סודות פון אַדאַן, וועט זיך אַדאַ דאָס פריער־שפּעטער דערוויסן... און ס'האָט אים עפּעס אַזוי ווי נישט געאַרט — וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין. האָט זיך שאָר געזאָגט און ער האָט אַנטקעגן געטראָגן דזשוליען זיין וויכן, שול־דיקלעכן שמייכל: צוליב אים — נאָר צוליב אים, איז זי געקומען אַזוי נאָענט צום סאַמע טויט... פלאָבערס מאַדאַם באָוואַרי האָט זיך גע'סמט און איז געשטאָרבן. אָבער דזשוליע איז די לעבנגעבליבענע עממאַ באָוואַרי, וואָס וויל נאָך אַ ביסעלע לידן... נאָך אַ ביסעלע זיך פרייען — אפשר...

בעת ער האָט נאָכגעטראַכט מיט די געדאַנקען פון א שרייבער, האָט דזשוליע ביי זיין זייט געלאַכט און געפלאַפּלט אָן אויפהער. נאָר איצט איז זי עפּעס געווען אינטערעסאַנטער ווי פריער. זי איז געווען רירנד ווי אַ יונג מיידל, וואָס האָט שוין געמאַכט אַ פשרה מיטן לעבן און פאַרלאַנגט נישט מער, נאָר וואָס דער טאָג, די מינוט קען איר ברענגען...

אים איז איצט גוט געוואָרן אַרום דזשוליען. אַרום איר לייכטער צע־וואָרפנקייט און גאָרנישט פאָדערנדיקייט, נאָר אים צו זען, מיט אים צו זיין. ווי מאָדנע, ער האָט אָנגעהויבן פאַרטרויען פאַר דזשוליען, זיין ביטער

לעבן מיט אַדאַן... ווי צווי אומגליקלעך־גליקלעכע, האָבן זיי געגנבעט זייערע באַגעגענישן אַוווּ ס׳האָט זיך געלאָזן. אָפט מאָל כּלומרשט צופעליק זיך געטראָפן אין אַ רעזאָרט־האָטעל אויסער דער שטאָט. אוודאי האָט דזשוליע געוווּסט, אַז די באַגעגענישן דאַרפן געהאַלטן ווערן בסוד־סודות, אָבער זי האָט געמוזט פאַר עמעצן זיך פאַרטרויען. זי קאָן לאַנג אַ סוד — אַפילו איר אייגענעם — אין זיך נישט איינהאַלטן. ווען זי איז איין מאָל אַרויפגעקומען צו אַנקען, עפּעס וואָס זיך דערוויסן, עפּעס וואָס זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ — און, ווען זי האָט דאָרט אויפן טיש דערזען שאַרס ערשט־דערשינענע בוך לידער געווידמעט אַדאַן... איז כאָטש זי האָט געוווּסט וועגן דעם בוך, און, אַז אַדאַ האָט מיט סטראַשונקעס פון זעלבסטמאָרד ביי אים אַרויסבאַקומען די ווידמונג — דאָך איצט, ווען זי האָט דערזען דאָס בוך מיט די גאָלדענע אותיות, וואָס האָבן איינגערעמט שאַרס און אַדאַס נאָמען, האָט זי טיפער דערפילט די באַליידיקונג. זי האָט זיך צום בוך נישט צוגערירט. זי האָט נאָר אַ זאָג געטאָן צו אַנקען אין אַ טאָן ווי אַנקע וואָלט געוווּסט אַלע אירע סודות:

— נו, וואָס זאָגט זי, אַנקע, צו דעם? מיט איר באַגעגנט ער זיך אין געהיים און אַדאַן ווידמעט ער עפנטלעך זיין בוך... זי פילט, אַז זי וואָלט אים מער נישט באַדאַרפט באַגעגענען. זי ווייסט, ער איז פאַלש. אָבער זי ווייסט אויך, אַז ווי נאָר ער וועט זי אַ רוף טאָן, וועט זי לויפן אים זען, ווייל ער איז שוין געוואָרן אַ מין קראַנקהייט ביי איר פון וועלכער זי וויל זיך נישט אויסהיילן...

אַנקע האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם פון אַרומטראָגן אין זיך דזשוליעס סודות. דזשוליע ווייסט דאָך, אַז זי וועט עס פאַרטרויען הערשעלען. און צו וואָס דאַרף עס הערשעלע וויסן? הערשעלע איז דאָך איר מאַנס אַ קרוב...

אַנקע האָט שווייגנדיק און מיט נייגיר געקוקט אויף דזשוליען. זי איז איר אומפאַרשטענדלעך...

אָבער דזשוליע האָט ערגעץ ביי זיך געוווּסט, אַז דערמיט וואָס זי שטעלט זיך אַליין אין געפאַר מיט איר פלאַפלעריי און פאַרטרויען זיך אַזוי אומבאַטראַכט, וועט אַנקע זי נישט אַרויסגעבן פאַר איר מאַן, ווען

ער וועט צוריקקומען אַהיים — הערשעלע זיכער, אויך נישט... און — אויב יאָ — איז איר אַלץ איינס...

און אַז דזשוליע האָט אָנגעהויבן, האָט זי שוין ווייטער גערעדט:

— שאַר האָט איר פאַרטרויט, אַז אַדאַ איז קראַנק, דערביי ווערט זי מגושמדיק־פעט, עסט אַ סך שאָקאָלאַד, וויינט אַ סך און וויל מער קיינעם נישט זען. זי, אַדאַ, וויל אויסשפּילן איר דראַמע נאָר פאַר אים אַליין, און ער צווינגט זיך צו זיין איר איינציקער צושויער...

אַנקע האָט אין זיך געשמייכלט פון וועגן שאַרן; אַ מאָדנער מענטש — ער דרייט זיך אַרום אויף דער וועלט אַ בעל־חוב צו דריי ווייבער, קאָן זיך פון זיי נישט אויסקויפן, און באַהאַלט זיין שולד אונטער אַ נע־בעכדיקן שמייכל...

# קאפיטל 9

אַנהויב יוני זענען פּלוצים אַראָפּגעפאַלן די היצן און די שטאָט ניו־יאָרק האָט אַ פּאַרע געטאָן פון אַלע זייטן. קינדער האָבן זיך אַרויסגעיאָגט פון די שטיבער, זיך געשפּילט אויף די טראָטואַרן, אומגעלאָפן צווישן דער שווערער טראַפיק. אין דער געדיכטעניש פון ווילאַמסבורג, ברוקלין, זענען קיין גערטנער און שפּילפּלעצער פאַר קינדער נישטאָ, און מרים האָט שוין געציילט די טעג ביז איר אָוועקפאָרן מיט דינהלען אין די בערג. אויף דער צייט האָט זי אַרויסגעקוקט דעם גאַנצן ווינטער. דוד איז קאַנטיק צופרידן, וואָס זי באַפרייט אים פון דעם עול אויפצוהאַלטן די וווינונג און אַ מענטש צום קינד. זיין ביישטייער פאַר דינהלען איז אַ באַשיידענע, אָבער דאָס גיט איר די מעגלעכקייט צו קענען פאַרבלייבן מיט דינהלען אויף אַ פאַרם אין די בערג דעם גאַנצן זומער.

מרים גרייט זיך אין וועג. אַן ניעזשינער, אַן אויסגעוואַרצלטער, מיט אַ פאַרשאַרפטן שולד־געפיל קעגן זיינע קינדער, וואָס זענען נאָך קיין מאָל זומער־צייט נישט אַרויסגעפאָרן פון שטאָט — דרייט ער זיך איצט אָפּטער אַרום אין יענער געגנט, וווּ זיינע קינדער שפּילן זיך, וווּ ער קען זיי זען, זיי אָוועקנעמען אויף אַ זייטיק געסל. איינקויפן פאַר זיי אַ נאַשעריי; זיי אויספרעגן וועגן דעם־יענעם, זיך אַרומפירן מיט זיי אַ ווייל, מיט אַ מאָל זיך דערמאָנען: אפשר זוכט זיי חנה? זיי צוריקפירן צו זייער גאַס, זיי איבערלאָזן און ווערן נעלם...

אָט איז איינער פון יענע הייסע טעג אין יוני, און אָט איז ער אויף יענער גאַס, ביי יענעם הויז וווּ די קינדער מיט חנהן זענען פאַרבליבן וווהין און וואָהין ער וועט זיך שוין מער נישט אומקערן... דאָס קומט ער אַהער נאָר זוכן, כאַפּן אַ בליק אויפן ביסל אייגנס... ער זעט איצט נישט די

עלטערע קינדער אויף דער גאס, נאר אט דא, ביי די טרעפ טאקע, דערזעט ער דאס יינגסטע קינד זיינס זיך שפילן איינער אליין.

ער בויגט זיך אראפ צום קינד, גיט אים א גלעט זייער צערטלעך איבערן קעפל, קוקט אים אן זשעדנע, ווייל טרעפן טרעפט ער זיך נאר מיט די עלטערע קינדער. אבאלע איז נאך קוים דריי יאר אלט... אבאלע קוקט אים אן מיט א פאר גרויסע, קינדערשע אויגן — ער דערקענט אים נישט... ער שרעקט זיך פאר אים.

— אבעלע, כ׳בין דיין טאטע... — און ער נעמט אים אויף די הענט.

— נעם אבעלע די שאקאלאד... — אבעלע נעמט נישט. ער לאזט פאר־שעמט אראפ דאס קעפל. ער הייבט זיך אן ציען אראפ צו דער ערד. ניע־זשינער האלט אים פעסט. — אבעלע, קוק אויף מיר. — און ער הייבט זייער צערטלעך אויף זיין פנימל צו זיך. אבעלע הייבט אן שטעלן ליפעלע, רייסט זיך פון זיינע הענט. ער הייבט אן וויינען מיט גרויסע טרערן.

איצט שטעלט אים ניעזשינער אראפ, שטעקט אים אין הענטל די ווייך־געווארענע שאקאלאדקע, מיט אומרו הייבט ער אויף דעם קאפ צום פענצטער אין דער הייך, — קוקט דארט צומאל ארויס חנה און זעט אלץ? חנהן וויל ער אויסמיידן...

ער לאזט זיך גיין פון דער גאס ארויס און טראכט: עס וואלט גע־קענט זיין אנדערש ווען חנה איז נישט אזוי פרימיטיוו, ווען זי ווארפט זיך נישט אויף אים מיט איר ווילדער אייפערזוכט. ווען ער קען קומען אין שטוב זען די קינדער. אבער זי ווערט ווילד ווען זי זעט אים און די שטילע חנה ווארפט אים אין קאפ אריין וואס עס קומט איר אונטער דער האנט און אירע יללות צעטראגן זיך איבער דער גאנצער געביידע.

— וואס איז זי שולדיק, — פארענטפערט ער זי, ווען דאס מזל האט זי אזוי ביטער אפגענארט... דאס מזל האט איר באדארפט געבן אן אנדער מאן, אן אנדער פאטער פאר אירע קינדער... זי קען דאך אים אין גאנצן נישט אויסער זיין פיזישער בארירונג... גאט מיינער! ווער האט דא פארפלאנ־טערט די מזלות?...

ער שפאנט לענג אויס דער גאס און טענהט זיך אויס אפנים מיט מיט זיין אייגענעם געוויסן. ביים ראג טוט ער זיך א שארפן קער און —

גאַנץ אומגעריכט שטויסט ער זיך אָן אָן עטקען, זיין יוגנט־חבר בעניעס וויב. ער האָט זיי ביידן נישט געזען שוין ווער ווייסט ווי לאַנג.

איבערראַשט פון פלוצלונג זיך אָנשטויסן אָן ניעזשינערן האָט עטקע אויסגעשאָסן:

— גייט מיר קטשאַרטיאַם! כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אין אַ סטאָלב! אַז איר זענט אַזוי הויך, כ׳מוז אַלע מאָל פאַררייסן דעם קאָפּ צו אייך...

און עטקע האָט זיך גוט צעלאַכט.

עטקע איז פון אַלע מאָל אַ גוטע לאַכערקע. זי קאָן אַפילו אָפּלאַכן אויך, אויף אַ גוטמוטיקן אופן. דין, קליין, קורץ־געשוירן, מיט פאַרגעלטע פאָדער־פינגער פון שטענדיקן רויכערן, מיט אַ נייגעריק פנים, איז זי דאָ געשטאַנען און אַרויפגעקוקט צו אים. באַלד האָט זי אַ פרעג געטאָן אין אַ יידיש איינגעטונקען אין רוסיש, אַט אַזוי ווי זי האָט עס אַראָפּגעבראַכט פון דער היים מיט וועלכע צוועלף יאָר צוריק.

— פון וואַנען ספּעשעט איר? — — איר גייט פון זיי? — און זי האָט אים דורכגענומען מיט איר בליק.

— ניין. — האָט ניעזשינער קורץ געמאַכט זיין ענטפער, כדי עטקען לאָזן וויסן, אַז קיין זאַך האָט זיך נישט געענדערט. ער האָט אַרויסגענומען זיין שאַכטל ציגאַרעטן און איידער ער האָט אַליין פאַררויכערט האָט ער עס איר דערלאַנגט. עטקע האָט גענומען אַ סיגאַרעטל, כאָטש זי רויכערט קיין מאָל נישט אין גאַס. ער האָט אָנגעצונדן פאַר איר אַ שוועבעלע.

עטקע האָט אים גוט באַטראַכט אַזוי ווי ער איז דאָ געשטאַנען איבער־געבויגן. דאָס גרוי פון זיין אָנצוג האָט זיך געשאָטנט אינעם גרין פון זיין אויג, און דאָס אויג זיינס איז געווען סיי נעפּלדיק, סיי שאַרף. זי האָט אַ טראַכט געטאָן: די ליבעס זיינע האָבן אים געמאַכט נאָך שענער ווי ער איז געווען...

ניעזשינער האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן.

— דאָס גייט איר אוודאי צו זיי — — האַ? — —

— יאָ, כ׳גיי טאָקע צו זיי. כאָטיאַ, אויב ס׳איז טאָקע מאָזלען, האָב

איך עס אָנגעטראָגן מיין יאַשינקען.

— ווער מאָזלט? — האָט ניעזשינער געפרעגט.

— אַבאַלע, דאַכט מיר... כ׳בין דאָרט געווען מיט אַ פּאָר טעג צוריק און ער האָט געהאַט אַ סיפּ (אַן אויסשיט) אויפן לייב און אַ ביסל היץ. ס׳האָט מיר אויסגעזען ווי מאָזלען. דאָס גיי איך זען צי כ׳האָב געשטעלט די ריכטיקע דיאַגנאָזע.

— וואָס רעדט איר, עטקע, אַבאַלע שפּילט זיך אונטן אין גאַס. כ׳האָב אים אָט ערשט געהאַלטן אויפן האַנט, נישט באַמערקט אויף אים קיין אויסשיט...

— ניעאָוזשעלי! ער שפּילט זיך שוין אין דרויסן? — האָט עטקע אויסגעשאָסן מיט אַ פריש געלעכטער. — הייסט עס, אַז כ׳האָב געמאַכט אַן אַשיבקע... און אפשר נישט.. כ׳האָב דאָך פאָרט אַמאָל גענומען אַ שטיקל קורס אין מעדיצין... — האָט שוין עטקע איצט געלאַכט פון זיך אַליין — וועל איך טאַקע גיין אָנקוקן אייער גראַי.

— עטקע, כ׳ווייס ווי אָפט איר גייט צו זיי און אַז איר אינטערע־סירט זיך — און איך שעץ עס שטאַרק — — פון אַלע מאָל שעץ איך —

— מאַראַטשעט נישט קיין קאָפּ! — האָט עטקע כמעט אַ געשריי געטאָן וועלנדיק באַווייזן ווי שטאַרק זי איז עמאַנציפּירט, און אַז זי האָט נישט קיין ווייבערישע סענטימענטן... אין דער אמתן איז עטקע ביז גאָר סענטימענטאַל, ווייבעריש נייגעריק וועגן מענטשן און שטאַרק צוגעבונדן צו אירע פריינד. זי האָט זיי אַלע אויפן אויג. — איז פאַר וואָס זשע זעט מען אייך עפּעס נישט ביי אונדז די לעצטע צייט? זינט ווען דאַרף מען אייך שיקן אַ פּריגלאַשעניע, איר זאָלט אַרויפקומען? אַך, אַמאָל זענען געווען אַנדערע צייטן! איר געדענקט כאָטשבי יענע צייטן ביי אונדז אין הויז? היינט איז ביי אונדז סקוטשנע...

— צי איך געדענק!

אוודאי געדענקט ער עטקעס הויז פון די „גרינע״ יאָרן. דאָס הויז אירס איז געוואָרן אַ נעסט פון פּאָליטיש־פּאַרפּאַלגטע, וואָס האָבן דאָ אָפּ־געריכט גלות און געוואַרט אויף אַ צייכן צוריקצופאָרן קיין רוסלאַנד...

נעכט איז מען דאָרט אָפּגעזעסן, געריוכערט און געפירט דיסקוסיעס. ער האָט דאָרט פאַרבראַכט נישט איין לאַנגע שעה מיט די, וואָס שטייען היינט, 1918, ביי דעם רודער פון דער רעוואָלוציע, פון אַ וועלט־איבערקערעניש...

— צי איך געדענק... באמת עטקע, כ׳פיל זיך שולדיק קעגן אייך און בעניען, כ׳קלייב זיך אַלץ אַרויפקומען, נאָר אָט — אַזוי —...

— מ׳האָט מיר איבערגעגעבן אַ גרוס, אַז מ׳זעט אייך אָפט מיט איך און דער זעלבער דאַמעלע אַלע מאָל — — טאַ קומט און ברענגט זי מיט, מיר וועלן זי נישט אויפעסן...

— נו, עטקע, נו כ׳וויס... און אַ דאַנק, אַ דאַנק פאַר אַלץ, אַ דאַנק, צי איר ווילט מיין דאַנק, צי איר ווילט נישט...

און ער האָט אָנגענומען איר קליינע האַנט, אַ העפטיקן דריק געטאָן. די אויגן זיינע זענען געוואָרן פאַרהויכט מיט אַ פייכטקייט. ער האָט זיך געטאָן אַ מין בויג, אַ פאַרנויג און זיך געלאָזט גיין. עטקע האָט אים אַ ווילע נאָכגעקוקט און געטראַכט, אַז אים איז אַפּנים נישט גוט, אָבער חנהן איז נאָך ערגער...

איצט איז עטקע שוין געגאַנגען מיט דריבנע טריטלעך ווי איינגע־פלאָנטערט אין דערמאָנונגען, וואָס זענען אַרויסגעשוווּמען איינס נאָכן אַנדערן.

אָט איז יענער זונטיק בייטאָג. ניעזשינער מיט חנהן קומען זיי באַזוכן און זי זעט זיי ביידן ס׳ערשטע מאָל (ס׳איז געווען באַלד נאָך איר חתונה מיט בעניען). וואָס פאַר אַן אויסטערליש פאַרפאָלק זיי האָבן אויסגעזען אין אירע אויגן. חנה: קליין, הויך־בוזעמדיק, דיקע ליפּן אויף אַ פאַר־גליווערט פנים. ניעזשינער: הויך, דין, פון די אויגן שטראַלט אַ גרין, דינאַמיש ליכט, — פון דער איבערגעבויגענער דינקייט וואַרעמט זיך אַרויס אַ צוגעלאָזנקייט צו מענטשן. זי געדענקט ווי זי האָט זיך אויף אים פאַרקוקט און בעניע האָט שטיל אַ זאָג געטאָן:

— נו, איצט זעסטו פאַר וואָס איך האָב דיר אים פריער נישט געוויזן?...

זי געדענקט אויך ווי זי האָט אים געענטפערט: — „טאַקע גוט וואָס דו האָסט מיר אים פריער נישט געוויזן”...

חנה איז געשטאַנען דערביי און נישט אַ פּינטל געטאָן מיט אַן אויג. זי איז געווען שטיל מיט אַ נישט־לעבעדיקער שטילקייט, און דאָס רונדיקע פיגורל אירס האָט עטקען דערמאָנט אין אַן אויסגעשטאָפּט פיגורל ביי אַ מאָדיסטין...

בעניע און ניעזשינער זענען באַלד אַריין אין אַ שמועס וועגן פּאָלי־טישע געשעענישן, וואָס איז גיך אַריבער אין אַן אַלטער נישט פאַרענדיק־טער דיסקוסיע. בעניע האָט ליב געהאַט אַרומצורעדן זאַכן אויף אַ ברייטן אופן און אַרויסוויזן זיין בקיאות אין פּאָליטיק, ליטעראַטור, אין אַלע מינים איזמען — דער עיקר — אין מאַרקסיזם... כאָטש אַן אַרבעטער, האָט בעניע מער געלייענט ווי געאַרבעט, און געהאַלטן האָט בעניע, אַז די שיינע ליטעראַטור, פּאָעזיע, ראָמאַנען — דאָס איז פאַר לייכטע מוחות... דאָ האָבן זיך די צוויי חברים פאַרטשעפּעט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אַמפּערן.

בעניע האָט גערעדט שיין. זיין סטיל איז געווען אַ געמיש פון אַ פייער־דיקן אָראַטאָר און אַ געמיטלעכן פּראָפעסאָר. ניעזשינער האָט גערעדט צעפלויגן, בילדעריש־פאַרביק ווי אַ פּאָעט...ביידע האָבן ווי קאָנקורירט אין שיינרעדנעריי; אין קונציקן זאַצבוי! ביידע האָבן זיך געהיט פאַר אַן אָפּגענוצט, באַנאַל וואָרט. שטאַרק זיך געהיט. און ניעזשינערס אויגן האָבן געשטראַלט מיט הנאה פון בעניעס גוט־צונויפגעשטעלטע זאַצן, פון זיינע קלאָר פאָרמולירטע און אַרויסגעבראַכטע געדאַנקען, וואָס ווייזן, אַז ווען ער, בעניע וויל — קען ער שרייבן אויך... נאָר ער לאָזט די זאַכן פאַר אַנדערע, פאַר אַמביציעזע...

די צוויי האָבן זיך דעמאָלט געוואָרפן מיט ציטאַטן, האָבן געהויבן די שטימען ווי זיי וואָלטן דאָ געהאַט פאַר זיך אַ גרויסן צוהערער־עולם. נאָר בסך־הכל זענען דאָ געווען בלויז עטקע און חנה...

עטקע האָט אָנגעשטעלט אירע אויגן אויף חנהן און די אויערן צום שמועס, וואָס פאַר איר איז דאָס בלויז געווען אַן איבערחזרונג פון ענלעכע דיסקוסיעס און שמועסן צווישן בעניען און זיינע חברים. זי האָט שוין געוווסט אין פאָרויס, וואָס בעניע וועט ענטפערן אויף דעם־און־דעם זאַג, און ווי אַזוי ער וועט אָפּשלאָגן זיין קעגנער... זי האָט זיך אַפילו אַריינגע־

מישט מיט אַ וואָרט, און דווקא מיט סימפּאַטיעס צו בעניעס קעגנער און זאָל בעניע זען, אַז זי האָט אַן אייגענע מיינונג...

חנה איז פאַרבליבן שטיל און איר פּנים איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן מער פאַרגליווערט. ניעזשינער האָט זיך אויף איר אין גאַנצן פאַרגעסן... ווען ער האָט זיך פּלוצעם אַ כאַפּ געטאָן און דערזען חנהס פאַרגליווערט פּנים, האָט זיך געענדיקט זיין לוסט צום שמועס. נאָך אַ וויל האָבן זיי זיך געזעגנט און דאָס פּאָרפאָלק איז אַוועק אַהיים.

עטקע האָט דעמאָלט אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן אויף בעניען אַזוי גיך ווי דאָס פּאָרפאָלק איז אַרויס פון שטוב.

— בעניע, קאָנסט מיר אפשר אָביאַסנאַיען, וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאָר? וואָס האָט זיי פאַרבונדן?

— ווער פאַרשטייט די דאָזיקע זאַכן? — האָט בעניע געענטפערט. — די מעשה ציט זיך נאָך פון דער היים, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל אַ זאַאיקע, אַ שטאַמלער... כ׳קען אים נאָך פון יענע יאָרן ווען ער האָט ערשט אָנגעהויבן ווערן קלאַסן־באַוווסטזיניק... ערשט אַריין אין דער באַוועגונג. אמת, ער האָט שוין דעמאָלט געשריבן לידלעך. אָבער וועלכער בחורל האָט עס ביי אונדז נישט אָנגעהויבן שרייבן לידלעך און האָט עס שפּעטער נישט אַוועקגעוואָרפן?... איך אַליין... ווער האָט זיך געריכט, אַז פון אים וועט עפּעס ווערן? חנה האָט בכלל פון גאָרנישט געוווסט, חוץ דעם, אַז דעם שכנס זיבעצן יאָריק יינגל איז איר געפעלן. זי איז געווען אין זיינע יאָרן. אפשר אַ יאָר עלטער, אפשר אַ יאָר יינגער. פאַר וואָס איז געוואָרן אַ ליבע מיט חנהן און נישט מיט די אַנדערע מיידלעך וואָס ער האָט געקאָנט — איז שווער צו דערקלערן. סיידן דערמיט, אַז שטיל און שוויגעדיק ווי חנה איז, האָט זי געוווסט ווי אים, דעם שעמעוודיקן יינגל, אָנטקעגן צו קומען... ס׳האָט אפשר צוגעשפּילט אויך דאָס, וואָס זיי זענען געווען שכנים... נו, סיי ווי, ווען איר טאַטע האָט זיך דערוווסט, האָט זיך אַ ביסל געטאָן! ער האָט נישט געוואָלט דעם שידוך. ס׳טייטש, ער איז אַ באַלעבאַטישער ייד און דאָ איז אַ בחור פון אַ קבצנסקער משפּחה! די מאַמע זיינע האָנדלט מיט הינער אויפן מאַרק; דער טאַטע

גייט אַרום אין מאַרק מיט פאַרלייגטע הענט און — זיינע פעטערלעך האָבן אַ שלעכטן שם אין שטאָט...

— וואָס מער דער טאַטע האָט געשטערט, אַלץ הייסער איז געוואָרן די ליבע... די שטילע חנה האָט אַפּנים געהאַט אין זיך עקשנות נישט בייצוקומען... בקיצור, פאַר זיין אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעזעסן זעקס חדשים אין תפיסה צוליב רעוואָלוציאָנערע מעשים, האָט שוין איר טאַטע מורא געהאַט, אַז דאָס מיידל האָט זיך קאַליע געמאַכט איר גוטן נאָמען און ס׳איז געוואָרן אַ תנאים. כ׳געדענק נאָך דעם גאָלדענעם זייגער מיט דער קייט, וואָס דאָס חתן־בחורל האָט באַקומען פון זיין קינפטיקן שווער. באַלד דערנאָך איז ער אַוועקגעפאָרן און זי איז פאַרבליבן וואַרטן ער זאָל זי אַריבערנעמען.

— נו, אָבער ער האָט זי דאָך טאַקע אַריבערגענומען.

— כ׳ווייס נישט צי ער האָט זי אַריבערגענומען, צי זי איז אַליין צו אים געקומען. אין צווישן האָב איך אים עטלעכע יאָר נישט געזען. קאָן גריילעך זיין, אַז ער האָט געבענקט נאָכן יונגן מיידל, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין דער היים; קאָן אויך זיין, אַז ער וואָלט זיך שוין געוואָלט אין גאַנצן פאַרגעסן, אינעם שידוך... אָבער דער זייגער מיט דער גאָלדענער קייט, וואָס האָט זיך געבאָמבלט אויף זיין וועסטל, האָט אים נישט דערלאָזן פאַרגעסן... סיי־ווי, געטראָפן האָב איך זיי דאָביידן שוין פאַרענדערטע, אָפּגעפרעמדטע איינער פון אַנדערן. עטלעכע יאָר ביי אַזוינע יונגע מענטשן שפּילן אַ גרויסע ראָלע. דער עיקרשט האָט ער זיך געביטן. פריער צוויי יאָר אין לאָנדאָן, נאָך דעם ניו־יאָרק, האָבן אים אויסגעשייערט און געמאַכט פון אים אַן אַנדערן... זיין נאָמען איז אויך געוואָרן אַ שיינער, באַקאַנטער נאָמען — און ער אַליין, — האָסט דאָך אים שוין געזען!

— אַך! — האָט עטקע אויסגערופן — ער פאַרכאַפּט דאָס אויג! און אַזאַ צוגעלאָזענער!

— נו, און זי האָסטו דאָך אויך געזען. זי איז נאָך אַזוי יונג און שוין צוגעשלאָגן און שטום ווי אַ פיש.

— זיי זענען נישט קיין פאָר און זי פילט עס. פרויען דערפילן די זאַכן...

— נו, ווי די מעשה זאָל נישט זיין, זי איז דאָ, זיי זענען מאַן און ווייב, און זיי וועלן זיך, מסתמא, איינלעבן צוזאַמען. חנה האָט די מעלה וואָס זי איז אַ שטילע, אַ נאָכגיביקע, וויפל מעלות מיינסטו באַדאַרף האָבן אַ ווייב? — האָט בעניע זיך אַ רייץ געטאָן מיט עטקען.

עטקע דערמאָנט זיך אַ צייט שפּעטער, ווען זי מיט חנהן זענען געוואָרן נעענטער צווישן זיך. חנה האָט זיך געקלאָגט פאַר איר: — „ער האָט זי נישט ליב... ער רעדט זעלטן צו איר אַ וואָרט, זי ווייסט אים אויך נישט וואָס צו זאָגן... ער קומט אַהיים, עסט אָפּ, באַלד שטעקט ער אַריין זיין קאָפּ אין אַ בוך, אָדער ער זיצט מיט אַ פּען אין דער האַנט, אָדער ס׳קומען אַרויף זיינע חברים און אָפּט גייט ער מיט זיי אַוועק און קומט שפּעט אַהיים... זי איז דאָ עלנט. זי וואָלט צוריק אַהיים געפאָרן צום טאַטן נאָר זי שעמט זיך...״

ס׳שווימט אַרויס פאַר עטקען דאָס בילד ווען זי און בעניע זענען געקומען געוואָר ווערן חנהקען אין די קימפּעט־טעג. (חנה האָט געבוירן ס׳ערשטע קינד). זיי האָבן זי געטראָפן זיצן אין בעט, זי האָט געהאַט אַ באַרויִקט פּנים. דאָס קינד האָט געזויגן איר אָפּגעדעקטע ברוסט און זי האָט זיך נישט געשטערט פאַר די געסט, זיך נישט פאַרדעקט. עטקע האָט זיך דערמאָנט אָן די ווייבער אין היימישן שטעטל. אַזוי זיצן זיי אויפן גאַניק אָדער אויף דער פּריזבע און זויגן אָן זייערע קינדער אָפן פאַר גאָט און פאַר לייט. אַזוינע פרויען האָבן, אַפּנים, די גרויסע מאָלערס געמאָלן אַלס מאַדאָנעס... אָבער אַ היינטיקע פרוי איז נישט קיין מאַדאָנע... האָט עטקע צו זיך גערעדט. ווי נאָר חנה האָט אַנטווינט דאָס ערשטע קינד, האָט זי שוין באַלד געהאַלטן אַ צווייט קינד ביי דער ברוסט.

אַ פאַרטוענע אין דערמאָנונגען איז עטקע געגאַנגען ביז זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן אַבעלען. ער האָט זיך נאָך אַלץ געשפּילט אין גאַס. זיינע הענטלעך און די בעקעלעך זענען געווען אויסגעשמירט אין שאָקאָלאַד. עטקע האָט אים אָנגענומען ביים הענטל און האָט אים אַרויפגעפירט אין שטוב.

זי האָט געטראָפן חנהן ביי אַן עמער זייף־וואַסער מיט אַ באַרשט אין האַנט שייערן די דילן. עטקע האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז ערב־

שבת... ביי איר אַליין איז רעכט צו שייערן די דילן טאָקע אום שבת... אָבער ביי חנהן האָט געשמעקט אַ שבתדיק געבעקס, שבתדיקע פיש... עטקען האָט זיך געדאַכט, אַז אין דעם שייערן די דילן, אין אַריינפירן דעם שבת, דריקט זיך אויס חנהס האָפענונג, אַז איר מאַן וואָס האָט זי פאַרביטן אויף אַן אַנדערער וועט זיך סוף־סוף צוריק קערן צו איר אָט אַזוי, פּלוצים, אין אַן ערב־שבת, און אַלץ וועט זיין ווי ס׳באַדאַרף צו זיין: ער וועט ווידער געגענען צו איר — — זי וועט ווידער פאַרגיין אין טראָגן, זי וועט געבוירן און — זייגן קינדער...

## קאַפּיטל 10

### .1

די זון־צעגליטע סמאָלע פון אַספאַלט שלאָגט פון זיך אַרויס אַ פּאַ־רעדיקע היץ. די היץ זעצט פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ. אָבער די שטאָט באַוועגט זיך, די שטאָט גייט, די שטאָט אַרבעט און שוויס רינט איבער מענטשלעכע לייבער.

גראָד אין דער צייט פון יאָר, ווען די כוואַליע היץ קומט אָן, קומט אויך אָן די כוואַליע אַרבעט אין ניעזשינערס פּאַך. די פאַבריקן רודערן, די מאַשינען לויפן, מ'אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט און שבת דעם גאַנצן טאָג.

ניעזשינער אַרבעט געוויינטלעך זיינע רעגולערע שעהן, אַמאָל דאָס אויך נישט. שבת וואַרפט ער די אַרבעט נאָך האַלבן טאָג, נעמט דאָס רעקל און גייט. מ'קאָן אים שוין אין די שעפער מיט זיינע קאַפּריזן. די פאָרלייט האָבן צו אים געדולד, כל זמן די אַרבעט ברענט, מחמת דעמאָלט נויטיקט מען זיך אין אַזוינע ווי ער: פלינקע, גוטע בעל־מלאכות.

דעם היינטיקן זומער ווייזט אָבער ניעזשינער אַרויס מער חשק צו דער אַרבעט. די בעל־מלאכות און דער פאָרמאַן פון שאַפּ ווינקען זיך אי־בער; וואָס זאָגסטו עפּעס? ער ליגט דאָך איינגעלייגט ביי דער מאַשין צוגלייך מיט אַלעמען...

ניעזשינער ווייסט, אַז מ'ווינקט זיך איבער אויף זיין חשבון. אָבער ער ווייסט אויך, אַז די אַרבעט אין שאַפּ איז איצט גוט פאַר אים. זינט מרים איז אַוועקגעפאָרן פילט ער זיך אויסגעהוילט און פּוסט און די אַר־בעט אין שאַפּ פילט אין אים אויס די פּוסטקייט. ער האָט אויך אָנגעוואָרן דעם פאַרלאַנג ערגעץ אַרויסצוגיין אין אָוונט. נאָך דער אַרבעט כאַפּט ער זיך אַריין אין אַ קאַפעטעריע, פון דאָרט צו זיך אין פיצל צימערל זען,

אפשר איז דאָ פון מרימען אַ בריוו. פון מרימען קומט אָן כמעט יעדן טאָג אַ בריוו, אָדער, ריכטיקער וועט זיין, אַ בריוועלע... ער, ניעזשינער, לייענט דאָס בריוועלע אַזוי, אַז ס׳ווערט דערפון אַ גאַנצער בריוו...

דאָס לייענען, דאָס ענטפערן די בריוו פאַרנעמט אַ שטיק אָוונט און נאָך דעם איז ער סיי־ווי צו מיד צו גיין זען זיך מיט חברים. אַן אָנגעהאָרעוועטער, ציט אים צום שלאָף און ער שלאָפט אַ טיפן שלאָף אָן חלומות.

אָבער שבת וואַרפט ער די אַרבעט אַ צוויי שעה פריער פון די אַנדערע בעל־מלאכות; ער איילט זיך טרעפן מיט זיינע קינדער. זיי וואַרטן אויף אים אין אַ באַשטימטער שעה אויף אַ באַשטימטער גאָס ביים אַריינגאַנג אין אויטאָמאַט (אַלע חוץ אַבאַלען, ער איז נאָך צו קליין מיטצוגיין...). די דריי מיידעלעך, איינס אונטערן אַנדערן, כאַפּן זיך מיט אים אַרום, גיריקע זוכן זיי אַ גלעט, אַ צערטלעכקייט פון פאָטער און היטן איינע די אַנדערע מיט אייפעריקע בליקן. דאָס בחורל, דאָס עלטסטע קינד, בלייבט שטיין באַזונדער. די ליפּן זענען אים פולע, אָנגעבלאָזענע — ער שעמט זיך פאַרן פאָטער...

די קינדער האָבן אַלע גלייך ליב דעם אויטאָמאַט. קיין שענערס קאָן גאָר נישט זיין! מ׳וואַרפט אַריין אַ מטבע אין דער וואַנט, ס׳עפנט זיך אַ טירעלע און מ׳נעמט אַרויס וואָס מ׳וויל... דער טאַטע האָט זיי געגעבן פולע זשמעניעס מיט מטבעות, מ׳יאָגט זיך אַרום און ס׳איז באמת זייער פריילעך די האַלבע שעה אין אויטאָמאַט.

נאָך דעם גייט מען אַלע אין דערבייאיקן גרויסן דעפּאַרטמענט־קראָם, און דער טאַטע וועט פאַר זיי איינקויפן נויטיקע און אויך אומנויטיקע זאַכן... די קינדער קאָנען שוין דאָס אָרט, זיי זענען שוין דאָ מיטן פאָטער אַ סך מאָל געווען. די מיידעלעך לאָזן זיך לויפן מיט די ווייסע מירמלנע טרעפּ אַראָפּ צום „באַרגן־בעיסמענט”... באַלד הויבן זיי אָן מעסטן אויף זיך קלייַדעלעך, היטעלעך, מאַנטעלעך — וואָס נישט? זיי שפּרינגען פון איין אָרט צום אַנדערן ,זענען צעפלאַמט, אַלץ ווילן זיי... נאָר דאָס בחורל גייט נאָך פון הינטן שטום, שטיל, מיט אויפגעבלאָזענע ליפּן, פאַרנעפּלטע אויגן ווי אין חלום... מ׳פאַרגעסט אַז ער איז דאָ, מ׳פאַרלירט אים און מ׳וויס

אַפילו נישט. און אַז מ׳געפינט אים פלוצים דערפילט זיך ניעזשינער
אַ ביסעלע פאַרשולדיקט...

— אַנו, ווייז נאָר אַ קוק טאָן אויף די זוילן פון דיינע שיך — —
פאַר וואָס זאָגסטו נישט אַז דו דאַרפסט שיך? קום!

און דאָס בחורל גייט שוין ביי זיין זייט שטיל און פרעמד.

אין דעם גרויסן דעפּאַרטמענט־קראָם, צווישן הונדערטער מענטשן,
אין דער דורכלויפנדיקער שעה אָדער צוויי איז ניעזשינער אַ טאַטע צו
זיינע קינדער. ער לאַכט מיט זיי, שטיפט מיט זיי חבריש און ביים איינ־
קויפן איז ער פּונקט אַזוי לייכטזיניק ווי זיינע מיידעלעך.

ווען מ׳פאַרטיקט זיך אָפּ מיטן איינקויפן, כאַפּט זיך ניעזשינער, אַז
ער האָט אויסגעגעבן מער ווי ער האָט זיך געקענט פאַרגינען... דאָס רעשט
פון זיינע איבערגעבליבענע שכירות איז נישט גענוג צו געבן פאַר חנהן
אויף דער הוצאה און עפּעס איבערלאָזן פאַר זיך. ער פאַרקנייטשט דעם
שטערן — נו, ער וועט זיך שוין אַן עצה געבן. ער וועט די קינדער אָפּ־
געבן וויפל ער האָט, פאַר זיך וועט ער שוין ערגעץ לייען... ער האָט פון
זיינע פריערדיקע באַגעגענישן מיט די קינדער ווינציק וואָס געלערנט...
ער טוט אַ מאַך מיט דער האַנט — ער וועט שוין אַנדערש נישט ווערן.

אַריינגעזעצט די קינדער אין טראַמוויי באַפּעקלטע, אָפּגעשיקט זיי
אַהיים קיין ברוקלין, איז ער אין שטיקנדיקן שבת פאַרנאַכט געבליבן
שטיין אויף אַ טומלדיקער ניו־יאָרקער גאַס און זיך דערפילט שטאַרק
עלנט. ווהין זאָל ער איצט גיין? יאָ, ער האָט פריער געטראַכט, אַז ער
וועט אפשר צוגיין אין קאַפע, ס׳קאָן זיין ער וועט דאָרט טרעפן הערשעלען
און יעקב שאָרן. ער האָט זיי ביידן שוין לאַנג נישט געזען. זיי זענען זיכער
אָנגעשטויסן אויף אים. פריער האָט ער אָוועקגעגעבן זיינע אָוונטן מרימען,
איצט גייט ער אַהיים פון דער אַרבעט אָפּנעמען פון מרימען אַ בריוו און
נאָך דעם וועט ער פון מידקייט איינשלאָפן. אָט האָט אים איצטער ווידער
אַ צי געטאָן אין זיין צימערל, מחמת ער ווייסט, אַז דאָרט וואַרט אויף
אים אַ בריוו פון מרימען.

ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען אויף אַ ראָג גאַס ווי ער וואָלט זיך גע־

ישובט, איז אָבער באַלד איינגעשטיגן אין אַ טראַמווי, וואָס פאָרט קיין ברוקלין, אין דער געגנט ווו ער וווינט.

.2

ביי אים אין צימערל האָבן אויף אים געוואַרט צוויי בריוו. (די באַלע־באָסטע ברענגט זיינע בריוו אַלע מאָל אַריין בעת זי קומט אויפראַמען דאָס צימער) אַרום מרימס בריוו איז געלעגן אַ בריוו פון הערשעלען. ווי באַלד פון הערשעלען מוז עס דאָך אוודאי זיין דרינגענדיק, וואָרעם הערשעלע שרייבט אים גאָר זעלטן אַ בריוו, — האָט ניעזשינער געטראַכט.

געעפנט האָט ער צוערשט מרימס בריוו.

מרים שרייבט אויף אַ געווירעט בייגעלע פּאַפּיר, ווי אַלע מאָל, נאָר דאָס איצטיקע בריוועלע איז אַ ביסעלע לענגער, אויספּירלעכער: — "יאָ, פון דעם האָטעל, ווי ער ווייסט שוין, האָט זי זיך אַריבערגעצויגן אויף דער פאַרם. דאָ, פון דעם באַרג ווו די פאַרם שטייט זעען זיך נאָך העכערע בערג און טיפע טאָלן אָנגעפילט מיט ווייסן וואָלקן־רויך. דאָ איז שיין, שטיל און רויִק און ס׳וועט אויסטראָגן אַ סך ביליקער ווי אין האָטעל. דאָ וועט זי קענען זיצן אָן זאָרג דעם גאַנצן זומער. דאָס פאַרמער פּאָר־פאָלק האָבן צוויי שיקסעלעך און דינהלע שפּילט זיך מיט זיי. זיי אַלע גייען שלאָפן גלייך מיטן זון־פאַרגיין, און זי שפּאַצירט דאָ אַליין, און טראַכטן טראַכט זי וועגן אים... זי טראַכט דאָ וועגן אים מער ווי אין שטאָט... נאָר דאָס טראַכטן וועגן און אַרום אים — איז דאָ געוואָרן מאָדנע ווונדיק און וויטיקדיק, וואָס ערשט דאָ אין דער שטילקייט האָט זי זיך אָנגעהויבן דערצו צוהערן... נו, וועט זי זיך באַמיען אַזוי מער נישט טראַכטן. זי וועט צושליסן דאָס טירעלע צו יענע געדאַנקען — — וואָרעם זי וויל זיין גוט צו אים. אים איז דאָך אויך נישט גוט... ניין, זי פאַרראָט אים דאָ נישט. דאָ איז דאָך פשוט נישטאָ מיט וועמען... זאָל ער נישט זיין בייז, זי מוז אים שרייבן דאָס, וואָס זי פילט און טראַכט, אַנדערש קאָן זי נישט — — —"

איבערגעלייענט דאָס בריוועלע, פאַרטייטשט די פינטעלעך, די פּאָסעק־לעך, דאָס אַ רייץ טאָן זיך מיט אים, ווי זי וואָלט געהאַט מיט אים אַ־נישט־

פאַרענדיקטן־חשבון — — און אים איז געוואָרן נישט גוט. ער איז זיך פאַרפאַרן מיט די פינגער אין די האָר און איז אַזוי געזעסן אַ ווײַלע אויפן ברעג בעט. באַלד זיך אַ הויב געטאָן, געשפּאַנט הין־און־צוריק איבערן צימערל, מיט אַ מאָל אַ נעם געטאָן דאָס בריוועלע מרימס אין זײַנע הענט און צווישן אירע אייגענע שורות אַרײַנגעשריבן זײַן ענטפער.

...דער טײַוול ווייסט וואָס איך זאָל איצטער טאָן — אַזוי אויפגע־רעגט בין איך איצט.

„הער — אויב דו פילסט אַזוי ווי דו שרײַבסט — איז זײַ ערלעך און שרײַב צו מיר גאָרנישט. וואָרעם מיט אַזאַ פילן און שרײַבן שטעלסטו מיך אַוועק אין דער לאַגע פון אײנעם אַ רחמנותדיקן, אָדער אַ שולדיקן — אין איצטיקן מאָמענט בין איך דאָס נישט. אַזאַ בריוו פון דיר וויל איך בײַ זיך נישט האַלטן. לייען דורך דײַן בריוו און טראַכט זיך אַרײַן, וואָס פאַר אַן אַנדער ענטפער האָב איך דיר געקאָנט געבן — ווײ, איצט־אָ איז מיר פּאַסקודנע —. —."

אויף דער הייסער מינוט, אין אויפרעגונג, איז ער אַראָפּגעלאָפן אין גאַס צום בריוו־קעסטל — און אָט האָט ער מרימען צוריקגעשיקט איר בריוול מיט זײַנע אַרײַנגעשריבענע ווערטער צווישן אירע שורות, און דערנאָך איז ער געבליבן שטיין הויל, עלנט און אַליין.

צוריקקומענדיק אין זײַן צימערל האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'טוט אים וויי יעדער אבר. ער האָט זיך געמוזט אויסציִען אויפן האַרטן בעטל און מיט אָפענע, אויסגעשטאַרטע אויגן צום באַלקן איז ער אָפּגעלעגן — ער ווייסט אַליין נישט ווי לאַנג. מיט אַ מאָל איז אים הערשעלע געקומען אויפן זינען און וואָס ער, הערשעלע, האָט געהאַט געזאָגט וועגן מרימען, אַז זי רייצט זיך מיט אים...

פּלוצים האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט הערשעלעס בריוו נישט געעפנט. הערשעלעס בריוו איז געלעגן דאָ, בײַ זײַן פוס, אַ פאַר־געסנס...

ער האָט אויסגעצויגן די האַנט, אויפגעהויבן, געעפנט דאָס בריוול מיט אַ פאַרגעפיל, אַז ער וועט עפּעס אומאָנגענעמס פון דאָרט אַרויס־

לייענען. זיין פאַרגעפּיל האָט אים נישט אָפּגענאַרט. הערשעלעס צעכראַסטעטער כתב מיט די לאָמע אותיות זענען אים באַפאַלן באַלד ביים אָנהייב:

„— אַזוי... אַזוי... ע ר, דער גאָטגעבענטשטער מיטן גאָלדענעם טאַלאַנט — וואַלגערט זיך ביי דעם פאַרדריפּעטן זוים פון אַ ווייבעריש קליידל... ער האָט שוין פאַרגעסן זיין אייגענעם ווערט! פאַרגעסן זיין נאָענטן חבר... פאַרגעסן, אַז ער האָט באַדאַרפט אים קומען הערן לייענען דאָס אַכטע קאַפּיטל פון זיין ווערק... געקומען זענען אַנדערע קאָלעגן, אָבער ער, דער וועמען ער האָט אין זינען ביי יעדן וואָרט וואָס ער שרייבט — דער איז נישט געקומען... וואָס פאַר אַ ווערט האָט די ליטעראַטור אַנטקעגן עפּעס אַ פּראָווינצער ווייבעלע — — פע! דאָס פּאַסט גאָרנישט פאַר אים! ווי לאַנג נאָך וועט ער זיך אַזוי וואַלגערן? ווי זאָגט יענער וועלט־באַרימטער שרייבער: „נישט די פרוי איז געפערלעך, וואָס כאַפּט אָן דעם ביים... נאָר די וואָס כאַפּט אָן ביי דער נשמה...” פון אָט דער לעצטער דאַרף מען וויכן. די וויל באַהערשן... און ער, זיין נאָענטער חבר, דער גאָטגעבענטשטער, איז טאַקע געוואָרן אַ — — —”

דאָ קומען אַריין ווערטער נישט צום דרוקן, וואָס אַ מענטש אין ברען פון כעס שרייט אַרויס און הערט דערביי נישט זיין אייגן קול, זיינע אייגענע ווערטער.

און אין ניעזשינערן איז זיין איִגענער כעס אויפגעשטיגן מיטן לייענען. ער איז אַזש געוואָרן שטייף און כמעט רויִק. אָט אַזוי דאַכט זיך, רויִק, האָט ער צעריסן הערשעלעס בריוול און די לאָמע, שפּיציקע אותיות הערשעלעס האָבן זיך צעשאָטן איבערן דיל, און ער איז געבליבן ליגן אויפן בעטל אַ דערשעפּטער. אַ מידקייט איז אים באַפאַלן און ער האָט צוגעשלאָסן די וויעס.

.3

אַ‏געשלאָפן איז ער אַזוי ביז אויף מאָרגן האַלבן טאָג. ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען דורכן פענצטער אַ גרוי שטיק הימל ווי ס'וואָלט געכמאַרעט אויף רעגן. ער האָט דערזען, אַז ער איז אין די קליידער. ער האָט אַ גענעץ געטאָן מאָדנע טעמפּ און גלייכגילטיק צו אַלץ, אַפילו צו

דער שטיקנדיקער היץ אין צימערל. דאָך ליגן האָט ער מער נישט געקענט. ער איז אַראָפּ פון בעט און דאָ האָט ער דערזען די צעריסענע שטיקלעך פון הערשעלעס בריוו. ער האָט אָנגעטראָטן אויף זיי און מיט אַ מאָל האָט אים אַ ציטער געטאָן ס'האַרץ, און די טעמפּקייט און גלייכגילט איז אָפּגעטראָטן. ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דעם דיל און מיט צערטלעך־ציטעריקע פינגער צונויפגעשאַרט די שטיקלעך פון צעריסענעם בריוו. איינציקע, שפּיציקע אותיות האָבן אויף אים געקוקט מיט לעבעדיקער ליבשאַפט. פּלוצים האָט ער געוווּסט, אַז ער וועט באַלד גיין זען הערשעלען. ווי האָט ער נעכטן נישט איינגעזען, אַז הינטער דער היסטעריע פון הערשעלעס בריוו צאַפּלט אַ פריינד, וואָס דאַרף אים, מחמת ער האָט נאָך זיין אייגענעם וועג נישט געפונען... וואָלט הערשעלע שוין געפונען זיין דרך און זיין אָרט אין דער ליטעראַטור, וואָלט אים מער פאַר הערשעלען נישט געאַרט. אַזוי אָבער — — דער אמת איז, אַז אויך ער נויטיקט זיך אין הערשעלעס גרויסער פריינדשאַפט, כאָטש ער פאַרנאַכלעסיקט אים, האָט ער אים ליב אָט אַזוי ווי ער איז, דער אָפּגעריסענער נאַר! צו שרייבן אים אַזאַ צעכראַסטעטן בריוו האָט דאָך אוודאי אים גורם געווען אַ סך לײדן, און דעריבער איז ער אים שוין אַלץ מוחל, אַלע די אומזיניקע ווערטער... אַלץ וואָס ער שרייבט אין אָט דעם בריוו...

איצט, אַן אויסגעשלאָפענער, אַ באַזינטער, איז ניעזשינער געווען כולו גוטסקייט, כולו פאַרגעבונג. אַפילו צו מרימען האָט ער איצט נישט מער קיין טענה. ער האָט שוין חרטה, וואָס ער האָט איר צוריקגעשיקט איר בריוול מיט זיינע אומגליקלעך־אַריינגעשריבענע ווערטער. ער וועט איר אָנשרייבן אַן אַנדער בריוול און טאַקע באַלד. אפשר זאָל ער זיך גאָר דורכפאָרן צו איר? — — האַ? — — יאָ, ס'איז אַ גוטער איינפאַל! איי, גוט, וואָס אים איז די מינוט איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק! ער קען אָבער נישט פאָרן צו איר ביז קומענדיקן שבת — — מחמת ער מוז אָנהאַלטן די אַרבעט אין שאָפּ. ער מוז.

„...נו, סיי ווי, צי דו וועסט מיר ענטפערן צי נישט — איך פאָר צו דיר! כ'וועל אַרויספאָרן איבעראַכטאָג שבת איינס אַזייגער בייטאָג. באַלד

נאָך דער אַרבעט. קענסטו — באַגעגן מיך ביי דער באַן־סטאַציע, נישט — וועל איך דיך אויפזוכן, אַ קוק טאָן אויף דיר און — מיר וועלן זען !...״

האַפערדיק האָט ער אָנגעשריבן דאָס בריוועלע. שרייבנדיק דעם אַדרעס אויף דער סטאַציע „מאַונטעין־וויל״ האָט אויף אים איצט אַ ווייע געטאָן אַ פרישער אָטעם פון אָפענע פעלדער. ער האָט זיך געזען דאָרט אַראָפגיין פון דער באַן, גיין באַרג אַרויף — — אוודאי האָט זי אים ליב, ער פילט עס איצט שטאַרק. מאָדנע, נעכטן איז ער נישט געווען זיכער אין דעם — — —

ער האָט זיך ראַזירט, געוואַשן מיט קאַלט וואַסער, זיך איבערגעטאָן און אַרויס אין גאַס.

די ברוקלינער גאַס איז געווען זונטיקדיק־שטיל און גויִש. די צוויי שורות אַלטע, נידעריקע הייזער האָבן אויסגעזען פרום פאַרצלמט... אַ גוי איז אַדורך די גאַס וואַקלדיק־שיכורלעך ; ס׳האָט געכמאַרעט און די לופט איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

ער האָט זיך געשניטן דורך די גאַסן הויך, דיק, איינגעבויגן און אויס־געזען האָט ער, ווי געטראַכט וואָלטן אויך זיינע ביינער. זיינע לופטיקע טריט... ער האָט נישט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נישט געקוקט אויף די נעמען פון גאַסן, ער קען טרעפן צו הערשעלען מיט פאַרבונדענע אויגן.

* * *

ווי שטענדיק האָט ניעזשינער דערלאַנגט עטלעכע קלעפּלעך אין טיר, נישט געוואַרט אויף קיין ענטפער און איז אַריין. הערשעלע איז אים דאָ גלייך אַנטקעגן געשטאַנען פאַרגאַרטלט אין שלאָפראָק ; זיינע אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט און צעפינטלט.

ניעזשינער האָט ברודעריש אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט און גע־שמייכלט. אַ געפּלעפּטער האָט הערשעלע אָנגענומען זיין האַנט, זיין פּנים האָט נערוועז געצוקט, אָבער אַן אינערלעכע פרייד איז אים באַפאַלן, וואָס ער, ניעזשינער, האָט זיך אַוועקגעשטעלט העכער, איבער דער היסטעריע פון זיין בריוו... זיין פאַרגאַפּט, צערודערט און מיט אַ מאָל צעליכטיקט פּנים האָט ווי געזאָגט : אָט דאָס איז אַ גרויסער פּאָעט !... אָט אַזוי האָט ער זיך פאַרגעשטעלט באַדאַרף ער האַנדלען...

הערשעלע האָט זיך גענומען רייבן די הענט און אומשפּאַנען איבערן צימער מיט אַ טענצלדיקן גאַנג. אַנקע איז אַריינגעקומען פון קיך און אויף איר פּנים האָט זיך צעשפּרייט דער ברייטער שמייכל:

— אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט! כ׳האָב ערשט געשטעלט אָפּקילן דעם שטשאַוו און דערביי זיך דערמאָנט, אַז איר האָט ליב דעם מאכל, און אַ טראַכט געטאָן — ס׳וואָלט געווען גוט ווען איר קומט... און אָט זענט איר דאָ!

— שאַר האָט צוגעזאָגט היינט אַרויפקומען, אויב ס׳אינטערעסירט אייך... — האָט הערשעלע זיך נישט צוריקגעהאַלטן פון דעם שטאָך.

— דרייט נישט קיין ספּאָדעק מיט שטעכווערטלעך. קומט, כ׳וועל אייך בעסער לייענען אַ נייע סעריע לידער.

— וואָס פאַרשטייט איך אין פּאָעזיע?...

— דאָס אייגענע וואָס איך פאַרשטיי אין פּראָזע... — האָט ניעזשי־נער געזשמורעט דעם שמייכל אין די אויגן און געוווּסט, אַזביידע וועלן זיך היינט אַריינזאָגן אַלערליי זאַכעכצער, אָבער זיי וועלן נישט דערמאָנען דאָס בריוול, הערשעלעס...

זיי זענען אַריין אין הערשעלעס „קאַבינעט". אַנקע האָט זיי נאָכגע־קוקט, דער שמייכל האָט זיך געקרייזלט אויף אירע ליפּן. זי האָט געוווּסט, אַז איצט וועט הערשעלע לייענען פאַר ניעזשינערן דאָס לעצט־אָנגעשרי־בענע קאַפּיטל פון זיין ראָמאַן... ניעזשינער וועט אפשר גאָרנישט זאָגן. ער וועט אַ הויב טאָן אַ ברעם, אַ פּיר מיט דער האַנט אין דער לופטן, און אויב ער וועט אַ שמייכל טאָן וועט שוין הערשעלע נאָך דעם זיין ווי אַן אָנגעסטרויעט פידעלע.

ווען הערשעלען איז יום־טובדיק אויף דער נשמה, איז ביי אַנקען אויך יום־טוב. ווען ס׳שרייבט זיך אים אָבער נישט, און ער דרייט זיך אַרום צערייצט אין זיין „קאַבינעט" און זי הערט ווי ס׳קרעכצן דאָרט די ברע־טער פון דיל אונטער זיינע טריט — פאַלט אויף איר די גרויע וואָכעדי־קייט... ווי מאָדנע, נאָר זי איז ביי זיך געפאַלן ווען הערשעלען שרייבט זיך נישט. זי ווייסט, אַז זי קאָן אים דאָ גאָר נישט העלפן. זי איז גליק־לעך ווען אַ קאָלעגע קומט אַריין און ער לייענט עפּעס פאַר יענעם. אָבער

זי וויסט, אַז ס׳איז נישט דאָס אייגענע פאַר הערשעלען ווי לייענען פאַר ניעזשינערן. דאָ ווערט ער אין גאַנצן אַ צעשפּילטער, אַ יומטובדיקער. דער אמת איז, אַז איר אַליין ווערט אויך פריילעכער אויף דער נשמה, ווען ניעזשינער קומט אַריין אין שטוב. הלמאי זאָל זי לייקענען, אויך זי קוקט שוין אַרויס מיט הערשעלעס אויגן אויף ניעזשינערס אַהערקומען.

אַנקע האָט זיך געפּאָרעט אין קיך, ווידער פאַרזוכט דעם שטשאַוו, צוגעפּראָוועט דעם טעם און געוואָרט פרום און געדולדיק ביז זיי וועלן אַרויסקומען פון „קאַבינעט״, נישט וואַגנדיק אַנקלאַפּן אין טיר זיי רופן עסן.

ווען די צוויי זענען ענדלעך אַרויס פון „קאַבינעט״, האָט אַנקע דערזען פאַר זיך צוויי שטאַרק אויפגעלעבטע פּנימער. ניעזשינערס האַנט האָט גע־מאַכט צייכנס אין דער לופטן ווי די האַנט וואָלט פאַרענדיקט טראַכטן אַ געדאַנק. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאָס קאַפּיטל אייערס דאַרף אומבאַדינגט אַריינגיין אינעם קומענ־דיקן נומער. און וויבאַלד איר פאַרשטייט נישט קיין פּאָעזיע און ס׳גע־פעלט אייך דאָס דריטע ליד, וועט עס זיין אייך געווידמעט, טאַקע אין זעלביקן נומער. ווען קומט שאַר?

— שאַר האָט צוגעזאָגט קומען אין אָוונט. כאָטש לעצטנס זאָגט ער צו און קומט נישט... ווער דאַרף ווידמונגען! וואָס עפּעס... וואָס פאַלט אייך איין? — —

און ער האָט געשמאַק געריבן איין האַנט אין דער אַנדערער, פאַר־חידושט געפינטלט מיט די אויגן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, מיט די אַלע אויפגעברויזטע געפילן. פּלוצים האָט ער זיך אַ ווענד געטאָן צו אַנקען:

— אַנקע, דו ביסט דאָך אַן ערלעכע נשמה, זאָג דעם אמת, דו גלויבסט אים ווען ער מאַכט צונישט זיינס אַ ליד?...

אַנקע האָט אַ לאַך געטאָן.

— ניין, איך גלויב אים נישט. כ׳האָב שוין געזען ווי זיין פּנים פאַלט ווען עמעצער גלויבט אים יאָ...

ניעזשינער האָט אַ קוק געטאָן אויף אַנקען מיט יענעם שמייכל אין זיינע אויגן. דער שמייכל האָט געזאָגט: נו, זי איז קלוג ווען הערשעלע איז אין אַ גוטער שטימונג. זי האָט אים געפּאַקט...

ביים געגרייטן טיש האָט געשמעקט מיט שטשאַוו מיט די גרינע ציבל־קעס און געריצטע ניעזשינערס אַפּעטיט. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט געפילט, אַז ער האָט גוט געטאָן מיט זיין קומען היינט אַהער. יעדער פאַרפּלאָנטערטער ענין האָט אים איצט אויס־געוויזן איינפאַך — מ׳קאָן עס אויפפּלאָנטערן איינס און צוויי... מרימס בריוול מיט אירע שטימונגען, זיין צוריקשיקן איר דאָס בריוול מיט זיינע אריינגעשריבענע שורות צווישן אירע, האָט אים איצט אויסגעזען ווי אַ קינדערשפּיל. ס׳איז דאָך קלאָר, אַז וויפל מאָל זיי זאָלן זיך נישט איינס ס׳אַנדערע פאַרלירן, מוזן זיי זיך צוריק געפינען. ער ווייסט עס שוין. זי ווייסט עס נאָך אפשר נישט. זי וועט זיך דאָס דערוויסן...

ער האָט זיך געזעצט צום טיש און אַ זאָג געטאָן:

— ווי איר קוקט מיך אָן, וועל איך קומענדיקן שבת צום ערשטן מאָל זינט איך בין אין אַמעריקע, אַרויספאָרן פון דעם שטינקענדיקן ניו־יאָרק אין די סאַליוואַן־בערג!

הערשעלע האָט אָנגעשטעלט דאָס בערדל זיינס ווי אַ פּרעגצייכן.

— איך פאָר אַרויס אויף שבת און זונטיק צו מרימען. זי זיצט דאָרט אויף אַ הויכן באַרג. כ׳וויס גאַרנישט ווי מ׳אָטעמט ריינע לופט... איך בין דאָך שוין צוגעוווינט צו דעם שטויב און שטינק פון ניו־יאָרק. צו דער שטיקעניש פון מיין צימערל. הייס איז אין דעם צימערל אַ גוואַלד! — און ער האָט עפּעס ווי געשמייכלט פון זיך.

— איך פאַרשטיי אייך נישט. צו וואָס זיצט איר אין אַזאַ פּאַסקודנע צימערל — האָט הערשעלע געפרעגט.

— איך פאַרשטיי עס אויך נישט...

— איך האָב אַ געניאַלן פּלאַן! ס׳איז מיר ערשט איינגעפאַלן — איר וואָלט דאָך געקענט זיין דאָ ביי אונדז, כ׳מיין, איבערן זומער. מיין קאַ־בינעט איז לופטיק אַ מחיה! איר קאָנט דאָרט שלאָפן. אַנקע, דו וואָלסט

אים אַ ביסל צוגעפּילעוועט מיטן עסן, זע ווי ער זעט אויס אָפּגעצערט, דאַר ווי אַ שפּאָן.

אַנקע האָט אומזיכער געשמייכלט.

— פון מיין קאָכן האָט ער בלויז ליב דעם שטשאַוו. נו, וועל איך עס קאָכן יעדן טאָג...

— איך זאָג אַנקע, ס'איז אַ געניאַלער פּלאַן! ער וועט עס דאָך אָבער נישט פאַרשטיין...

— הערשעלע, איר מיינט עס דען ערנסט? וואָס הייסט איר וועט מיר אַוועקגעבן אייער קאַבינעט?

— וואָדען מיין איך? זומערצייט אַרבעט איך נאָר אַ פּאָר שעה דורכן טאָג. דעמאָלט זייט איר דאָך אין שאַפּ. און אָוונט איז דער צימער אייערער!

— איך נעם עס אָן ווי איך בין אַ ייד! מיך לאָקט דער שרייבטיש... איר זאָלט נאָר נישט חרטה האָבן — — —

— אַנקע, דערלאַנג אַהער דאָס פלעשל בראַנפן, לאָמיר אים היינט אָנשיכורן!

הערשעלען איז איצט געווען זייער גוט און אין זיין האַרץ איז אין דעם מאָמענט נישט געווען קיין אָרט פאַר ביטערניש. אַפילו צו מרימען איז אים איצט אָפּגעגאַנגען דאָס קעגנערישע געפיל. ער האָט עפּעס איצט רחמנות געהאַט אויף ביידן.

4.

שוין דריי נעכט, ווי ניעזשינער שלאָפט דאָ אויף דער סאָפקע אין הערשעלעס „קאַבינעט". פון דער אַרבעט לויפט ער אָבער אין זיין פאַר־לאָזטן צימערל זיך נאָכפרעגן אויב ס'איז דאָ פאַר אים אַ בריוו. קיין בריוו פון מרימען זענען נישט אָנגעקומען די עטלעכע טעג און ער גייט אַוועק פון זיין פאַרלאָזט צימערל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אמת, ער האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז קיין בריוו פון איר וועט שוין די וואָך נישט זיין, מחמת זיין צוריקשיקן איר בריוול... אפשר איז זי באַליידיקט? און אפשר וואַרט זי שוין אויף זיין אַהין קומען, כדי זיך אויסטענהנען מיט אים —

אַזוי צי אַזוי, זיין אויפגעהייטערטקייט, וואָס האָט אים געהאַט אַרומגענומען מיט עטלעכע טעג צוריק, האָט אים איצט שוין אין גאַנצן פאַרלאָזן. ער גייט צו הערשעלען אין שטוב אָבער אָן ווילן. ווידער פילט ער זיך אָן אַ צובונד ערגעץ... איצט, ווייל ער זיך נישט ווייזן פאַר הערשעלען, און דער עיקר איז אים אומאָנגענעם פאַר אַנקען. זי גרייט פאַר אים עסן און ער לאָזט עס שטיין. ער קאָן נישט עסן און ער שלאָפט נישט שוין עטלעכע נעכט. ער פילט זיך אין גאַנצן אָן כוחות, און וואָלט איצט שטאַרק וועלן זיין אַליין, אויסמיידן סיי הערשעלען, סיי אַנקען.

פון „קאַבינעט" גייט ארויס אַ באַזונדערע טיר אין קאָרידאָר. הער־שעלע האָט אים באַלד, דעם ערשטן טאָג מיט גרויס געטריישאַפט דער־לאַנגט דעם באַזונדערן שליסל צו דער באַזונדערער טיר. איצט, אין זיין דערשלאָגנקייט, האָט זיך ניעזשינער אַריינגעלאָזן אין צימער דורך דער באַזונדערער טיר, כמעט זיך אַריינגעגנבעט. נו, אַ דאַנק גאָט, זיי האָבן אים דאַכט זיך, נישט געהערט, און אפשר האָבן זיי אים יאָ געהערט, נאָר זיי פאַרשטייען, אַז ער וויל זיין אַליין.

די טיר פון עסצימער איז ווי אַלע מאָל צוגעמאַכט, נאָר ער הערט פון דאָרט אַ געלעכטער, רייד, און דאָס דינע געקלאַנג פון טיילעפּעלע אין טייגלאָז.

ער האָט זיך צוגעזעצט צו הערשעלעס שרייבטיש, ער מוז שרייבן מרימען נאָך אַ בריוול. דאָ, אויף אַ צופעליק שטיקל פּאַפּיר, וואָס איז אים געווען ביי דער האַנט האָט ער געשריבן:

„... פון זינט דיין בריוו אויף וועלכן איך האָב געענטפערט באַליידיקט — וויל קיין אַנדער זאַך האָב איך אין אים נישט אַרויסגעלייענט — בין איך אויס מענטש. קוים וואָס איך זיץ איין ביי דער אַרבעט. איך עס נישט און שוין עטלעכע נעכט ווי איך קען נישט שלאָפן — צו וואָס האָסטו דאָס באַדאַרפט? איצט בין איך רו:קער — גלויב איך דאָך נישט, אַז דאָס וואָס דו האָסט געשריבן, האָסטו באמת געמיינט. וואָס דען? דו רייצסט זיך מיט מיר. צוליב וואָס? נקמה פון מיר דאַרפסטו נישט נעמען, מיין בלוט איז דיין בלוט. און רעכענען זיך מיט מיר — — איז אַ סימן, אַז דו טראָגסט אויף מיר אַ קריוודע און מיט מיר דרייסטו — לאָמיר דאָס

אויפהערן! סיידן — איך ווייס — אפשר קען איך דיך נאָך נישט? דעמאָלט איז דאָס מיין שולד און איך בין אויף אַלץ גרייט. איך שרייב און איך וויין. נעכטן האָב איך זיך אין גאַנצן נישט געפונען און דערפאַר נישט געוואַגט דיר צו שרייבן. איך האָף פון דיר צו באַקומען אַ בריוול ווו דו וועסט מיך באַרויִקן — אַז נישט — קען איך וואַרפן די אַרבעט צו יעדער מינוט און פאָרן צו דיר, רעדן מיט דיר און אַפילו שטאַרבן״ — — —

געענדיקט שרייבן דאָס בריוועלע, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן בײדע הענט, האָט ער זיך געשעמט פאַר די אייגענע טרערן. זיך געשעמט טאָמער עפּנט אַנקע אָדער הערשעלע די טיר. זיי זענען אים בײדע זייער געטריי און דאָך, ער פילט זיך דאָ ווי אַן אָפּגעריסענער אָרעם־בחור...

נאָך אַ ווײַלע איז אין אים אויפגעגאַנגען אַ רויִקייט און אַ שטילקייט ווי ערב שרייבן אַ ליד... ער איז געזעסן אײַנגעהאָרכט אין דער אייגענער ערב־ליד־שטילקייט, איידער ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער פּען.

פון דער אַנדערער זייט טיר האָט ער דערהערט דזשוליעס קול, איר הויך געלעכטער, דאָרטן זענען, אפנים, דאָ געסט... מען רעדט הויך, מע דערמאָנט באַקאַנטע נעמען — — זיין נאָמען דערמאָנט מען נישט. דער טעלעפאָן האָט דאָרט אָנגעהויבן קלינגען — — אפשר איז דאָס פאַר אים? — — ניין, ס'איז נישט פאַר אים. דאַנקען גאָט. טאָמער קלאַפּט אַנקע אָן אין טיר אים בעטן טרינקען טיי — וועט ער זיך אָפּבעטן: — „אַ דאַנק, אַ דאַנק, ער קאָן איצט נישט — — ער פילט זיך עפּעס קראַנק...״

# קאַפּיטל 11

### .1

פון דער פאָרם צום פּאָסטקעסטל ציט זיך אַ שמאָל אויסגעטראָטן שטעגל צווישן פעלדער און ווילדע געוויקסן. מרים שפּאַצירט דאָ יעדן טאָג. קיין מענטש קומט איר נישט אַנטקעגן, אַ זשאַבקעלע שפּרינגט יאַ אַמאָל אַריבער דעם וועג, אַ פויגל גיט אַ פלאַטער אין דער לופט מיט צעשראָקענעם געצוויטשער. די זון גלעט איר האַלדז און די אָרעמס; די זון שמעקט מיט קרייטעכצער פון פעלד און מרים האָט ליב דעם שפּאַציר, ווייל ער האָט אויך אַ צוועק: אַריינוואַרפן אַ בריוול אין פּאָסטקעסטל און אָפּנעמען די פּאָסט. די פּאָסט באַשטייט דאָס רוב פון ניעזשינערס אַ בריוול, אַמאָל — צוויי. ווען קיין בריוו פון אים קומט נישט אָן, ווייסט שוין מרים, אַז קיין זאַך פון עפּעס אַ ממשות וועט יענעם טאָג נישט געשען. זי וועט טאָן איר רוטינע אַרבעט אַרום דינהלען, דערביי טראַכטן אָפּגעריסענע געדאַנקען וועגן אים...

שוין צוויי טעג אַז קיין בריוו פון אים זענען נישט אָנגעקומען. און ווייל דער לעצטער בריוו זיינער איז געווען איר אייגן צוריקגעשיקט בריוול — קאָן דאָך זיין, אַז ער וועט איר שוין מער נישט שרייבן...

מיט אַ מאָל האָבן די בערג, דיביימער, די גראָזן — אויך מער גאָרנישט געהאַט איר צו זאָגן. נו, איצט ווייסט זי, אַז זי וועט דאָ לאַנג נישט קענען זיין. אַבי זי האָט געמיינט, אַז אַלץ וואָס זי באַדאַרף איז האָבן דינהלען אַרום זיך. האָבן דאָס קינד שטענדיק פאַרן אויג, זיין פאַרנומען מיטן אויפּפּאַסן אויף איר און זי וועט דאָ קענען זיין אַן אייביקייט. ווי ווינציק אַ מענטש קען זיך אַליין... ערשט מיט וויפל טעג צוריק האָט זי געטראַכט, אַז איצט, ווייט פון אים, פילט זי זיך פריי פון אים, פון זיין ווירקונג, פון זיין ווילן — — און, אַז — אָט אַזוי ווי זיי זענען שוין צעשיידט — וואָלט זי קענען בלייבן מיט אים צעשיידט אָן צער... מאָדנע, זיי זענען זיך אַזוי נאָענט, און דאָך, קאָן זי נאָך אַלץ נישט אָפּמאַכן ביי

זיך, אַז זיי זענען פֿאַרבונדן אויף אַלע מאָל... שטענדיק לויערן איבער איר די שאָטנס פֿון זיין ווייב און קינדער... פֿון דער פֿרוי צוליב וועלכער ער איז אוועק פֿון ווייב, און איר דאַכט, אַז איר נאָענטקייט מיט אים איז בלויז אויף דערווייל און, אַז ס'וועט זיך דאָך מוזן ענדיקן...

אָט די דאַכטעניש און טראַכטעניש האָבן זי ערשט ריכטיק אָרומגענומען דאָ, אין דער בלויער און וואַלדיקער שטילעניש און בלויז אַ שאָטן פֿון איר טראַכטן איז אַריין אין איר בריוועלע צו אים. וואָס האָט זי דערוואַרט? ער וועט זיך אָנכאַפּן אָן דעם מאָמענט: „דו טשוואַניעסט זיך — איז אויס"... אָדער, האָט זי דערוואַרט ער זאָל איר געבן אַ פֿרישן סימן פֿון זיין ליבשאַפֿט און דערמיט זי שטאַרקן, זי אַרויסנעמען פֿון די ספֿקות, וואָס זענען שאַרפֿער געוואָרן דאָ, אין דער שטילער באַהאַפּטענער זאַטקייט צווישן בוים און פֿעלד — וואָס האָט זי דערוואַרט? זי ווייסט נישט. נאָר איצט גייט זי ווידער דורכן פֿעלד צום פּאָסטקעסטל מיט אַ ציטער אין האַרץ: איז דאָ אַ בריוו פֿון אים? און טאָמער נישט? — — —

זי איז צוגעקומען צום שטויביקן שליאַך. דאָ פֿאָרט דער פּאָסטמאַן פֿאַרביי יעדן טאָג מיט זיין פֿערד־און־וועגעלע. דאָ, אין דעם בלעכענעם קעסטל, צוגענעגלט צום שטאַם פֿון אַ בוים דאַרף זיין אַ בריוו פֿאַר איר...

זי האָט גיך אַריינגעבליקט אין קעסטל. קיין בריוו איז דאָרט נישט געווען. קיין צייטונגען, וואָס זי קריגט פֿון שטאָט — אויך נישט. הייסט עס, אַז זי איז ווידער געקומען צו פֿרי. נו, זי וועט וואַרטן.

זי איז געשטאַנען אין שאָטן פֿון אַ בוים. דער וועג, אַ טרוקן־שטויביקער האָט געקלעטערט באַרג אַרויף אין דער אָפֿענער ווייט אַריין. פֿאַרן אויג האָבן זיך געשטרעקט פֿעלדער אויפֿגעגאַנגענע אין כּל־המינים גרין. הינטער די פֿעלדער, צעוואָרפֿענע פֿאַרם־שטיבלעך איינגעוויגט אין אַ שטילעניש, וואָס איז אַלט ווי די וועלט.

דאָ, דערביי, איז דער שליאַך געלעגן ווי ער וואָלט זיך איינגעהאָרכט צו אַ סקריפּ פֿון אַ ראָד, צו אַ קאָפּען פֿון אַ פֿערד, אָדער אפֿשר גאָר האָט זי זיך אַזוי איינגעהאָרכט? — — —

מיט אַ מאָל האָט דער שטויביקער שליאַך אַ וויבריר געטאָן. ס'האָט זיך דערהערט אַ טרוקענער, נאָענטער סקריפּ פֿון רעדער, אַ ריטמישער

קאַפּעץ פון פערדישע קלאַנגען; ס׳האָט זיך אויפגעהויבן אַ וואָלקן שטויב באַרג אַרויף און דער פּאָסטמאַן מיט זיין פערד־און־וועגעלע איז געבליבן שטיין.

— גוד אפטערנון, מיס!

דעם בריוועטרעגערס טרוקענער קול האָט אַ קלונג געטאָן אין דער טרוקענער לופט. ער האָט נישט אויסגעשטיגן פון וועגעלע.

מרים איז צוגעקומען צו אים. ער האָט שוין געהאַלטן גרייט פאַר איר אַ פּעקעלע ציימונגען און בריוו. דער פּאָסטמאַן קען זי שוין. ער ווייסט, אַז די ציימונגען און בריוו זענען פאַר איר. די פאַרמער דערהאַלטן דאָ זעלטן בריוו. זייערע צוגעקומענע זומער־געסט דערהאַלטן בריוו. ער קען די אַלע צוגעקומענע, וואָס זומערן אין די אַרומיקע פאַרם־שטיבלעך. ער פאַרט דאַכט זיך בלויז פאַרביי, אָבער פאַר אים זענען דאָ קיין סודות נישטאָ. ער ווייסט ווער עס קומט, ווער עס פאָרט אַוועק, ווער ס׳איז שטאָטנע און ווער ס׳זינדיקט דאָ, סיי פון די פאַרמערס, סיי פון די שטאָטישע לייט. ער ווייסט וועגן אַלץ, שוויגט וועגן אַלץ וואָס ער ווייסט, און אַז ער רעדט איז וועגן וועטער:

— „ווי ניד סאָם רעין״. (מיר דאַרפן אַ ביסל רעגן.)

און איצט דערזעט מרים דעם שטויב פון וועג אין די קנייטשן פון זיין פנים.

ער טוט אַ צי די לייצעס, די רעדער גיבן זיך אַ קאַטשע באַרג אַראָפּ און מרים בלייבט שטיין מיטן פּעקעלע אין האַנט. פונעם פּעקעלע טוען זיך אַ וואָרעם צו איר צוויי בריוו מיט ניעזשינערס דריבנעם, ציכטיקן כתב.

וועלכן בריוו זאָל זי עפענען פריער? ער שרייבט סיי ווי נישט קיין דאַטעס אין זיינע בריוו. זי וועט שוין דערגיין פון דעם אינהאַלט, וועלכער בריוו איז אַרויסגעשיקט פריער.

„...איך קאָן דאָך נישט גלויבן, אַז דו מיינסט וואָס דו שרייבסט. וואָס דען? דו רייצסט זיך מיט מיר. צוליב וואָס? מיין בלוט איז דיין בלוט און נקמה פון מיר דאַרפסטו נישט נעמען. — — —״

און באַלד לייענט מרים ביידע בריוו ווי זיי וואָלטן זיין איינער.

„...שבת קום איך צו דיר, רעדן צו דיר און אַפילו שטאַרבן...״ — —

מרים האָט אַזש אַ שמייכל געטאָן. אַזאַ ליבער אומזין! און דאָך, וואָס פאַר אַ כוח ס׳ליגן אין די ווערטער זיינע! די ווערטער שנײַדן זיך אַריין אין איר. דאָס בלוט הייבט אָן לויפן האַסטיק אין די אָדערן און פאַר־שווענקט דאָרט יעדן צווייפל אין אים, אין זיך... זי מוז אים האָבן שטענ־דיק אַרום זיך. אויב נישט זיין וואַרעם געשטאַלט, איז זיינע קרעפטיקע, אָדער טרערן־הייסע ווערטער. ווען נישט וואַקלט זי... זי שטרויכלט... זי צווייפלט און האָט זיך נישט צו וואָס צוטוליען, שעפּן גלויבן. אָט די ווערטער זיינע באַצווינגען זי, גיבן איר כוח, שטאַרקייט. זי דאַרף דאָך האָבן אַזויפיל שטאַרקייט צו גיין מיט אים דעם שווערן, אומזיכערן וועג...

מרים האָט אויף סניי איבערגעלייענט בײדע בריוו. אַריינגעאָטעמט אין זיך זיינע טרערן, זיין פאַרצווייפלונג און איז געוואָרן רו׳יק. זי איז געגאַנ־גען צוריק צו דער פאַרם און די בערג זענען איר אַנטקעגנגעקומען און האָבן אין אירע אויגן אויסגעזען מאַיעסטעטישער, שטאָלצער... זיי האָבן אויסגעזען ווי אויסגעלאַשטשעט פון די ווייסע וואָלקנדלעך, וואָס קרייזן זיי אַרום... ווען זאָל זי אָנזאָגן, אַז ער קומט? נישט דינהלען. דינהלע וואַרט מיט אומגעדולד אויף איר פּאַפּאַ. ער האָט איר שוין געשריבן, אַז ער קומט אין גיכן צו זען, אַז ער וועט זי מיטנעמען אין אַ שיינעם האָטעל בײַם גרויסן „לעיק.״ ער וועט זי אַרומפירן אין זיין נייער קאַר...

דינהלע איז איר אַנטקעגן געלאָפן. דערזען די בריוו אין איר האַנט האָט זי אַ פריילעכע אויסגערופן:

— אַ בריוו פון פּאַפּאַ?

— ניין, קינד, די בריוו זענען נישט פון פּאַפּאַ. האָסט דאָך אייער־נעכטן דערהאַלטן פון אים אַ קאַרטל.

— ווען קומט פּאַפּאַ? — האָט דינהלע געמאָנט.

— ער וועט שרייבן וועלן מיר וויסן גענוי ווען.

— ווען וועט ער שרייבן?

— איך ווייס נישט מיין קינד, אפשר מאָרגן.

דינהלע איז געבליבן שטיין אַפּהענטיק. זי האָט געקוקט מיט אומ־קלאָרן נייגיר אויף די בריוו אין דער מאַמעס האַנט. מרים האָט אינסטינק־

טיוו פאַרמאַכט שטייפער די האַנט אין וועלכער עס זענען געלעגן די בריוו. זי וועט אַרויפגיין אויבן אין צימער און דאָרט ווידער זיי לייענען. ווי קומט עס וואָס ביידע בריוו זענען אָנגעקומען מיט איין מאָל? נו, ס׳האָט שוין געטראָפן פריער, אַז אַ בריוו האָט זיך פאַרהאַלטן. אויך אירע בריוו צו אים פאַרהאַלטן זיך אַמאָל. אַך, זי מוז שוין טראַכטן, ווו זאָל זי פאַר אים אַן אָרט געפינען, ווען ער וועט קומען. ער קאָן דאָך נישט זיין דאָ מיט איר אין דער פאַרם, זי האָט נאָר איין צימער... ער וויסט דאָך גאָר־נישט וועגן האָטעלן אין די בערג. זי מוז שוין אָנהייבן וועגן דעם זאָרגן. זי מוז צוגרייטן פאַר אים אַ צימער איידער ער קומט.

.2

פרייטיק שפּאַנט דער פאַרמער איין ס׳פערד און וועגעלע. פרייטיק איז דער טאָג ווען ער פאָרט אין שטעטל איינקויפן נויטיקייטן פאַר דער פאַרם, שפּייז און קלייניקייטן, וואָס ס׳פעלט אין דערווירטשאַפט. דאָס מאָל האָט די פאַרמערין אים אָנגעזאָגט ער זאָל נישט פאַרגעסן קויפן פייערווערק. מאָרגן איז דאָך דער פערטער יולי. פאַראַיאָרן האָט ער דעם פערטן יולי אויסגעשאָסן פון זיין לידיקער ביקס און יוצא געווען. אָבער היינטיקס יאָר וויל זי פייערווערק. זי האָט לענגער פאַרהאַלטן אויף אים איר בליק און דאָס האָט באַטייט: מיר האָבן היינטיקס יאָר אַ שכן, קאָנען מיר זיך פאַרגינען.

די צוויי שיקסעלעך מערי און ען זענען געשטאַנען שטום און בלויז מיט די בלויע אויגעלעך אַרויפגעקוקט אויף זייער טאַטן.

מרים איז מיטגעפאָרן מיט דעם פאַרמער. זי האָט אויך עפּעס וואָס איינצוקויפן אין שטעטל. נאָר מער פאַר אַלץ איז איר כוונה זיך אָפּשטעלן אונטן אין טאָל ביי „סאָפּיס האָטעל״ און זיך נאָכפרעגן וועגן אַ צימער פאַר ניעזשינערן. דעם האָטעל זעט מרים פון איר פענצטער אין דער הויך. בייטאָג איז עס אַ ווייסער פלעק אינעם גרינעם טאָל. אין אָוונט, ווען די האָטעל־פענצטער זענען באַלויכטן איז די געבידע ווי אַ שווימענ־דיקע שיף אין נעפּל. איצט וועט זי צום ערשטן מאָל אַריינגיין אין אָט דער שווימענדיקער שיף.

סאָפי, די האָטעל־איינגנטימערין אַליין, האָט באַגעגנט מרימען אין דער לאָבי. אויף מרימען האָבן אַ בליק געטאָן צוויי קליינע, געלע אויגן באַזעצט מיט זומער־שפּרענקעלעך. די געקרויזטע פּריזור סאָפּיס איז געווען זשאַווער־רויט. איר אַנטבלויזטער האַלדז און די נאַקעטע, דיקע אָרעמס זענען אויך געווען באַזעצט מיט קלייענדלעך. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. דאָס הייסט: קיין צימערן זענען מער נישט פאַראַן. אַלץ איז פאַר־נומען איבער דעם 4־טן יולי. ס׳קאָן זיך אָבער מאַכן — יאָ, ס׳טרעפט, עמעצער לאָזט אַמאָל פאַלן אַ רעזערוואַציע און ס׳בלייבט אַ ליידיק צימער. זאָל דער יעניקער פאַר ווּעמען די „יאָנג לעידי״ וויל באַשטעלן ס׳צימער זיך אָפּשטעלן דאָ. ערט ערגעץ אַנדערש נישט קריגן. מע וועט שוין זען, זאָרג נישט „האָני״ — האָט סאָפי אָפּגעמאָסטן מרימס פּנים מיט אַ וויסנ־דיקן בליק.

דער פאַרמער האָט געוואַרט מיט אומגעדולד. ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס, אַ בייטש געטאָן דאָס פערד. ער מוז אָניאָגן די פאַרלוירענע צייט, ס׳איז שוין שפּעט. ער האָט בייזלעך געוואָרטשעט אונטער דער נאָז. מרים האָט זיך שוין אויסגעלערנט פאַרשטיין זיינע פויערשע, האַלב־פאַר־שלונגענע ווערטער.

— זיין ווייב מייבל, האָט מיידלוויז געאַרבעט אין די האָטעלן. זי איז געווען אַ „טשעימבער מעיד״. זיי זענען אַלע שמוציק און זינדיק אויך. זיי וואַקסן דאָ ווי הינטישע שוואָמען — די האָטעלן...

מרים האָט געשוויגן. זי האָט בדעה געהאַט, לית ברירה, זיך ווענדן צום פאַרמער, אפשר וואָלט ער געקענט אָוועקגעבן אַ צימער פאַר אַ גאַסט, וואָס קומט פון ניו־יאָרק אויף אַ טאָג־צוויי. נו, איצט האָט זי געוווּסט אויף זיכער, אַז זי וועט זיך צו אים נישט ווענדן. זי האָט געשוויגן מיט דער שוויגעניש פון איינער, וואָס באַהאַלט אַ זינד און איז נישט זיכער צי זי וועט עס קענען אויסבאַהאַלטן...

אין שטעטל האָט מרים צווישן אַנדערע נויטיקע זאַכן, וואָס זי האָט באַדאַרפט, אויך איינגעהאַנדלט אַן אומנויטיקייט פאַר זיך: אַ פלעשעלע פאַרפום... צו וואָס האָט עס איר געטויגט דאָ אין דאָרף, צווישן אַזוי פיל שמעקעדיקע בליעכצער? זי האָט זיך די קשיא נישט געפרעגט און קיין

ענטפער זיך נישט באַדאַרפט געבן. נאָר ערגעץ אין דער אומקלאָרקייט פון איר אומרו האָט זי געוווּסט, אַז דאָס וויל זי צוגעבן אַן אַטראַקציע צו זיך צוליב אים...

שבת האָט זיך דער טאָג געשטעלט זייער אַ הייסער. גאַנץ פרי איז די זון אַרויס פול און פייערדיק. די ביימער און די גראָז זענען געשטאַנען שטיל. מרים האָט זיך געבאָדן אין וועלדל נאַקעט. זי האָט געקאָנט זיין זיכער, אַז קיין מענטשלעכע טריט וועלן זיך נישט דערנענטערן צו דעם־אָ ווינקל ווו דאָס וואַסער פאַלט אַראָפּ פון די שטיינער באַשירעמט מיט די ברייטע צווייגן פון אַן אַלטן בוים. דאָ אַרום פּאַשען זיך צומאָל נישט קיין קי און מענטשן זעט מען נישט פאַר מיילן אַרום.

שפּעטער האָט זי זיך געטריקנט אין דער זון, געפילט ווי די לאַנגע האָר אירע בלאָזן זיך אויף, אין הייסן ווינט, פאַלן צוריק און צערטלען אירע אַקסלען, איר פּלייצע. זי וועט היינט אָנטאָן דאָס דינע פּוליאַרן־קלייד. זי וויל זיין שיין פאַר אים.

ווען ס׳איז אָבער געקומען די צייט פון גיין אים באַגעגענען, איז מרים געווען אָנגעשטרענגט פון דער גאַנצער זאַך: פון נישט וויסן געני ווו ער וועט זיך אויפהאַלטן; פון דאַרפן זיך היטן סיי פאַר דינהלען, סיי פאַר אַלעמען דאָ אויף דער פאַרם. די פאַרמערין האָט טאַקע צוגעזאָגט אויפּ־פאַסן אויף דינהלען, געבן איר מיטאָג דורך דער צייט וואָס זי מרים, וועט זיין אַוועק ביי דער באַן־סטאַציע, „באַגעגענען אַ פריינד פון ניו־יאָרק". אָבער איצט, ווען זי שטייט פאַר איר אַן אויסגעפּוצטע, זעט זי דער פאַרמערינס בליק, וואָס זאָגט: אַזוי פּוצט מען זיך נישט אויס פאַר אַבי וועמען... איין פרוי קען דער צווייטער נישט נאַרן...

מרים האָט אַוועקגעדרייט ס׳פּנים. פאַרטריבן פון זיך די אומרו. זי האָט זיך געלאָזן גיין באַרג־אַראָפּ מיטן פאַרקירצטן וועג צו דער באַן־סטאַציע. ווי באַלד דער פאַרמער קאָן זי נישט נעמען מיט זיין פערד־און־וועגעלע, מוז זי גיין צו פוס די קנאַפּע צוויי מייל. קיין אויטאָבוסן גייען דאָ נישט.

די זון איז געשטאַנען הויך. דער וועג איז געווען טרוקן און שטויביק.

ווען זי האָט זיך אַרויסגעלאָזן אין וועג, איז איר פּנים געווען פרישצוגעפּודערט, דורכזיכטיק און בלייכלעך פון אומרו און דערוואַרטונג. וואָס ווייטער זי איז געגאַנגען, אַלץ אָנגעגליטער איז געוואָרן איר פּנים און איר לייב, ווי די זון וואָלט זיך אָנגעזעצט אין גאַנצן אויף איר — די איינציקע, וואָס איז דאָ געגאַנגען איבער דעם שטויביקן וועג.

אין אַ שעה אַרום, ווען מרים איז אָנגעקומען צו דער באַן־סטאַציע, איז איר דין, פּוליאַרן קליידל געווען צוגעקלעפּט צו איר לייב. שווייס האָט גערונען איבער איר זון־צעגליט פּנים. זי האָט זיך געווישט מיט אַ דין טיכעלע. זי האָט דערזען, אַז זי איז דאָ די ערשטע. קיינער איז נאָך ־ביי דער באַן־סטאַציע נישטאָ. דער פּלאַץ זעט אויס פּוסט און פאַרלאָזן. אַ ווינטל האָט דאָ געבלאָזן ערגעץ פון די מרחקים. דאָס ווינטל איז געלאָפן איבער די ווייט־אויסגעצויגענע באַן־רעלסן. מרים איז געשטאַנען מיטן הייסן פּנים צום קילן ווינטל. דאָס דינע קלייד האָט זיך אויפגעבלאָזן און זיך אָפּגעקלעפּט פון איר לייב. דאָס לייב האָט זיך געקילט, נאָר דאָס פּנים האָט נאָך אַלץ געגליט. די אויגנאַפּלען זענען איר געוואָרן פאַרגרעסערט מיט דערוואַרטונג.

זי האָט געשפּאַנט הין־און־הער איבער דער ליידיקער פּלאַטפאָרמע. זי האָט גאָרנישט באַמערקט ווי ביסלעכווייז איז דער פּלאַץ געוואָרן באַלאַגערט מיט אויטאָמאָבילן, פערד־און־וועגעלעך; זומערגעסט זענען געקומען אָפּנעמען זייערע נאָענטע; דער פּלאַץ איז געוואָרן פול מיט ווייבער און קינדער, מיט שפּאַנונג און דערוואַרטונג.

בעתן וואַרטן ציען זיך די רגעס לאַנג. אויגן זענען אָנגעשטרענגט אין דער ריכטונג פון וואַנען די באַן דאַרף זיך אָנטראָגן. פון אומגעדולד קוקן אַנדערע אויף די האַנט־זייגערלעך און מורמלען, אַז די באַן האָט זיך פאַרשפּעטיקט.

מיט אַ מאָל צעטראָגט זיך אין דער לופט אַן אימהדיקער פּייף און מע דערזעט פון ווייט דאָס שלענגלען פון דער באַן, דעם שוואַרצן וואָלקן רויך, וואָס צעגייט זיך איבער די שפּיץ־ביימער. די באַן טראָגט אָן מיט זיך אַ צישען, אַ שווערן סאָפּען פון לאָקאָמאָטיוו און אַ וואַרעמע מענטשלעכע פרייד.

ס׳ווערט אַ געלאָף צו דער באַן. יעדער פורמאַן איילט כאַפּן די געסט פאַר זיין האָטעל. ווייבער מיט קינדער שטופּן זיך באַגעגענען די זייעריקע. אין מיטן דעם געדרענג דערזעט מרים אים — — ער איז אויסגעשטיגן פון באַן מיט די אויגן זוכנדיק זי — — —

אין דער רגע איז פון מרימען אַוועקגעפאַלן די אומזיכערקייט און די אומרו. אָט קומט ער איר אַנטקעגן. אָט זענען זיי פּנים לפּנים. זיי באַרירן זיך לייכט מיט די ליפּן, נעמען אָן איינער דעם אַנדערנס הענט און בלייבן שטיין, קוקן זיך אַריין אין די אויגן, די אויגנאַפּלען זייערע ווערן ווי אינדזלען, וואָס טיילן זיי אָפּ פון דעם אַרום.

דער אַרום רוישט, טומלט, מע טראָגט קאַסטנס, וואַליזעס, וואָס די באַן האָט איבערגעלאָזן. די באַן איז שוין אַוועק און האָט אויך איבער־געלאָזן אין דער לופטן אַ קייט שוואַרצן רויך.

די פורלייט רופן צום לעצטן מאָל די געסט אין זייערע האָטעלן: „סוואַן־לעיק״, „ראַבינאָוויטשעס האָטעל״, „סאַפּיס האָטעל״ — —

מרים טוט אים פּלוצים אַ נעם ביים אָרעם.

— קום!

אין דעם אויטאָמאָביל וואָס האָט זיי געפירט צו „סאַפּיס האָטעל״, זענען שוין געזעסן פיר פּאַרשוינען. אַ דיק פּאָרפאָלק, ביידע מיט טאָפּל־גוידערס, שמאַלציקע, רויטע הענט ווי פון שטענדיקן שאָבן פיש. די פרוי האָט נישט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן אירע טאָפּלטע אָרעמס. פאַרנט, מיט דעם פורמאַן איז געזעסן אַ יונגערמאַן מיט אַ הייס גיריק פּנים. ער האָט אומרויִק אַרויסגעקוקט פון קאַר־פענצטערל, געדרייט דעם האַלדז אין דעם שטייפן קאָלנער מיטן נייעם קראַוואַט. ער האָט וואָס גיכער געוואָלט אַראָפּ־שטעלן זיין פוס אין סאַפּיס האָטעל און אָנהייבן הנאה האָבן פון ביסל עולם־הזה, וואָס וואַרט אויף אים דאָרט. אין אַ ווינקל פון אויטאָמאָביל איז געזעסן איינגעוויקלט אין איר איינזאַמקייט אַ דאַר מיידל, נישט קיין יונגע. איר שפּיציק גאָמבעלע, אירע צונויפגעדריקטע ליפּן האָבן געשיינט צו זאָגן: „מאַלע וואָס... מע קאָן גאָרנישט וויסן... אויף אַ זומער־וואַקאַציע קאָן אַזאַ מיידל ווי איך אויך עפּעס אויפטאָן!״

מרים האָט געטראַכט, אַז אויב אין „סאַפּיס האָטעל" וועט נישט זיין פּאַר ניעזשינערן קיין צימער, וועט זי בעטן דעם פורמאַן ער זאָל זיי פירן ווייטער.

מרים און ניעזשינער האָבן זיך דאָ אין קאַר געפּילט ווי צופּעליקע, נישט אַריינגעפּאַסטע צום רומל.

## קאַפּיטל 12

### 1.

סאָפי האָט אויפגעהויבן אירע גרויסע, קלייענדיקע אויגן און אים אָנגעקוקט. דאָ, אין דער לאָבי, ביי דער צאָל־קאַסע, איז פאַר איר געשטאַנען אַ מענטש ווי אַראָפּגעפאַלן פון אַן אַנדער שטערן. בנעימותדיק, מיט האַלבן שמייכל, האַלבן שטאַמל זיך נאָכגעפרעגט אויב ס'איז דאָ אין דעם האָטעל אַ צימערל פאַר אים — אויף אַ טאָג — אויף צוויי? — —

זיין מאַט, לענגלעך פּנים, זיין בנעימותדיקער, האַלבער שמייכל — זיין שיינע פרעמדקייט האָט סאָפין מאָמענטאַל באַהערשט. ווער איז ער, דער פרעמדער? פאַר וואָס זאָגט זי אים נישט: ניין, אַלע צימערן זענען פאַרנומען. דאָ שטייט ער און וואַרט — הויך, דין, איבערגעבויגן ווי דער, וואָס הענגט אויפן קרייץ... פאַר וואָס איז אין איר מאָמענטאַל וואָך געוואָרן סיי די מאַמע, סיי דאָס מיידל?... ס'איז קלאָר: זי קאָן אים נישט אָוועקשיקן. זי האָט אַ רוף געטאָן דעם „בעל־באָי": — פיר אַרויף דעם דזשענטלמאַן אין נומער 12. צען דאָלער פאַרויס, פאַר 2 טעג, זייט מוחל...

ביים פאַרשרייבן זיין נאָמען האָט סאָפי אים ווידער אָנגעקוקט מיט די גרויסע, קלייענדיקע אויגן סיי ווי אַ מאַמע, סיי ווי אַ מיידל...

דער „בעל־באָי" האָט געזוכט אַ וואַליזע אַרויפצוטראָגן. ניעזשינער האָט קיין וואַליזע נישט מיטגענומען. ער האָט געהאַלטן אין האַנט זיין לעדערנע טעקע. דאָרט, אינעווייניק, זענען געלעגן עטלעכע העפטלעך פּאָעזיע און אַ נייע, ערשט־געקויפטע פּיזשאַמע — —

ער איז נאָכגעגאַנגען דעם „בעל־באָי" און דערביי געגעבן מרימען אַ צייכן, אַז ער קומט תיכף אַראָפּ. סאָפי האָט אים נייגעריק נאָכגעקוקט. מרימען האָט זי צוגעוואָרפן אַ געקינצלטן שמייכל. מרים האָט אַ געצוווּנגענעם שמייכל געטאָן און איז געבליבן וואַרטן אין פרעמדן טומל אין דער האָטעל־לאָבי.

אויף דער וועראַנדע האָט אַ קעלנער אָנגעהויבן קלינגען אין אַ מעשענעם גלאָק. דער גלאָק איז געווען ענלעך צו די, וואָס הענגען אויף די העלדזער ביי קי בעת זייער פֿאַשען זיך אין פֿעלד. דער קלונג איז אָבער געווען אַ גרעבערער, אַ צודרינגלעכער, און די געסט האָבן זיך פֿאַרקערעוועט צוריק פֿון זייערע שפּאַצירן. אַנדערע האָבן זיך אַרויסגעהויבן פֿון די האַמאַק־בעטלעך, זענען אַרויס פֿון אונטער דיביימער, פֿון טייכל — פֿון אַלע ווינקלען. אַרום סאָפּיס האָטעל האָבן די געסט אירע געשטראָמט שורותוויז צום הויפּטמאָלצייט אויף דעם רוף פֿון גלאָק...

דורך דער האָטעל־לאַבי האָבן זיך דורכגעטראָגן געפּאַקטע האָריקע מאַנצביל ערשט פֿון טייכל אַרויס; ברייטע ווייבער מיט שמאַלציקע בייכער; פּעמפּיקדיקע קינדערלעך. די אַלע מענטשן זענען מרימען פֿאַרגעקומען מאָדנע אייגן און מאָדנע פֿרעמד. דאָס זענען מענטשן פֿון די געמאַרקן. זי דערקענט אין זיי די פֿישהענדלער, הערינג־הענדלער, קצבים געזונטע, האָרעפּאַשנע מיט שטאַרקע אַפּעטיטן. זיי האָבן אַרומגערינגלט איר קינדהייט און זענען פֿאַרבליבן אין איר געדעכעניש — מאָדנע אייגן — מאָדנע פֿרעמד...

עמעץ האָט אין לאַבי געלאָזן אין גאַנג דעם גראַמאָפֿאָן און ס'האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ לעבעדיקס. פֿון די אָפּגעבערענטע לייבער, פֿון די האָריקע ברוסטן, פֿון די שמאַלציקע בייכער האָט אַרויסגעשריען די גלוסטעניש צו אַלע ערדישע הנאָהס.

די טירן פֿון עסזאַל האָבן זיך צעפּראַלט און ס'האָבן זיך אַ טראָג געטאָן ביז צום דרויסן אַרויס די ריחות פֿון געהאַקטע לעבערלעך, הינעריויך, שטרודל, געווירצן — — —

ניעזשינער איז געגאַנגען פֿון די טרעפּ אַראָפּ אַן אַרומגעוואַשענער פֿון וועג, אַ יומטובדיקער. דאָ, צווישן דעם עולם האָט ער אויסגעזען אין גאַנצן אַן פֿיזישער וואָג — אַ זייל רוחניות. ער האָט געקוקט ווי די געזונטע יידן מיט די זשאַווער־רויטע קאַרקס און פֿעלדזיקע ברוסטן שטראָמען אַריין אין עסזאַל. אַ גוט און וואַרעם געפֿיל האָט אים אַרומגענומען פֿאַר זייער פֿיזישער גבורה, פֿאַר זייער פֿיזישער זאַטקייט. נאָר עפּעס האָט אין אים אַ וויין געטאָן, אַ בענק געטאָן, אַז כאָטש איך ייד דאָ, זאָל

אים דערקענען... איין ייד דאָ, זאָל וויסן, אַז דאָס איז ער, — ער, פון זייערע טיפענישן אַרויסגעהויבן וועגן זיי צו זינגען, צו דערציילן — צו וויינען...

אַ נידעריקער ייד מיט ברייטע אַקסלען האָט אינסטינקטיוו אויפגעהויבן זיין אָפּגעברענט פּנים ווי ער וואָלט געפרעגט: — ווער איז ער אָט דער פרעמדער? ווי קומט ער אַהער? — — —

מרים איז דאָ פאַרבליבן צום מאָלצייט (פאַר וועלכן ניעזשינער האָט הויבן זיין אָפּגעברענט פּנים ווי ער וואָלט געפרעגט: — ווער איז מחמת דאָרט, ביי די אַלע טישן איז מער קיין אָרט נישט געווען. אין עסזאַל איז געשטאַנען אַ געזשום ווי פון בינען. די קעלנער האָבן זיך געיאָגט מיט פול־געלאָדענע, שווערע טאַצן אונטערגעטריבן פון הונגעריקע בליקן. ביים עסן איז געוואָרן שטאַרק שטיל און נאָך די ערשטע עטלעכע געריכטן האָט דער עולם אָנגעהויבן אונטערברומען, אונטערזינגען אַ פריילעכס, וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן פריילעכס פון גראַמאָפאָן אין דער לאָבי.

ניעזשינער און מרים האָבן צווישן זיך נישט גערעדט נישט נאָר צוליב דער זשומעריי, בראַזגעריי פון געפּעס אויסגעמישט מיטן פריילעכן געזאַנג און פליעסקעריי פון הענט, נאָר ס'איז איצט ביי ביידן מער נישט געווען קיין נויטווענדיקייט פאַר רייד. צו וואָס רייד, ווען מען קאָן זיך אַריינקוקן אין די אויגן, זיך אָנרירן מיט די שפּיץ־פינגער. ניעזשינער האָט ווינציק געגעסן (בכלל האָט ער זעלטן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די בושה פאַר דער אַכילה). דער קעלנער איז אַלע ווײַלע אונטערגעלאָפן מיט אַ געלאָדענער טאַץ, אָבער ניעזשינער האָט אָפטער אָנגערירט מרימס פינגער ווי די מאכלים אויפן טעלער.

נאָכן מאָלצייט האָט אים מרים געפירט מיטן שמאָלן שטעגעלע, וואָס פירט צו דער פאַרם באַרג־אַרויף. זיי זענען אַריבער אַ שמאָל בריקל און אַריין צווישן די ביימער. דאָ האָט מרים צוגעטראָגן אירע ליפּן צו זיינע. אַ ווייל זענען זיי אַזוי געשטאַנען איינגעגאָסן איינער אין אַנדערן ווי איין מענטש מיט צוויי קלאַפּנדיקע הערצער. כדי זיך נישט אין גאַנצן צו פאַרגעסן דאָ, אויפן וועג, ווו אַ מענטש קאָן דאָך אַמאָל אָנקומען, האָט

אים מרים אַ צי געטאָן נאָך זיך טיפער אין וועלדל אַריין. זי האָט אים געפירט דורך אַ נאָדל־וועלדל, דורך שטעכלקעס אוןווילדע קוסטעס, און מיט אַ מאָל האָט זיך געעפנט פאַר זיי דער גרין־מאַכיקער פלאַץ ביים וואַסער־שטראָם אַרומגענומען מיט קליינע נאָדל־ביימעלעך. דאָס איז דאָס וועלדל וועגן וועלכן זי האָט אים געשריבן אין אירע בריוו. דאָ אַהער קומט זי מיט דינהלען זיך פּאַליושקען אין דעם וואַסער, וואָס לויפט דאָ איבער פלאַכע שטיינער.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען איינבייגנדיק דעם קאָפּ אונטער צווייגן. אַ פויגל האָט זיך דערשראָקן און מיט געצוויטשעריי אַ פלי געטאָן פון צוויג אויף צוויג. — זע! — האָט מרים אים אָנגעוויזן, פון דאַנען קענסטו זען די וויטסטע בערג און די זון ווי זי פאַרגייט...

ער איז געשטאַנען ווי באַטויבט: די בערג, וואָס ער זעט צום ערשטן מאָל! די שטילקייט — אַזאַ שטילקייט! די ריחות פון סאָסנע־ביימעלעך און ווילדן בליעכץ — מרימס האַלטן איר האַנט אַרום זיין דיך — — —

אַ שיכורדיקע רויִקייט האָט זיך אָפּגעזעצט אין אים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך: אונטער די פיס איז דאָס גראָז געלעגן מאַכיק־ווייך ווי אַ טעפּיך. דאָ איז געווען סיי זוניק, סיי שאָטנדיק און דאָס אַרומ־געצוימטע אָרט האָט אויסגעזען ווי אַ צוגערוימטע וווינונג... גלייך ווי ער וואָלט פון ערגעץ געקומען צו זיך אַהיים, וואַרפט ער אַראָפּ דאָס רעקל, די שיך, דעם שניפּס — מרים וואַרפט אַראָפּ פון די פיס אירע שיכלעך און זיי גייען באָרוועס איבערן קילן, ווייכן גראָז. ער שמייכלט פון באַ־טויבטער רויִקייט און ציט מרימען אַראָפּ צום ווייכן גראָז ווי צו אַן אויסגעבעט בעט...

* * *

מרים האָט געעפנט די ווייעס און געזען, אַז די זון איז שוין הינטער די בערג. איבערן הימל שווימען אַרום טייכן גינגאָלד, פורפל און רויט, און די פאַרבן בייטן זיך אין דער רגע, באַלד וועלן זיי צערינען און סע וועט צופאַלן די נאַכט. אויף איר אַקסל איז ניעזשינער געשלאָפן רויִק און צוטרוילעך ווי אַ קינד. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט דינהלען געלאָזן אַזויפיל שעהן אַליין. אַ שולדגעפיל האָט זי אַ הויב געטאָן פון

אַרט. מיט אַ וויכער באַוועגונג האָט זי זיך אַרויסגעשאַרט פון אים, צערט־לעך אַראָפּגענידערט זיין קאָפּ פון איר אַקסל, אויפגעהויבן עטלעכע צע־שאָטענע האָר־שפּילקעס פון גראָז און גענומען זיך איינשפּיליען די האָר. באַלד זענען די שיכלעך געווען אויף אירע פיס, דאָס קלייד — אויסגעגלעט, אַז ער וועט אויפעפענען די אויגן און וועט זי אַנקוקן וועט ער אויף איר גאָרנישט דערקענען... דאָס הייסע, דאָס נאַקעטע, וואָס איז דאָ פריער געווען צווישן זיי איז איצט דאָרט ווו ס'איז דער חלום ווען מע עפנט די אויגן פון שלאָף... אַזוי איז גוט, אַזוי פירן זיך אויף די פייגל. די פייגל טרייסלען אויס די פעדערן און בלייבן זיצן שפּעטער אויף באַזונדערע צווייגן פאַרטאָן אין פייגלשע רעיונות...

מרים איז געשטאַנען פאַרטראַכט מיט אַ האַרשפּילקע אין מויל. ניע־זשינער איז שוין נישט געשלאָפן. ער האָט געקוקט אויף איר, געהיט איר פּנים מיט אַ רויקן בליק. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, אָנגע־שפּיגלט איינער אין אַנדערן — ניין, ס'איז נישט אַלץ אַוועק אין חלום... דאָס פריערדיקע איז נאָך וואָך אין זיינע אויגן — — — אפשר אויך אין אירע...

— ביסט געווען גוט צו מיר, דושקאַ. (זיין פּריוואַטער נאָמען פאַר איר). מער ווי כ'האָב זיך געריכט... און וואָס וועסטו טאָן מיט מיר איצט? איך בין דאָך דאָ אין דיין רשות אין גאַנצן...

—כ'וועל דיך צוריקשיקן אין האָטעל ביז מאָרגן. כ'מוז צוריקגיין צו דינהלען.

— כ'וויל דיך נאָך היינט זען, כ'מיך, ווען דינהלע וועט איינשלאָפן, כ'וועל וואַרטן דאָ...

— דאָ וועט באַלד ווערן אַ געדיכטע פינצטערניש, נאָך אַ וויל און דו וועסט נישט טרעפן דעם וועג צוריק אין האָטעל.

— איך דאַרף נישט דעם וועג צוריק אין האָטעל. כ'קען זיין דאָ... מרים האָט געשמייכלט.

— ווען כ'קען דיך נעמען צו מיר אין צימער אויף נאַכט — — אָבער איך קאָן נישט, פאַרשטייסט דאָך... און וואַרט נישט אויף מיר היינט, וואָ־

רעם דינהלע וועט היינט אויף זיין שפּעט צוליב די פייערווערק. זי קוקט אויף דעם אַרויס. איך מוז מיך איילן.

— נו, יאָ, אוודאי... ס׳איז דער 4־טער יולי... כ׳האָב פאַרגעסן — —

ער איז שוין געשטאַנען אַנגעטאָן און מרים האָט זיך ווידער אַ טוליע געטאָן צו אים. אַ וויל זענען זיי געשטאַנען אַרומגענומען גרייט זיך ווידער צו פאַרגעסן...

אַ פויגל האָט פּלוצים אומרויִק אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פליגל, פון אַ ווינגדיקער צווייג איז אַ פאַל געטאָן אַ טראָפּן טוי. מרים האָט אים אַ צי געטאָן ביי דער האַנט.

— קום, ס׳ווערט פינצטער.

זיי זענען געגאַנגען צום אָפענעם שטעגל, זיין האַנט אויף איר אַקסל, איר האַנט אויף זיין דיך און מרימען האָט זיך געדאַכט, אַז זי הערט דעם גאַנג פון זיינע טראַכטענישן.

— ביינאַכט, אויב דו שלאָפסט נישט, קוק אַרויף, וועסטו זען דאָס ליכט אין מיין פענצטער. איך זע פון מיין פענצטער דעם האָטעל... אָט דאָ מוז איך זיך פאַרקערעווען צו דער פאַרם, און אַז דו גייסט מיטן שטעגעלע באַרג אַראָפּ, מוזסטו אַנקומען אַנטקעגן האָטעל. קאָנסט דאָ נישט בלאָנדזשען.

— אפשר קומסטו מאָרגן אין דער פרי מיט דינהלען און מיר וועלן עסן פרישטיק צוזאַמען אין האָטעל?

מרים האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט.

— ניין, כ׳האָב אַ געפיל, אַז ס׳וועט נישט טויגן.

— נו, טו ווי דו פאַרשטייסט. איך וועל שוין טרעפן אַהער אין דעם וועלדל מאָרגן גאַנץ פרי. כ׳וועל דאָס אָרט דערשמעקן מיט דער נאָז...

זיי האָבן זיך ווידער געקושט און צעשיידט.

.2

אין אָוונט איז מרים געזעסן אויף דער וועראַנדע פון דער פאַרם־הויז און אַרונטערגעקוקט אין טאָל. דער טאָל איז געווען אַנגעגאָסן מיט נעפּל, די קאָנטורן פון די בערג זענען געווען פאַרשוווּמען, און „סאָפּיס

האָטעל" מיט די באַלויכטענע פענצטערלעך, האָט ווי יעדן אָוונט איר דערמאָנט אָן אַ שווימענדיקער שיף אין דעם ים פון נאַכט...

מיט אַ מאָל האָט די טונקל־בלויע אָוונט־שטילקייט אויפגעציטערט. עט־לעכע ווייטע קנאַלן האָבן אָפּגעשלאָגן אין די בערג און באַלד האָט די צווייטע זייט בערג אָפּגעענטפערט מיט געציילטע, קליינע דונערן; אַ גינ־גאָלדענער שטויב האָט צעליכטיקט די פינצטערניש אויף אַ רגע; קליינע פייערווערק־דונערן זענען געפאַלן ערגעץ ווייט אין די בערג.

דאָס האָבן די פאַרמערס פון אַרום אָנגעהויבן פייערן דעם 4־טן יולי. נאָר די וואָס זענען באַקאַנט מיט דער געגנט ווייסן, אַז די פאַרמערס דאָ מאַכן זיך נישט צופיל פון דעם יום־טוב. זיי לאָזן עס איבער פאַר די שטאָ־טישע לייט; פאַר די געסט אין די אַרומיקע האָטעלן. יענע קאָנען זיך פאַרגינען צו יום־טובן! די האָטעלן האָבן נאָך דערווייל צייט. די געסט זענען נאָך פאַרנומען מיט דער אַכילה, וואָס פירט זיי אַריין אין טאַנצזאַל. זיי וועלן הוליען ביז שפּעט אין דער נאַכט, זיי וועלן ערשט אָנהייבן יום־טובן, ווען די פאַרמערס וועלן שוין שלאָפן.

דינהלע איז אומרויִק. זי לויפט פון דער ווערענדע אין דער פאַרמע־רישער קיך און צוריק. די פאַרמער־משפחה זיצט נאָך ערשט ביים אָוונט־מאָלצייט פון חזיר־פליש מיט קאַלטע, נעכטיקע קאַרטאָפל און זיי איילן זיך נישט: — נו, וואָס איז די איילעניש? אַז מען וועט אַרויפשיסן די זשמעניע פייערווערק וועט מער קיין יום־טוב נישט זיין...

דינהלע האָט אָבער נישט קיין געדולד. זי האַלט אין איין פרעגן:

— נו, ווען הייבט מען שוין אָן? — —

ענדלעך, דינהלע האָט זיך דערוואַרט. די פאַרמערין האָט אויסגעטאָן דאָס שערצל, מערי און ען זענען נאָך פון פריער אויסגעקעמט, די צעפּלעך פאַרפלאָכטן שטייף. דער פאַרמער טראָגט אין זיין זשמעניע דאָס פייערווערק און אַלע גייען זיי קיל און רויִק. דינהלע, די איינציקע, איז דאָ אָנגעלאָדן מיט אומרו ווי מיט פולווער.

אָט שטייט שוין די פאַרמער־משפחה אויסגעשטעלט אויף דער ווע־ראַנדע זעלנעריש, אין אַ גלייכער שורה. דינהלע קוקט דעם פאַרמער אין דער האַנט אַריין: זי זעט ווי ער נעמט פון זיין זשמעניע אַ קליין, פאַר־

וויקלט קנײלעכל אײנגעדרייט ווי אַ שלענגל און וואַרפט עס אַרויף אין דער בלויער פינצטערניש. דאָס קנײלעכל וויקלט זיך אויף, גיט אַ ציטער, אַ גלי און ווערט פאַרלאָשן.

דינהלע איז אַנטוישט.

אָבער איצט וואַרפט שוין דער פאַרמער איינס נאָך איינס אַלע קנײ־לעכלעך פון זיין זשמעניע — פינף שטיק אין צאָל! פינף פײערדיקע שלענגלעך וויקלען זיך אויף, גיבן אַ צאַפּל, אַ גלי און ס׳ווערט פון זיי אַ רויט־גרינער שטויב, וואָס צעשיט זיך ווי אַ זרע אויפן פעלד פון נאַכטיקן הימל — — —

דער פאַרמער קלאַפּט אָפּ אַ האַנט אָן אַ האַנט. אָט האָט ער מקיים געווען די מצווה; געפײערט דעם 4־טן יולי. וואָס נאָך האָט ער דאָ צו טאָן אין דרויסן ווען דאָס פערד איז אין שטאַל און דאָס פעלד איז פינצטער.

— „גודנאַיט״. — זאָגט דער פאַרמער און נאָך אים די גאַנצע מש־פּחה: „גודנאַיט״. שוין צייט צו גיין שלאָפן.

מרים און דינהלע פאַרבלייבן אויף דער וועראַנדע. דינהלע האָט אַן אומעטיק פּנים וואָס פרעגט: דאָס אַלץ? מער וועט נישט זיין?

מרים טוליעט דינהלען צו זיך:

— וואַרט נאָך אַ ביסעלע וועסטו זען פײערווערק!

דינהלע שווייגט אומעטיק.

אין דער רגע האָט איבער „סאַפּיס האָטעל״ אַרויפגעקנאַלט אַ ראַקעט און האָט זיך צעשפּרייט ווי אַ פּאַווע עק איבערן נאַכטיקן הימל, באַלד האָט זיך דער פּאַוועס עק אויפגעלייזט אין גאָלדענעם שטערן־שטויב. דער הימל איז געווען דורכגעשאָסן מיט פאַרביקן שרויט. ס׳האָט גערעגנט אַ גאָלדענער רעגן.

— זעסט דינהלע! — האָט זיך מרים געפרייט פאַרן קינד.

דינהלע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע פרייד, עפּעס ווי די גאַנצע שמחה דאָרט, אין הימל, איז אַ פרעמדע — נישט אירע...

פאַר וואָס איז דינהלע געוואָרן אַזוי שטיל? קאָן דאָס זיין, אַז דאָס אַנטוישן זיך אין דעם פאַרמערס פײערווערק זאָל אַרויסרופן אין קינד

אַזאַ אומעט? — האָט זיך מרים געפרעגט און ווייך אַרומגעלייגט איר אָרעם אַרום דינהלעס אַקסל.

שפּעטער, אויבן אין צימער, ווען דינהלע איז שוין געשלאָפן, האָט מרים צוגערוקט דעם לאָמפּ נענטער צום פענצטער. זי איז געשטאַנען און אַרויסגעקוקט דורך דער שויב אַראָפּ־צו, אין טאָל.

— וואָס טוט ער דאָרט איצט? קוקט ער אַרויף צום באַרג און זוכט דאָס ליכט אין איר פענצטער? — — —

.3

באַלד נאָך פרישטיק האָט דער פאַרמער איינגעשפּאַנט אַ פערד אין בריטשקעלע. די פאַרמערין איז אַרויסגעקומען אַ זונטיקדיק־פאַרפּוצטע מיט אַ היטעלע אויפן קאָפּ. מערי און ען האָבן געהאַט אויסגעבונדענע בלויע שלייפעלעך אין די זאַמדיקע צעפּלעך. זיי האָבן אַלע איינגעשטיגן אין בריטשקעלע און דער פאַרמער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס.

צי זענען זיי געפאָרן אין קלויסטערל, אָדער באַזוכן פריינד? מרים האָט נישט געפרעגט. דינהלע איז זיי מקנא געווען. זי איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מיילעכל, מיט ברייט־צענומענע אויגן. ווען דאָס בריטשקעלע האָט זיך אַרויסגעקאַטשעט פונעם פאַרם־הויף, האָט זיך דינהלע צעוויינט:

— זי וויל אויך ערגעץ פאָרן!

— ווען דיין פּאַפּאַ וועט קומען דיך זען, וועט ער דיך אַרומפירן אין זיין קאַר. האָסט עס דאָך ליב, יאָ?

— יאָ, אָבער זי וויל פאָרן איצט!

— איצט וועלן מיר גיין אין וועלדל קלייבן יאַגעדעס. און מיר וועלן דאָ היינט האָבן אַ גאַסט. דו ווייסט ווער? ער האָט דיר לעצטן ווינטער געבראַכט אַ מתנה, דאָס קעסטעלע פאַרב אויף צו מאָלן — — ניעזשינער — — געדענקסט?

דינהלע האָט געשוויגן. דאָס אונטערשטע ליפּל אירס האָט זיך געבלאָזן.

ווען מרים און דינהלע זענען צוגעקומען צום וואַסערשטראָם אין וועלדל, האָט זיך מרימען געדוכט, אַז ניעזשינער איז ערגעץ דאָ, אָדער ער

איז דאָ ערשט געווען. דאָס מאַכיקע גראָז אונטערן בוים איז געווען פריש־צוגעלעגן — — אָדער, איז עס נאָך אַזוי פון נעכטן? — — —

דינהלע האָט זיך שוין געפּלושקעט אין די שטיינערנע מולטערס, איבער וועלכע דער דינער וואַסערשטראָם איז געלאָפן. זי איז אייגנטלעך געווינט צו שפּילן זיך אַליין; אַליין אַפילו צו דערפינדן איר שפּילצייג. נאָר פון צייט־צו־צייט ווערט זי קאַפּריזנע ווי אַן איינציק, איינזאַם קינד טוט זיך אַ בונטעווע קעגן איר מזל...

מרים איז אַרויס צום אָפענעם שטעג אויסקוקן ניעזשינערן. צי בלאָנ־דזשעט ער נישט דאָ ערגעץ אַרום — — פלוצים האָט זי אים דערזען אַרומקריכן צווישן די ווילדע געוויקסן. ער איז געווען פאַרטאָן אין קלייבן פאַזיאָמקעס און לייגן זיי אין מויל...

מרים האָט זיך צעלאַכט און ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צו איר איבעראַשט וואָס זי שטייט דאָ און ער האָט נישט געהערט אירע טריט. ער האָט זיך אויסגעגלייכט און געשמייכלט:

— איך בין ממש שיכור פון דער לופט דאָ און פון אַלץ אַרום. — ער האָט אַריינגעלייגט אַ פאַזיעמקע מרימען אין מויל און זיי האָבן זיך געקושט און געהיט.

— האָסט געבלאָנדזשעט?

— ניין, איך בין נאָכגעקראָכן נאָך מיין שפּירעוודיקער נאָז און — געטראָפן גלייך צום וועלדל... כ׳קריך דאָ אַרום כ׳ווייס שוין אַליין נישט ווי לאַנג.

— ביסט כאָטש גוט געשלאָפן?

— אפשר צען שעה. כ׳בין אַוועקגעפאַלן אָנהייב אָוונט ווי אַ באַטויב־טער און אויפגעקומען מיט זונאויפגאַנג.

— האָסט נישט געהערט נעכטן די שיסערייען פון פייערווערק?

— ניין. כ׳ווייס פון גאָרנישט. אַך, האָב איך דאָ היינט געזען אַן זונ־אויפגאַנג! מרים, ווען איך קען דאָ פאַרבלייבן אַ ביסל לענגער — — אָבער מאָרגן גאַנץ פרי מוז איך שוין זיין ביי דער אַרבעט אין שאַפּ...

ער האָט זי צוגעטוליעט צו זיך און מרים האָט זיך אַרומגעקוקט.

— דינהלע איז דאָ מיט מיר אין וועלדל. כ'האָב זי נישט געקענט איבערלאָזן. קיינער איז איצט נישטאָ אויף דער פאַרם.

— אַך, ווען איך וויס — —

מיט אַ מאָל איז דינהלע דאָ געשטאַנען. זי האָט פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל. מרים האָט זי אַרומגענומען.

— זאָג העלאָ אונדזער גאַסט!

דינהלע האָט געשוויגן.

ניעזשינער האָט זי אָנגענומען ביי דעם גאָמבעלע:

— לאָז זען ווי דו זעסט אויס. — אַך, שיין! רויטינקע בעקעלעך! ביסט צוגעוואַקסן אויך. ביסט שוין, מיין איך, אַזוי גרויס ווי מיין שרהלע.

— ווו איז שרהלע? — איז דינהלע מיט אַ מאָל געוואָרן נייגעריק.

— זי איז אין דער היים, אין ברוקלין.

— פאַר וואָס איז זי אין ברוקלין? — איז דינהלע געוואָרן צודרינגלעך.

מרים האָט אויף אים אַ קוק געטאָן. איצט איז ער געווען אַ קאַפּעלע פאַרלוירן זוכנדיק אַן ענטפער פאַר דינהלען. מרים איז אים פאַרלאָפן דעם וועג:

— פאַר וואָס נישט ברענגען שרהלען אַהער צוגאַסט? ס'איז מיר ערשט די מינוט איינגעפאַלן. זי וואָלט דאָ געקענט זיין ווי לאַנג זי וויל. זע, ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן אַזאַ פּשוטער געדאַנק.

— וואָלסט עס טאַקע געוואָלט?

— פאַר וואָס נישט? שרהלע איז דאָך נישט קיין פּיצל קינד.

— זי איז עלטער פאַר דינהלען.

— דאָס איז אויסגעצייכנט. דינהלע האָט גרויס אַפּשיי פאַר אַן עלטער קינד. זי לאָזט זיך פון אַן עלטער קינד פירן.

— כ'וויס... קאָן זיין... אפשר? — — —

ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן דעם, אַז ס'איז נישט קיין גרינגער ענין פאַר אים אַרויסצובאַקומען שרהלען פון חנהן אויף עטלעכע וואָכן. דאָך, ס'וואָלט געווען כדאַי צו פּרווון. די לופט דאָ וואָלט אַריינגעגעבן

אַ ביסל פאַרב אין שרהלעס בלייכע בעקלעך. פון אַלע קינדער זיינע איז זי די בלייכסטע, די דעליקאַטסטע.

דינהלע איז מיט ניעזשינערן באַלד געוואָרן חבר, און ער, ווי זיין טבע, האָט זיך באַלד צוגעלאָזן צום קינד ווי אירס גלייכן. דינהלע האָט שוין געהאַלטן זיין בלייפעדער, זיין העפטל פאַפּיר און דערויף געצייכנט מענטשעלעך. יעדע ווילע איז זי צוגעלאָפן אים ווייזן איר אויפטו און ער האָט באַוווּנדערט איר געשיקטקייט מיטן פענדזל.

מרים און ניעזשינער זענען געזעסן אונטער די צווייגן פון בוים ווו זיי זענען נעכטן געלעגן... זיי האָבן געגנבעט פון דינהלען אַ באַריר, אַ פאַרקוק אין די אויגן.

— וואָס האָסטו געטאָן דעם גאַנצן פרימאָרגן?

— כ׳בין דאָ געווען... — האָט ניעזשינער געשמייכלט. — דערקענט דאָס בערגל, דעם בוים... טאַקע אָט דאָ געלעגן, געלייענט. דאָס גראָז איז נאָך געווען פייכט. דאָס בערגל איז מיר מאָדנע נאָענט... ער איז מיינער...

מרים האָט אַ דריק געטאָן זיין האַנט. ווען ער איז אַרום איר אָט אַזוי ווי איצט, טרעטן אָפּ אַלע ספקות, אַלע אומזיכערקייטן... קוים בלייבט זי אַליין — טרעט ווידער צו דער אומעט אין איינעם מיט דער אומזיכערקייט... מיט די ספקות...

— כ׳האָב געוואָלט דיך איבערראַשן און קומען צו דיר אויף דער פאַרם היינט גאַנץ פרי. כ׳האָב מיך אָבער אָפּגעהאַלטן, נישט געוואָלט דיר שטערן. כ׳בין אָבער שטאַרק נייגעריק זען ווי דו וווינסט.

— טאָ לאָמיר שוין גיין. כ׳וועל דיר ווייזן די פאַרם, מיין צימער. ס׳איז דאָ אַלץ געווני ווי אַ דאָרף דאַרף זיין.

— פאַר דיר שעם איך זיך נישט דערמיט, וואָס כ׳בין אַ „גרינער״. כ׳האָב נאָך קיין אמתע פאַרם דאָ אין לאַנד נישט געזען.

אויפן וועג צו דער פאַרם האָבן אַלע דריי געקליבן יאַגעדעס. מרים האָט אים געפירט דורכן פעלד, צווישן סטויגן היי, צווישן אויפגעגאַנגענעם קאָרן. זי האָט אים געוויזן דעם גאָרטן מיט די שיינע אַרבוזן און אוגערקעס; דאָס הינערהויז, די קאַטשקעס, ער האָט געטראָטן ביי איר

זייט אַ ביסל פרעמדלעך, גרויסשטאַטיש ווי אַן אַראָפּגעקומענער פּריץ פאַרפרעמדט פון זיינע גיטער...

אַ זשאַבקע האָט פלוצעם פון הויכן גראָז אַ שפרונג געטאָן פאַרביי אים און ער האָט געטאָן אַ צאַפּל. דינהלע האָט זיך פריידיק צעלאַכט, אַזאַ גרויסער האָט אַ צאַפּל געטאָן פאַר אַ קליינער זשאַבקע!

שפּעטער האָט אים מרים אַרויפגעפירט ווייזן איר צימער. איר גרויסער צימער מיט די צוויי פראָסטע, הילצערנע בעטן, מיט די צוויי הויכע פענצטער, וואָס קוקן אַראָפּ אין טאָל. אַ ווײַלע זענען זיי געזעסן אויפן ברעג בעט. פונעם דרוק פון זיין האַנט איבער אירער האָט זי צוגעשלאָסן די וויעס. ס'איז איר אַזוי גרינג זיך פאַרגעסן אַרום אים, נאָכגעבן די רגע... אָבער דער געדאַנק, אַז דינהלע קען באַלד אַרויפקומען האָט זי אַ הויב געטאָן פון בעט. זיי האָבן אויסגעמיטן איינער דעם אַנדערנס בליק און זענען אַראָפּ אין הויף.

ס'איז שוין געווען מיטאָגצייט און מרים האָט געגרייט אַ צובייס אויפן דעמבענעם טיש אונטערן עפּלבוים. זי האָט אַרויסגעטראָגן סמעטענע פאַר די אַרומגעוואַשענע יאַגעדעס, ברויט, קעז; פון ברונעם האָט זי אַרויפגעצויגן אַ קענדל קאַלט וואַסער. די אַלע זאַכן האָט זי געטאָן מיט פלינקע באַוועגונגען ווי אין טאַנץ. ער האָט איר נאָכגעקוקט און עפּעס האָט אין אים געזונגען. דערביי האָט ער געפּלאַפּלט מיט דינהלען, אַריינגעצויגן זי אין אַ ווערטער־שפּיל און איז אַריינגעפאַלן אין אַ נערוועזער פריילעכקייט. ער האָט פלוצים אַ זאָג געטאָן צו מרימען:

— דאָ וואָלט איך זיך געשעמט שרייבן פּאָעזיע... — און ער האָט אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט אויף דעם אַרום ווי ער וואָלט מער גאָר־נישט געקענט זאָגן, נאָר שטום זיין פאַר דער גרויסער שיינקייט פון גאָטס וועלט...

מרים איז אַרום אים אַלע מאָל געווען שטאַרק וואַך; נישט נאָר זיין וואָרט, זיין קול — נאָר זיין מחשבה איז פאַר איר אַזוי קלאָר ווי אַ קלאָר וואַסערל...

זיי זענען אַלע דריי געזעסן ביים דעמבענעם טיש אונטערן עפּלבוים.

ס׳האָבן זיך געריכערט די ווייטע בערג. די זון איז געשטאַנען הויך און האָט ווי געטראָגן אַ וואָלקן־וואַל אויף איר הייס פּנים.

די דריי ביים טיש זענען געווען אויפגעלעבט, פריילעך, נאָר יעדער פון זיי האָט באַהאַלטן אין זיך עפּעס אַ טרויער.

פּלוצים איז אָנגעקומען די פאַרמער־משפּחה. מערי און ען זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון בריטשקעלע, די פאַרמערין איז אַראָפּ פּאַמע־לעך. זי האָט די דריי ביים טיש אָנגעקוקט פון אַ ווינקל־אויג. מרים האָט עפּעס אַ שטאַמל געטאָן. זי האָט אָנגעוויזן אויף ניעזשינערן: — יאָ דאָס איז ער, איר פריינד פון ניו־יאָרק...

ניעזשינער איז שוין געשטאַנען און זיך שטום געגריסט צו דער פאַר־מער־משפּחה. די צווי שיקסעלעך האָבן אים אָנגעקוקט פאַרגאַפט. דער פאַרמער האָט אַריינגעפירט דאָס אויסגעשפּאַנטע פערד אין שטאַל. ער האָט זיך דאָ אויף קיינעם נישט אומגעקוקט.

מיט אַ מאָל האָט זיך ניעזשינער דערפילט אומבאַקוועם. ער האָט זיך באַלד אָפּגעזעגנט ווי איינער, וואָס באַלאַנגט נישט אַהער... ווידער האָט ער דערפילט, אַז ער באַלאַנגט נישט אין ערגעץ... דאָס שטיקל ערד אין וועלדל, וואָס ער האָט ליב באַקומען, איז אויך פרעמדס... ס׳געהער אוודאי דעם דאָזיקן פאַרמער, וואָס קוקט נישט אויף אים. ער און מרים גנבענען עס בלויז אויף דערווייל... נו, יאָ — — ווי דען? — — — אָ? — — —

ס׳האָט זיך פּלוצעם ווידער אומגעקערט צו אים די בענקעניש נאָך וועדטער ווי נאָך אַ היים...

### 4.

דינהלע איז איינגעשלאָפן פרי צוליבן נעכטיקן אויפזיין שפּעט. דער אָוונט איז נאָך רעכט נישט צוגעפאַלן, אָבער די הינער זענען שוין געזעסן אויף די סידעלעס מיט צונויפגעפּירטע הינערשע וויעס, איינגעוואָרעמט אין זייערע אייגענע פעדערן. מרים ווייס, אַז די פאַרמער־משפּחה וועט אויך באַלד גיין שלאָפן. פון דעסטוועגן האָט זי געבעטן דער פאַרמערין זיך צוהאָרכן צו דינהלען, מחמת זי מוז גיין באַגלייטן איר פריינד, וואָס פאָרט צוריק קיין ניו־יאָרק.

די פאַרמערין האָט נישט אויפגעהויבן דאָס פּנים צו מרימען. זי האָט נאָר דערמאָנט, אַז זיי גייען שלאָפן פרי, זי ווייס עס דאָך — — —

— נו, אוודאי ווייס זי, זי וועט זיין צוריק נאָך אפשר פריער — — —

מרימען האָט זיך געדאַכט, אַז די פאַרמערין שמייכלט אין זיך, זי גלויבט איר נישט. נאָר אין דער רגע האָט עס זי ווינציק געקימערט. זי האָט זיך געאײַלט אים באַגעגענען אויף זייער אָרט אין וועלדל אידער ס׳ווערט פינצטער. זיי וועלן ווידער גנבענען זייער נאָענטקייט, ס׳וועט זיין גוט ווידער דערפילן די וואַרעמקייט פון זיין לייב, זיך איינגורען אין אים ווי אַ פויגל אין איר נעסט.

צוריקגעקערט האָט זיך מרים אַ סך שפּעטער ווי זי האָט געמיינט, אַז זי וועט זיך צוריקקערן, דאָס פאַרם־הויז איז געשטאַנען פינצטער און זי האָט זיך געגנבעט אויף די שפּיץ־פינגער, קיינער זאָל זי נישט דער־הערן. וועגן דינהלען איז זי געווען רויק. דאָס קינד וועקט זיך כמעט קיין מאָל נישט איבער דורך דער נאַכט, סיידן זי איז, חלילה, נישט געזונט.

מרים האָט געעפנט די טיר פון צימער. די פולע לבנה איז געשטאַנען אין פענצטער. דינהלע איז נישט געשלאָפן. זי איז געזעסן אין בעט, דאָס פנימל פאַרשטעלט מיטביידע הענטלעך ווי אין געבעט. מאָמענטאַל האָט זיך מרים דערמאָנט, אַז דינהלע איז היינט איינגעשלאָפן אומגעוויינט־לעך פרי און, אַז זי האָט באַדאַרפט געווען דערוואַרטן, אַז דאָס קינד זאָל זיך איבערוועקן... אָבער זי האָט אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן דעם איבער־צוטראַכטן...

— קינד, וואָס איז דיר? וואָס זיצסטו אַזוי? — — —

איצט האָט זיך דינהלע פאַנאַנדערגעוויינט:

— זי ווייס נישט פאַר וואָס זי האָט זיך איבערגעוועקט. זי האָט גע־רופן מאַמע, און די מאַמע האָט נישט געענטפערט. דעמאָלט האָט זי דער־זען, אַז דאָס צווייטע בעט איז ליידיק און זי האָט זיך דערשראָקן פאַרן ליידיקן בעט און פאַר דער ווייסקייט אין פענצטער — —— ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז די מאַמע וועט זיך מער שוין נישט צוריקקערן און איצט האָט זי גאָט געבעטן, ער זאָל איר צוריקשיקן איר מאַמע...

— נאַרעלע, קינד! איך בין דאָך דאָ געווען, דאָ ביי דער שטוב, זיך געזעגנט מיט ניעזשינערן. ער פאָרט אַוועק מיט דער פּאַרטאַגיקער באַן צוריק קיין ניו־יאָרק. ער׳ט געבעטן דיך אַ קוש טאָן. זאָגן פאַר אים „גוד באַי״.

מרים האָט דינהלען געקושט. דינהלע האָט געכליפּעט: — „מאַ, שלאָף מיט מיר״.

— געוויס, אַבי דו ווילסט נאָר!

מרים האָט זיך איבערגעטאָן און איז אַרונטער אונטער דינהלעס קאָלדרע. דינהלע האָט געטאָן אַ קליינעם כליפּ און איז באַלד אין איר אָרעם איינגעשלאָפן.

מרים איז געלעגן וואַך. זי האָט זיך געפרעגט: ווו האָט דאָס קינד געלערנט, אַז ס׳איז דאָ אַ גאָט, און — אַז מע קען ביי אים עפּעס אויס־בעטן... און נאָך עפּעס: דינהלע האָט קיין מאָל נישט געמאָנט, אַז זי זאָל מיט איר שלאָפן... דאָס קומט אפנים פון איר אײפערזוכט צו ניעזשינערן... זי דאַרף זיך פאַרן קינד מערער היטן... ווען זיי דריי וועלן ווינען צוזאַ־מען, וועט זי זען שלאָפן מיט דינהלען אין איין צימער, נישט מיט אים... צו אים וועט זי זיך דאַרפן גנבענען... אַלע מאָל גנבענען... נאָר איצט זאָרגט זי אין גאַנצן נישט וועגן דעם. זי איז רויק, אָבער אָן אַ ברעקל שלאָף.

די נאַכט איז אַריין אין איר קאַריקער שטילקייט. די גרילן האָבן אויפגעהערט זעגן. די ווייסקייט אין פענצטער איז געוואָרן גרוי. פון דער לבנה איז פאַרבליבן נישט מער ווי אַ ווייסער דינער שאָטן. — ס׳האָט געטאָן אַ קריי דער ערשטער האָן.

פון דער ווייטער שטילעניש דערטראָגט זיך אַהער דער פייף פון אַ לויפּנ־דיקער באַן, דאָס צישען פון אַ לאָקאָמאָטיוו... ריטמיש לויפן רעדער איבער רעלסן און דער ריטם וויגט זי איין. און אין שלאָף וויס זי: דאָס איז די באַן, מיט דער באַן פאָרט ער אַוועק.

## קאַפּיטל 13

.1

אַ זומערדיקע, זאַטע שטילקייט הענגט איבער די גערטנער און פעלדער; די פייגל זענען פאַרשטילט אין זייערע נעסטן, מ׳הערט דעם עפּל פאַלן פון בוים.

מרים לייענט זייער פּאַוואַליע דאָס בריוול. דאָס ערשטע בריוול פון אים זינט ער איז אַוועקגעפאָרן יענעם פאַרטאָג, און צו איר אויער האָט זיך דערטראָגן דאָס פייפן פון דער באַן, דאָס צישען פון לאָקאָמאָטיוו. דאָס ריטמישע קאַטשען פון רעדער איבער ווייט־געצויגענע רעלסן.

דאָס אַלץ גיסט זיך צונויף מיט דעם בריוול, וואָס זי לייענט איצט זייער פּאַוואָליע:

„... שטעל זיך פאָר, איך האָב געקאָנט זיך מיט דיר די גאַנצע וואָך! צוליב עפּעס אַ סטרייק פון אַ צווייג אַרבעטער אין פאַך, אַרבעט איך נישט. פאַרפאַלן! ווער האָט געקענט וויסן? איך פיל זיך אָבער זייער גוט. און דיך פיל איך אַזוי שטאַרק, אַז איך שעם זיך פאָר זיך אַליין!... און מיר איז גוט. אַזוי טרויעריקלעך גוט פון דעם. און מיר איז גוט וואָס איך פיל, אַז דו פילסט אויך אַזוי. אוי, אוי, מאָדנע! כ׳רעד זיך דאָך נישט איין, דזשוקאַלע, ניין? ס׳איז דאָך בלוט, ס׳איז דאָך דו און איך! — און איך פיל אַזוי הייליק און תפילהדיק פאַר די צוויי טעג וואָס מיר זענען געווען צוזאַמען, אַז איך בוק זיך פאַר דעם. די קליינע שטערונגען, וואָס זענען דאָרט פאָרגעקומען, דאָס נישט־דעררעדטע, דאָס ווינציק אָנזען איינער דעם צווייטן, דאָס פאַרלירן זיך איינער אַרום צווייטן — דאָס זענען אַלץ זאַכן, וואָס אַזוי האָט עס געמוזט זיין, און דאָס ביסל ביטערע פון דעם צערינט פאַרן גרויסן, וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט צוזאַמען ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט, ווייט פון די שטאָטישע רוישן. דזשוקאַלע, (אַ צוגעטראַכטער נאָמען פון אים פאַר איר.) נישט אַזוי? ענטפער מיר און זאָג

מיר, נאָר איך זיך נישט אין מיינע איבערלעבונגען? אַך, באַדאַרפט פאַר־בלייבן. מיר האָבן אַזויפיל צו רעדן, צו פאַרשטיין זיך.

— „צו דער באַנסטאַציע בין איך געקומען צו פרי. בין איך געלאָפן צוריק אויפן וועג צו דיר. געלאָפן ביז צום בריקל. האָב זיך פאַרבויגן צום וואַסערל, געוואַשן די הענט, די אויגן, אַ קוק געטאָן אַרויף צום באַרג און אַ רוף געטאָן, כמעט אַ געשריי געטאָן — דזשוקאָ! און בין געלאָפן צוריק צו דער באַן. געקומען. געדאַרפט נאָך וואַרטן. אומגעשפּאַצירט אַהער, אַהין, אַך, נאָר ס'איז גוט אַזוי. גוט און אינטערעסאַנט. פון דעסט־וועגן, געדאַרפט זיך אָנקוקן נאָך איין מאָל — גוט וואָס ביסט אַזוי אַראָפּ־געלאָפן פון בערגל דעמאָלט. גיי אָפּט צום בערגל. ער איז דאָך אונדזע־רער — — — ווי זאָל איך דיך אַ קוש טאָן? אַז ווו איך וועל קושן דיך איז דאָך גוט...”

די זאַטקייט און רויִקייט פון דעם אַרום שטימט מיט מרימען נאָר אַזוי לאַנג ווי עס געדויערט דאָס לייענען אַזאַ בריוול זיינס. און נאָך דעם כאַפּט זי ווידער אַרום די פריערדיקע אומזיכערקייט און שרעק פאַרן לעבן. אַ לעבן, וואָס דאַרף זיך נאָך ציען אַ לעבן־לאַנג, און דער שפּעטער זעט אויס אַזוי געהיימנישפול און פאַרהוילן און אומזיכער... פאַר וואָס טראַכט זי נישט אָט די געדאַנקען ווען ער איז אַרום איר? אפשר זאָל זי צוריק־פאָרן אין שטאָט? ווי אַזוי קאָן זי אָבער צוריקברענגען דינהלען אין שטאָט איצט, אין די גרויסע היצן? ווי קאָן זי לאָזן דאָס קינד אַרומ־בלאָנקען איבער די אָנגעגליטע גאָסן פון שטאָט? וואָס איז דאָס קינד שולדיק, וואָס איר איז דאָ אומעטיק און זי האָט צופיל צייט זיך צוהערן צו אירע געדאַנקען... סיי ווי דאַכט זיך איר, אַז זי וועט קיין מאָל נישט קאָנען זיך רעכטפאַרטיקן קעגן דינהלען...

אָט די שטימונגען מרימס גיסן זיך אַריין אין די בריוועלעך, וואָס זי שרייבט צו ניעזשינערן און זענען אַרומגעזוימט מיט מיידלשער בענקע־ניש, וואָס נאָר ער קאָן זי איינשטילן, און אָט דער אומעט און די בענקע־ניש איז דער אינהאַלט פון אירע טעג דאָ אויף דער פאַרם, און אָט שטייט זי שוין ווידער ביי דעם אָפּענעם, שטויביקן שליאַך און וואַרט אויף דעם בריווטרעגער, וואָס קומט אָן מיט אַ וואָלקן שטויב, לאָזט איבער

אַ וואָלקן שטויב נאָך זיך; און איצט איז מרים געבליבן שטיין מיט צוויי בריוו אין איר האַנט און פון די צוויי קאָנווערטן האָבן אויף איר אַ קוק געטאָן צוויי באַזונדערע כתבן, צוויי באַזונדערע פּנימער, איינער ניעזשינערס, דער צווייטער — דודס.

דודס בריוו זענען אַלע מאָל אַדרעסירט צו דינהלען. דינהלע עפנט זיי אַליין. אָבער זי קאָן נאָך נישט לייענען — — מרים לייענט די בריוו פאַר דינהלען, און אַמאָל האָט דוד עפּעס איר, מרימען צו זאָגן און ער זאָגט עס אין דער דריטער פּערזאָן ווי מע רעדט צו אַ ברוגזן... און אויב מרים וויל נישט, אַז דינהלע זאָל דאָס וויסן, היפּערט זי אָט די שורה איבער...

וואָלט דינהלע מיט איר איצט דאָ געווען, וואָלט זי דאָס ערשטע געלייענט פאַר איר דעם טאַטנס בריוול. אָבער דינהלע איז איצט אין גאָרטן מיט דער פאַרמערין און די שיקסעלעך. זיי קלייבן אויף דאָס צייטיקע אויבסט און ווען עס אַהיים טראָגן אין קוישן. מרים אָטעמט איין די ווייניקע לופט בעת זי לייענט אין נעזשינערס בריוועלע:

„... פון אין דער פרי ביז איך שלאָף איין, טראַכט איך פון דיר, זע איך דיך, רעד צו דיר אַזוי גוט און האַרציק. דזשוקאַלע, זאָל דיר נישט זיין אומעטיק און נישט גוט, דזשוקאַ, איך קוק דאָך אויף דיר! אָט זיץ איך און איך קוק אויף דיר מיט טרייסטנדיקע אויגן און איך האַלט דיך אָט־אַזוי גוט און שיין. גוט? טאָ זיי גוט. כ'האָב אַזויפיל וואָס צו שרייבן אין לידער, נאָר כ'קאָן נישט. בין פאַרנומען מיט געדאַנקען וועגן דיר. שלעכט? נו, וואָס זענען לידער? ניין, ניין, מיידעלע, אויב נישט קיין לידער טויג איך נישט. און דו טויגסט נישט אויב כ'שרייב נישט קיין לידער. איז דו און — לידער. איז וועל איך טאַקע אַפּנים איצט זיך אַוועקזעצן עפּעס שרייבן. שוין לאַנג נישט געשריבן. פאַרגעסן ווי אַזוי אַפילו. נאָר איך וועל נאָך שרייבן!

„אַך, איך וויל דיר שיקן אַ סוועדער. איז דויערט עס אָבער אַזוי לאַנג ביז ס'קומט אָן. איז וואָס טוט מען טאָמער ווערט קיל? ענטפער, שיק איך באַלד.

„נו, זיי געזונט. זיי רויק, רויק. כ'קוש דיך אָט־אַ־דאָ — — —".

איצט איז זי רויק, רויק פון די ליבע, ליבע ווערטער. זי וואָלט וועלן צושליסן די וויעס אָן איינגערויקטע, זיך אויסציען אין האַמאַק, זיך וויגן אַזוי ביז מאָרגן, ביז אַ צווייט בריוול זיינעם. און אַזוי יעדן טאָג ביז דער זומער וועט מער נישט זיין און זי וועט זיין צוריק אין שטאָט אין אַ נייער היים מיטן קינד און ער, ניעזשינער, וועט שטענדיק זיין ביי איר זייט און זי וועט נישט האָבן קיין צייט צו טראַכטן, וואָרעם זי וועט זיין שטאַרק פאַרנומען נאָר מיט אים. שטענדיק נאָר מיט אים. — — — —

אָט איז דינהלע. זי לויפט איר אַנטקעגן, כאַפּט אַרויס דעם טאַטנס בריוול פון איר האַנט. עפנט אים און גיט אים באַלד צוריק אַפּ מרימען. מרים לייענט אויפן קול. ער שרייבט דאָ, אַז ער בענקט נאָך איר, נאָך דינהלען, אַז ער נעמט זיך דעריבער אַ וואָך וואַקאַציע און ער קומט זי זען ,און ער וועט זי מיטנעמען צום גרויסן לעיק און זיי וועלן דאָרט זיין אין אַ שיינעם האָטעל אַ וואָך צייט און זי וועט אַרומפאָרן מיט אים אין זיין נייער קאַר — — —

און ווייטער שרייבט ער שוין אין דער דריטער פערזאָן: „זאָל דאָס קינד זיין גרייט. ער וועט קומען נאָך איר דעם נעקסטן פרייטיק. ער האָפט, אַז ס'וועלן נישט זיין קיין שוועריקייטן. ער איז דאָך באַרעכטיקט צו האָבן דאָס קינד מיט זיך איין וואָך. און אויב זי טרויט אים נישט מיטן אויפ־פּאַסן אויף דינהלען, קאָן זי מיטקומען מיט זיי אויב זי וויל. ס'איז אַ נייער האָטעל און מע קען דאָרט קריגן אַן עקסטרע צימער פאַר איר מיט דינהלען — דאָס, אין פאַל זי וועט אַזוי באַשטימען — — —“.

פשוטע ווערטער. אָבער די רו וואָס ניעזשינערס בריוול האָט אויף איר אָנגעווייט, האָט דודס בריוול צוגענומען ווי מיט דער האַנט. מרים האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: מאָרגן איז דאָנערשטיק! צווישן היינט און מאָרגן מוז זי באַשטימען — מיטגעבן דינהלען און דאָ בלייבן אַליין — אָדער מיטפאָרן מיט זיי? וואָס זאָל זי טאָן? ווען זי וואָלט געקאָנט זיך אָן עצה האַלטן מיט ניעזשינערן — — — אָבער, דאָס בריוול וואָס זי וועט אים היינט אָנשרייבן וועט ערשט אָוועקגיין מאָרגן — — — צו שפּעט... און סיי ווי וואָס קאָן איר דאָ ניעזשינער עצהן? ער, דער ריטער פון שיינעם וואָרט איז אַלע מאָל אומבאַהאָלפן אַרום טאָג־טעגלעכע ענינים. ער וועט

אפשר גאָרנישט פאַרשטיין פאַר וואָס זי מאַכט דערפון אַזאַ פּראָבלעם. האָט זי דען נישט איבערגעלאָזן דינהלען אויף זעקס חדשים מיט דודן? — אמת, אָבער דאָרט איז זי יעדן טאָג געקומען צום קינד. חוץ דעם איז אין שטוב געווען אַ פרוי אַכטונג צו געבן אויף דינהלען. וואָס ווייסט אַ מאַן וויאַזוי אַרומצוגיין אַרום אַ קינד אַפילו איין וואָך צייט? היינט ווי וועט עס אויסזען פאַר דעם פאַרמער פאָרפאָלק, ווען זי וועט דאָ בלייבן אַליין — — זיי ווייסן דאָך פון גאָרנישט און זי האָט נישט קיין חשק דערציילן זיי איר לעבנסגעשיכטע. נו, יאָ, ער, ניעזשינער, קאָן איר דאָ מיט גאָרנישט העלפן אין איר איצטיקער לאַגע. מאָדנע ווי זי האָט דאָס אַלץ נישט פאָרויסגעזען. נו, זי האָט נישט קיין אַנדער אויסוועג ווי מיט־פאָרן מיט זיי. זי מוז עס שוין אָנשרייבן ניעזשינערן.

מרים האָט זיך אָוועקגעזעצט שרייבן ניעזשינערן שוין דאָס צווייטע בריוול אין דעם אייגענעם טאָג. זי האָט דראַמאַטיזירט דאָס גאַנצע פּראָב־לעם אירס און אויסגעפירט, אַז זי וועט מיטפאָרן מיטן קינד, עלעהיי אַ גובערנאַנטקע... וואָס אַנדערש קאָן זי טאָן? זי קען אַפילו נישט וואַרטן אויף זיין ענטפער, וואָרעם זיין ענטפער וועט ערשט אָנקומען מאָנטיק... טאָ זאָל ער זיין רו׳ק ווענן איר. זי וועט אים שרייבן פון דאָרט און שיקן איר נייעם אַדרעס — — —

.2

איבערן פאַרם־הויף גייען אַרום הינער אויף געלע פיסלעך און פּיקן אויס אַ קערנדל, אַ ווערימל פון דער ערד. פון צייט צו צייט צעשלאָגן זיך צוויי הינער איבער אַ ווערימל, אַ קערנדל. ס׳ווערט אַ פלאַטערניש פון פליגל, אַ געקוואָקעריי און איבערן הויף פליען אַרום פעדערלעך. די קאַטשקעס קאַטשען זיך אַוועק צום נאַסן פּלומפּ.

דינהלע קוקט אַרויס פון פענצטער. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געהאַט בויכווייטיק און אַ לויזן מאָגן. מרים שטייט איצט אין קיך און קאָכט פאַר דינהלען אַ פּאָטראַווע. זי האָט איר אָנגעזאָגט צו ליגן אין בעט. אָבער דינהלע האָט נישט קיין געדולד צו ליגן אין בעט. אויב זי האָט

נישט געקאָנט מיטגיין מיט דער פאַרמערין און די צוויי שיקסעלעך אין גאָרטן אויפקלייבן די רויטע טאָמאַטן און די גרינע, שאַרסקע אוגערקעס, וואָס זי האָט אַזוי ליב צו כראָמטשען, וויל זי כאָטש שטיין דאָ ביים פענצטער און זיך צוקוקן צו די קאַטשקעס און הינער. און אפשר וועט באַלד קומען דער פאַפאַ? מיט אַ מאָל האָבן די קאַטשקעס אויפגעהויבן די פליגל און זיך גיך אַוועקגעזייטלט פון פלומפ. די הינער זענען זיך צעפלויגן, אין פאַרם־הויף איז אַריינגעפאָרן אַ קאַר און איז געבליבן שטיין. דוד איז אַרויס פון קאַר, זיך אַרומגעקוקט: לויט אַלע סמנים איז דאָס די פאַרם, אָבער מע זעט נישט קיינעם.

דינהלע האָט אָנגעהויבן קלאַפן אין שויב, זי האָט אַ רוף געטאָן:

— פאַפאַ!

מרים איז אַרויס אין הויף. זי האָט געווישט די הענט אין שערצל. זי האָט געוווסט, אַז דוד דאַרף היינט קומען, אָבער זי האָט אים נישט דערוואַרט אַזוי פרי. זי האָט שוין אָפגעמאַכט ביי זיך, אַז מע קאָן ערגעץ נישט נעמען דאָס קינד ווען סע איז קראַנק. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז דינהלעס קראַנק ווערן האָט געלייזט די גאַנצע פראָבלעם, און זאָל זיין וואָס סע וועט זיין, מע קאָן דאָס קינד איצט ערגעץ נישט נעמען.

דוד איז דאָ געשטאַנען ווי אַן אומגעבעטענער גאַסט... זיין ברייטע פלייצע, זיין פירקאַנטיק פנים, די ברוינע אויגן האָבן איר אויסגעזען סיי נאָענט, סיי מאָדנע פרעמד... זיי האָבן ביידע געפרווט שמייכלען און נישט געוווסט יאָ אָדער נישט געבן זיך די הענט...

דוד האָט צום סוף אַ פרעג געטאָן:

— ווו איז דאָס קינד?

אין דער מינוט איז דינהלע אַראָפגעלאָפן אין איר שלאָפהעמדל און אַ שפרונג געטאָן אים אין די אָרעמס. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו דינהלען, דינהלע האָט פאַרוואָרפן איר קעפל אויף זיין אַקסל. זיי האָבן זיך געהאַלדזט און געקושט.

מרים איז געשטאַנען פון דער ווייטנס. זי האָט געטראַכט: גוט וואָס די פאַרמער־משפחה איז איצט דערביי נישטאָ און זעט נישט דאָס בילד, ווי זי, מרים, גייט נישט צו נאָענט צום פאָטער פון איר קינד...

— וואָס איז מיט דינהלען? — האָט דוד געפרעגט ווי איינער וואָס איז באַרעכטיקט צו פרעגן נאָר די איינציקע פראַגע.

— עפּעס איז איר קאַליע געוואָרן דער מאָגן —

— שוין לאַנג?

— ערשט די נאַכט.

— זי האָט טעמפּעראַטור?

— ניין. — האָט מרים אים באַרויִקט.

— כ'וואָלט איר געגעבן אַ ביסל ריצנאויל. — האָט דוד געגעבן אַן אומגעבעטענע עצה.

דינהלע האָט זיך פאַרקרימט.

— מיר טוט מער נישט ווי!

דוד האָט אַ קוק געטאָן אויף מרימען ווי ער וואָלט געמאָנט ביי איר אַ קלאָרן ענטפער.

— כ'ווייס איצט אַליין נישט, — האָט מרים גערעדט אין דער לופט אַריין. — כ'האָב שוין היינט באַשטימט, אַז מען קאָן נישט נעמען דאָס קינד אין אַ פרעמדן אָרט אַזוי ווי זי איז איצט — —

— אפשר זאָל איך זי איצט נעמען צו אַ דאָקטער, פּשוט פון זיכער־קייט וועגן?

— כ'ווייס אַפילו נישט ווו דאָ געפינט זיך אַ דאָקטער. מע וועט מוזן וואַרטן ביז די פאַרמערין וועט צוריקקומען, כ'וועל זיך נאָכפרעגן ביי איר.

דינהלע האָט זיך צעוויינט.

— וואָס ווייִנסטו, קינד? איך בין דאָך געקומען דיר געבן אַ „גוד־טיים”.

— יעס, באָט, איך וויל נישט גיין צום דאָקטער!

דוד האָט אַ ווײַלע נאָכגעטראַכט.

— די לאַגע איז אַזאַ, — האָט ער אָנגעהויבן רעדן ווי מע רעדט צו אַ מענטש אין געדאַנק, נישט צו איינעם, וואָס שטייט פאַר די אויגן. — קיין טעלעפאָן איז דאָ נישטאָ און אים וועט נישט זיין אָנגענעם ווידער אַהער קומען... זי פאַרשטייט עס דאָך... דאָס קינד זעט נישט אויס צו זיין ערנסט קראַנק. דעריבער מיינט ער, אַז דאָס גלייכסטע איז טאַקע, אַז

דינהלע זאָל מיטפאָרן מיט אים, נאָר אין דעם איצטיקן פאַל וואָלט ער זיין זיכערער ווען זי, מרים, פאָרט מיט. דאָרט אין האָטעל וועט סיי ווי זיין באַקוועמער פאַר זיי אַלע דריי... דער פּלאַץ איז גרויס און קיינער קוקט קיינעם נישט נאָך... און מע זאָל עס נישט באַדאַרפן, געפינט זיך כמעט אַלע מאָל אַ דאָקטער צווישן די געסט. און טאָמער נישט — האָט ער די קאַר און מ׳קאָן זיך אַן עצה געבן. ווי מיינט זי, האָט ער רעכט, צי ניין?

— יאָ, ס׳קאָן זיין, אַז אַזוי איז בעסער אונטער די אומשטענדן...

— טאָ וואָס־זשע איז דאָ פאַראַן צו וואַרטן? זאָלן זיי זיך שוין מאַכן גרייט. ס׳וועט זיי דויערן לאַנג?

— ניין, נישט לאַנג. די וואַליזע איז איינגעפּאַקט נאָך פון פריער... זי וויל בלויז געבן דינהלען אָפּצועסן אַ ביסל איבערגעזייעטע רייז ס׳זאָל איר איינהאַלטן דעם מאָגן.

— ס׳האָט אויפגעהערט ווי טאָן, מאַ!

מרים האָט נישט אין גאַנצן געגלויבט דינהלען. אָבער זי האָט נישט געוואָלט זיך מער פּייניקן מיט פראַגעס אַהער אָדער אַהין — און סיי ווי, ווען דינהלע איז נישט געזונט איז גוט צו האָבן אַרום זיך דודן מיט דער קאַר. ס׳גיט איר, מרימען, אַ געפיל פון זיכערקייט.

ביים אָנטאָן זיך איז עפּעס אין איר נישט מסכים געווען מיט איר טואונג. נאָר זי האָט געטריבן פון זיך יעדן געדאַנק, וואָרעם אַזוי איז גרינגער. ס׳וועט זיין אָפּגעטאָן און פאַרפאַלן. זי קאָן זיך אַליין נישט אַריבערקליגלען און זי קאָן נישט זיין קיין איבערמענטש אויך...

דוד איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דער זייט פון קאַר. ער האָט געוואַרט אויף זיי ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַ שאָפער, אַ צופעליקער, פרעמדער, וואָס וועט זיי פירן פון איין אָרט אין אַ צווייטן. — ווען מרים איז אַרונטערגעקומען איז ער איר אַנטקעגן געלאָפן נעמען די וואַליזע פון איר האַנט. יאָ, דאָס איז די אייגענע וואַליזע וואָס ער פלעגט אַלע מאָל פאַר איר טראָגן. אויף אַ רגע איז ער ווידער אַריין אין דער ראָלע פון איר מאַן. אָדער אפשר מאַכט ער דאָס זיך אַליין נאָך?... ער איז געוואָרן

רויט אין פּנים. מיט אַ מאָל איז אים געוואָרן קלאָר, אַז די אַלע יאָרן מיט מרימען האָט ער עמעצן נאָכגעמאַכט...

זיי האָבן אויסגעמיטן איינער דעם אַנדערנס בליק. נאָר דינהלע איז געווען פריידיק. זי איז די ערשטע אַריינגעשפּרונגען אין קאַר.

אין מיטן איז אָנגעקומען די פּאַרמערין מיט די צווי שיקסעלעך. זיי האָבן אַלע געטראָגן קוישן מיט גרינס. דינהלע האָט אַרויסגעשריגן מיט שמחה: „היר איז מאַי דעדי!"

מערי און ען האָבן נישט געקענט אַוועקרייסן די אויגן פון דער שוואַרצער גלאַנציקער קאַר. דער גאַנצער מעכאַניזם פון דער פּאָרנעמער מאַשין האָט זיי געהאַלטן געשפּאַנט און שווייגעוודיק. די פּאַרמערין האָט צוגעוואָרפן אַ נייגעריקן בליק. מרים האָט זי שוין געהאַט צוגעגרייט, אַז זי וועט אפשר אַוועקפאָרן אויף אַ וואָך אין דעם גרויסן האָטעל ביים לייק. איצט האָט מרים אַ רוף געטאָן פון קאַר אַרויס: — „מיסעס בראַון, מיט מר. איידלבערג..." זי האָט שוין נישט באַדאַרפט צוגעבן: „מיין מאַן" — דינהלע האָט שוין געזאָגט „מאַי דעדי" און האָט עס איר פאַרשפּאָרט...

דער פּאַרמערינס אויגן זענען געוואָרן גרעסער און דורכדרינגענדיק, און עפּעס ווי אומבאַוועגלעך. מרימען האָבן די אויגן געוויזן, אַז די פּאַר־מערין פאַרגלייכט דודן מיט דעם, וואָס איז דאָ ביי איר געווען צו גאַסט פון ניו־יאָרק...

דודן איז געוואָרן אומבאַקוועם פון דער פּאַרמערינס פאַרגליווערטן בליק. ער האָט געטאָן אַ דריק אויף דעם גאַז און די קאַר האָט אָנגעהויבן זידן. מרים האָט נאָך באַוויזן אויפקלערן דער פּאַרמערין, אַז דינהלע פילט זיך שוין בעסער.

די קאַר האָט אַ בריקע געטאָן מיט די הינטערשטע רעדער, אַרויס־געבלאָזן פון אונטער זיך אַ וואָלקן פּאַרע און פאַרקערעוועט צום אָפּע־נעם וועג.

.3

מרים האָט אַרויסגעקוקט פון קאַר־פענצטערל און געשוויגן. די הויכע בערג, געקייטלט איינס אין אַנדערן זענען צוריקגעלאָפן צו דער פאַרם

און איר אַנטקעגן איז אָנגעלאָפן דאָס פלאַכלאַנד. די קאַר, יאָגנדיק, האָט ווי איינגעשלונגען וועלכע צוואַנציק מייל און מיט אַ מאָל האָט זיך אַ שפּיגל געטאָן פאַר די אויגן דער גרויסער, אָוואַל־רונדיקער לעיק. דוד האָט אַ געניטן דריי געטאָן מיט דער קאַר און האָט זי אָפּגעשטעלט ביי אַ ווייסער פאַנאַנדערגעשפּרייטער געביידע.

די ראָלן האָבן זיך געביטן: דוד איז אַרויס פון קאַר מעשה באַלע־באָס און מרים איז געבליבן זיצן פרעמד צום גאַנצן ענין, איינגעטוליעט אין זיך טאַקע ווי זי וואָלט דאָ זיין נישט מער ווי אַ גובערנאַנטקע צום קינד...

דער האָטעל־ווירט איז דודן אַנטקעגן געקומען מיט אַ גרייטן שמייכל. דוד האָט זיך עפּעס ווי׳ פאַרענטפערט:

— ער האָט באַשטעלט איין צימער פאַר אים מיט זיין טעכטערל — ער איז נישט געווען זיכער, אויב זיין פרוי וועט קענען מיטקומען — זי איז אָבער מיטגעקומען און איצט דאַרפן זיי צוויי צימערן. — מיט אַ מאָל האָט דוד זיך געווישט דעם שווייס פון פּנים.

דער האָטעל־ווירט האָט באַהאַלטן זיין חכמה אין די קנייטשן אַרום זיינע טונקעלע אויגן. דער האָטעל איז טאַקע אַ נייער, אָבער ער איז אַן אַלטער האָטעלווירט און ער ווייזט נישט אַרויס קיין שום נייגיר וועגן די געסט וואָס קומען אין זיין האָטעל. ער האָט נאָר באַדויערט, וואָס ער האָט גראָד איצט נישט קיין צוויי צימערן, וועלכע פאַרבינדן זיך — די צימערן וואָס ער קאָן אים איצט געבן זענען באַזונדערע, איינס קעגן אַנ־דערן איבערן קאָרידאָר.

— נו, מילא. — האָט דוד געזאָגט. — ער האָט ליב דעם לעיק און וועט נישט פאַרן זוכן ערגעץ אַנדערש. — און דוד האָט זיך ווידער געווישט דעם שווייס פון פּנים.

שפּעטער זענען זיי אַרויף אין זייערע צימערן און יעדער האָט פאַר־מאַכט נאָך זיך די טיר. ס׳קאָן זיין, אַז דוד וואָלט קיין מאָל דעם שוועל פון מרימס צימער נישט אַריבערגעטראָטן, אָבער דינהלע האָט נאָך דעם זעלביקן טאָג געקראָגן היץ און דוד איז שוין דאָרט געשטאַנען מיטן דאָקטער, און דוד איז שוין דאָרט געווען מיט דער מעדיצין וואָס ער

האָט געבראַכט פון אַפּטייק. ער איז אויך געבליבן זיצן מיט דינהלען, בעת מרים איז אַראָפּ אין עסזאַל צו די מאָלצייטן.

אויפן דריטן טאָג האָט זיך שוין דינהלע געשפּילט מיט איר טאָטן אויפן גרויסן לעיק. מרים האָט ביי זיך אין צימער געשריבן ניעזשינערן אַ בריוול. זי האָט אים געהאַט געשריבן דעם ערשטן טאָג פון איר אַהערקומען. איצט האָט זי אים מודיע געווען, אַז דינהלע פילט זיך שוין בעסער. דינהלע האָט שוין אַפילו אַ חברטע דאָ, און זעט אויס, אַז דאָס קינד וועט דאָ גוט פאַרברענגען די רעשט פון דער וואָך. זי אַליין וועט עס איבערקומען. די וואָך וועט אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט... האָט ער דערהאַלטן אירע צוויי בריוו? האָט ער איר געשריבן אַהער אויפן נייעם אַדרעס? זי וואַרט מיט אומגעדולד אויף זיינס אַ בריוול.

אַרום־און־אַרום איז דאָס בריוול מרימס געווען קורץ, קאָרעקט, זאַכלעך און אַ ביסעלע טרוקן. גענומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס זי האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו איר אייגענער פאַרשעמטקייט, צו דער חרטה הלמאַי זי איז אַהער געקומען. נו, דאָס איז דאָך אָבער שוין פאַרפאַלן.

אויפן פערטן טאָג איז מרים מיטגעפאָרן מיט דודן און דינהלען אין שטעטל איינצוקויפן פאַרן קינד עטלעכע זאַכן. דוד איז געגאַנגען איבער די קראָמען און געצאָלט פאַר אַלץ מיט דערברייטער האַנט. ער האָט אויסגעזען רחמנותדיק־גליקלעך... האָט ער זיך ווידער צו איר געשדכנט? האָט זי אים דערמוטיקט מיט איר אַהערקומען? מיט איר האַלטן זיך? אָט האָט זי דעם אייגענעם פרימאָרגן זיך געלאָזן מיטציען פון דינהלען אין שיפל אַריין און זיך מיטגעשיפלט מיט זיי ביידן איבערן גלאַטן לעיק. דודס איינזאַמקייט האָט זי פלוצים גערירט ביים האַרץ. אַז זיי בלייבן אַליין אויף אַ רגע האָט זי מורא, אַז זיין שטילקייט וועט אויפברעכן, ער וועט צופאַלן צו איר און זי וועט נישט אויסהאַלטן און וועט אויף אים רחמנות האָבן... זי אַליין האָט פאַרגעלייגט מ׳זאָל פאָרן אין שטעטל איינקויפן די זאַכן פאַר דינהלען. אַבי זיין אין שטענדיקער באַוועגונג, האָבן דינהלען צווישן זיך, נישט בלייבן אויג־אויף־אויג.

מיטאָגצייט, ווען זיי זענען צוריקגעקומען פון שיפלען זיך, האָט דער ווירט מרימען דערלאַנגט צוויי בריוו. דוד איז דערביי געשטאַנען. זיין

האָלדז און זיינע אַקסלען זענען געוואָרן שטייף. דער מיטאָג־גלאָק האָט פּונקט דעמאָלט געקלונגען און מרים האָט די בריוו, נישט געעפנטע, אַריינגעלייגט אין טאַש. אַ שטייפער איז דוד אַריין נאָך מרימען אין עס־זאַל און אַ שטייפער איז ער געזעסן ביים טיש. דינהלע איז געווען די איינציקע צווישן זיי וואָס האָט געגעסן געשמאַק. טאַקע ווי נאָך אַ קרענק. מרים האָט איר צוגעשאַרט דעם ביסן. דוד האָט געזאָגט דעם קעלנער, אַז די קאַווע איז קאַלט... פּלוצים איז זיין פּנים געוואָרן גרוי ווי עס וואָלט אים עפּעס פאַרשאַדט. און ער איז אַרויס פון טיש. ער איז געבליבן זיצן אויף דער וועראַנדע, די געעפנטע צייטונג איז געוואָרן די מחיצה צווישן אים און דעם אַרום.

דינהלע איז אַוועק זיך שפּילן מיט די קינדער ביי די הוידעלקעס און מרים איז אַרויף צו זיך אין צימער. זי האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. זי האָט געעפנט דעם טאַש און אַרויסגענומען די צוויי בריוו. פאַרגליכן די דאַטעס אויף די קאָנווערטן און געעפנט דאָס ערשטע בריוול. אַ בריוול, אויף אַ צעקנייטשט, צופעליק שטיקל פּאַפּיר, און די האַנטשריפט ניעזשינערס איז עפּעס דאָ געווען פאַרענדערט:

„— — זינט דיין בריוול מיט דיין נייעם אַדרעס, מיטן פאַרדרייטן נאָ־רישן נאָמען פון לעיק, בין איך אויס מענטש. כ׳האָב דיר פריער אָנגע־שריבן אַ בייזן, אומגעלומפּערטן בריוו, וואָס האָט אויסגעזען ווי יענע באַוועגונג מיינע, אַז אַט כאַפּ איך זיך אָן ביי דער לאַץ — דאָס באַרימטע כאַפּן זיך ביי דער לאַץ... כ׳האָב יענעם בריוו צעריסן און דערמיט זיך אַ ביסל באַרוּיקט. אָבער איך בין נאָך אַלץ אַזוי, אַז איך מוז נאָכאַנאַנד האַלטן אין איין חזרן: „בי אַ מען”. דזשוקאַ מיינע! כ׳אַרבעט היינט נישט, שלאָף איך דעם גאַנצן טאָג ווייל מיר איז פּאַסקודנע. און דאָס וואָס דו לעבסט איבער מאַכט מיך אומרוּיק אויף טויט. און דאָ האָב איך פון דיר נעכטן נישט געהאַט קיין בריוו. זאָל איך נאָר וויסן וואָס מיט דיר איז! איך שרייב צו דיר רעגלמעסיק, נאָר יעדן מאָל וואָס איך דאַרף אָנשרייבן דיין נייעם אַדרעס — ווערט מיר — נו, פאַרשטייסט — כאָטש כ׳וויס אַז ס׳איז נאַריש פון מיין זייט... כ׳וועל גיין אַריינוואַרפן דעם

בריוו און ווידער שלאָפן. פון אַזאַ הילפלאָזיקייט ווילט זיך מיר גאָרנישט טאָן. מאָרגן, אויב פון דיר וועט נישט זיין קיין בריוו, וועל איך זיין אומ־גליקלעך, מיר טוט ווי דער קאָפּ.

נו, זיי געזונט — —״

דאָס האַרץ מרימס האָט געקלאַפּט גיך גיך, און דאָס לינקע אויער האָט איר געפלאַמט ווי פון אַ פּאַטש. זי איז צוגעפאַלן צום צווייטן בריוו דאָרט זוכן באַרויקונג. אָבער שוין די זעלבע פאַרענדערטע האַנטשריפט זיינע אין צווייטן בריוו האָט זי געמאַכט אומרויק. די אויגן אירע זענען געלאָפן איבער די שורות:

„... מיט מיר רעכן זיך נישט. איך בין „קרענקי״ בין אויפגערעגט און אין אַזאַ לאַגע בין איך, אַז איך זע אויס ווי יענער, וואָס דרייט זיך אַרום אויף אַ פרעמדער חתונה — דרייט זיך אַרום ווי אַ — — אין ראַסל... פאַר דיר שעם איך זיך נישט. אַט אַקוראַט אַזוי פיל איך און זע אויס אין מיינע אייגענע אויגן, צעטומלט פון אויפרעגונגען. ווען דו וואָלסט זיין אין שטאָט וואָלט איך, אַט אַזאַ ווי איצט, שוין זיכער די גאַנצע לעצטע נאַכט געשטאַנען הינטער דיין פענצטער, און אַזוי בין איך געגאַנגען שלאָפן 9 אַזייגער — אַן אַפּאַטישער, און בין נישט גע־שלאָפן.

וואָס איז? כ׳ווייס נישט. נאָר כ׳בין גערעכט און איך ווייס נישט ווו און ווייס נישט ווי. כ׳ווייס אָבער, אַז ס׳איז נאַריש מיין צושטיין צו דיר מיט בייזקייט, מיט אויפרעגונג, אָבער איך מוז, אַז נישט קאָן איך צו דיר נישט שרייבן אין אַזאַ צושטאַנד ווי איך בין איצט. פאַלש קאָן איך נישט זיין. אַזוי פיל איך די גאַנצע צייט וואָס דו ביסט דאָרטן אויף דיין נייעם אַדרעס — איצט? נו, מיר איז נישט גוט. איך בין אין עפּעס גערעכט און מיין רעכט איז פ אַ ר ל ע צ ט, בונטעווע איך. איך ווייס, אַז דיר איז אויך נישט גוט, נאָר איך פאַרזע דאָס פאַר מיין פ אַ ר ל ע צ ט ן רעכט. דו ביסט דאָך ווי דו ביסט — נו, איז נו! אַך, און דיין קלוגער, געמאָס־טענער, אין יעדן אויסדרוק — מיט דער איבערגעקערטער מאַרקע — דיין בריוו! ווי נישט גוט מיר איז! איז וואָס טוט מען? נישט שרייבן

דיר מער קיין בריוו? נעמען דאָס אָנגעשריבענע, צערייסן? אַרויסלויפן פון הערשעלעס שטוב איצט? — ס׳רעגנט, דזשוקאַ, איך בין איצט קראַנק, כ׳האָב פיבער — —"

מרימס אויגן זענען געוואָרן פאַרהאַנגען מיט אַ נעפל פון טרערן. די ליפּן אירע האָבן געצוקט, גאָט אין הימל! אויף דעם האָט זי זיך ווידער נישט געריכט. אַזוינס האָט זי נישט פאָרויסגעזען. זי האָט נישט דערוואַרט, אַז ער וועט רעאַגירן אויף דער גאַנצער זאַך אַזוי־אַ; ווי אַנדערש ער איז פון יעדן אַנדערן וואָס זי קען! ווי אכזריותדיק ער איז צו זיך און צו זיין נאָענטסטן פאַרן אמת... און ער איז דאָך גערעכט, נישט זי... זי האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פון אַן אומאַנגענעמער לאַגע דאָרט, אויף דער פאַרם, און דערלויבט דודן, ער זאָל זיין איר באַשיצער... דערמיט האָט זי געטאָן אַן עוולה אויך דודן.

מרים האָט אויסגעווישט די אויגן און זיך געזעצט שרייבן ניעזשינערן אַ בריוו. מיט דעם בריוו האָט זי געוואָלט אים באַרויִקן, זיך פאַרענטפערן, אַז זי האָט שטאַרק חרטה אויף דער גאַנצער זאַך... די צרה מיט איר איז, וואָס עס פעלט איר דער געהעריקער מוט וואָס די לאַגע אירע פאָדערט. ס׳איז אַ שטענדיקער גיין קעגן שטראָם און אָפט מאָל איז זי אַזוי מיד און איר ווילט זיך אויסקלויבן דעם גרינגערן וועג... איר ווילט זיך באַהאַלטן פון דער האַרטער ווירקלעכקייט... אָט אַפילו איצט, זי ווייסט, אַז זי וואָלט די מינוט באַדאַרפט אַוועק פון דעם האָטעל און אויפהערן שפּילן די ראָלע פון דודס ווייב פאַר זייטיקע אויגן. אָבער ווי אַזוי קאָן זי דאָס טאָן? זי קאָן דאָ נישט איבערלאָזן דינהלען און זי קאָן נישט אַוועקנעמען דינהלען איבער געוואַלד. זי וואָלט באַדאַרפט זיין אַן איבערמענטש אָדער אַ פערפעקטער עגאָאיסט און זי איז ביידע זאַכן נישט. דאָס גרינגסטע פאַר איר וואָלט געווען פשוט — שטאַרבן... טאָ זאָל ער נישט מיינען, אַז איר איז דאָ גוט, איר איז זייער נישט גוט. זי האָט געמיינט, אַז זי קלייבט אויס דאָס גרינגסטע פאַר זיך, אָבער זי האָט גאָר אויסגעקליבן דאָס שווערסטע שוין דערמיט, וואָס זי פילט זיך איצט שולדיק סיי אַנטקעגן אים, סיי אַנטקעגן דודן. זי ציילט די טעג און בעט גאָט, אַז די וואָך זאָל

שוין וואָס גיכער אָוועק. לעצטע נאַכט האָט זי געהאַט אַ מאָדנעם חלום, ס׳האָט זיך איר געחלומט, אַז זי איז געוואָרן אַן אַלמנה און — זי ווייסט נישט נאָך וועמען...

אָנגעשריבן אויף גיך דאָס בריוול מיט צעקלעקטע אותיות פון אַן אַראָפּגעפאַלענער טרער, האָט זיך מרים געלאָזן גיין צום בריווקעסטל אַריינוואַרפן דעם בריוו. זי איז געגאַנגען דורך אַ זייטיקן וועג אויסצומיידן דודן און דינהלען. אויפן וועג צוריק האָט זי זיך דערזען ביים ברעג־וואַלד, וואָס נעמט אַרום דעם לעיק. ס׳האָט זי אַ צי געטאָן צו די פינצטערע שאָטנס פון וואַלד, און זי האָט זיך אַראָפּגעשלאָגן פון אויסגעטראָטענעם שטעג... זי איז נאָכגעגאַנגען דעם צוויטשער פון אַ פויגל. די טונקעלע טיפקייט פון וואַלד האָט זי סיי געצויגן, סיי געשראָקן. אָבער זי איז געגאַנגען טיפער. וואָס האָט זי געזוכט? זיך אויסשווייגן אין דעם רוח הקודש פון דער שטילקייט? געפינען אַן ענטפער צו די רעטענישן, וואָס רינגלען זי אַרום? אָדער גלאַט אַנטרינען ערגעץ? — — מיט אַ מאָל איז זי געבליבן שטיין. זי האָט פאַרנומען אַ שעפּטשעריי — — אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ בוים — אין טיפן גראָז אונטערן בוים איז געלעגן אַ צונויפגעקנוילט פּאָרל פאַרטאָן אין אייגענער ראַנגלעניש ווי זיי וואָלטן וועלן איינער דעם אַנדערן פאַרטיליקן אָדער זיך צונויפגיסן און ווערן איינס? די צוויי קעפּ, פיר פיס, די אויפגעדעקטע לענדן פון דער פרוי, פון דעם מאַן — ווייסן נישט, אַז זי, מרים, איז דאָ געבליבן שטיין מיט דער האַנט אויפן מויל זי זאָל נישט אַ געשריי טאָן פון שרעק — — — פאַר וואָס שרעק? זי ווייסט דאָך, אַז דאָס איז אַ פּאָרל פון האָטעל — פאַר וואָס האָט זי אַרומגענומען די שרעק פון טויט, פון געוואַלט — — פון באַשאַף... אַן אומפאַרשטענדלעך געפיל האָט זי אַ שטופּ געטאָן. זי האָט זיך אַ טראָג געטאָן פייל אויסן בויגן. זי איז געלאָפן ביז זי האָט זיך דערזען אין שפּיגל פון דער גרויסער אָזערע — — זי איז געבליבן שטיין ביים לעיק. דאָס פּנים אירס האָט געפלאַמט, דאָס האַרץ האָט געהאַמערט: — ווי פאַרקנוילט, ווי מוראדיק איז דער סוד פון לעבן... זי האָט געוואָלט וויינען.

די אָזערע איז געלעגן טיף, רויִק, געצאַמט. די הויכע זון האָט זיך

געשפּיגלט אויף דער סאַמעטענער אויבערפלאַך פון וואַסער, אָבער די טיף איז פאַרבליבן פינצטער און סודותפול...

מרים איז געשטאַנען אויף אַן איבערגעבויגענעם שטיין, וואָס איז געהאַנגען איבער דער אָזערע. פון דער ווייטנס האָט זי געזען שיפלעך זיך שיפלען. אַ מאַן האָט געשניטן ס׳וואַסער מיט די וויאַסלעס, אַ פרוי האָט געפירט איר האַנט איבער דער פלאַך פון וואַסער. נעכטן איז זי אויך אַזוי געזעסן אין שיפל, ווען דינהלע האָט זי מיטגעצויגן מיט זיך. דוד האָט גערודערט און זי האָט פונקט אַזוי געפירט איר האַנט איבער דעם פלאַך פון וואַסער. זי האָט גאָרנישט געפילט, נישט קיין פרייד, נישט קיין צער...

זי האָט אַוועקגענומען די אויגן פון ווייטן שיפל און ווידער דערזען איר אייגן געשטאַלט זיך שפּיגלען אין טיפן וואַסער — סודותדיק, ציטער־ריק־פרעמד... ס׳האָט זי אַ צי געטאָן צום גרונט פון דער אָזערע. זי וואָלט געקאָנט זיך אַראָפּלאָזן אַהין שטיל, אָן דעם מינדסטן גערויש און — זי איז אויס... רו, אייביקע רו...

זי האָט זיך אַ וויג געטאָן און מיט שרעק פאַרהאַלטן איר גלייכגע־וויכט, דערביי זיך ווי אַרויסגעשלאָגן פון איר פאַרטראָגנקייט. דערזען, אַז זי איז דאָ, אויפן שטיין, און נישט דאָרט אונטן — — האָט זי פּלוצים אַרומגע־כאַפּט יענע פרייד, וואָס איז באַקאַנט די, וועלכע האָבן אַ בליק געטאָן דעם טויט אין פּנים און באַוויזן זיך אָפּצוטראָגן פון אים... עפּעס פון איר איז אַפּנים דאָך אַראָפּ צו דעם גרונט פון דער אָזערע, זי האָט זיך מיט אַ מאָל דערפילט גרינגער אין געמיט, גרינגער אין די טריט — — זי איז געגאַנגען צוריק צום האָטעל מיטן אויסגעטראָטענעם וועג און אין מיטן האָט זיך איר אַ זינג געטאָן (פאַר איר אַליין איז דאָס איבערגיין פון איין געמיט אין צווייטן נישט געווען קיין נייעס. נאָר ניעזשינער האָט נישט איין מאָל געשטוינט זעענדיק ווי זי טוט אַ שפּרונג אַריבער פון מרה־שחורה אין פריילעכקייט אַריין. ער שמייכלט דעמאָלט אויף איר חשבון, אָבער זי איז אים דווקא געפעלן אַזאַ...) זי האָט אַ זינג געטאָן און איר קול האָט זי אַ לאַשטשע גע־טאָן, האָט איר אַלע אירע נאַרישע טאַוונגען מוחל געווען ווי קיינער וואָלט עס איר נישט מוחל געווען... איצט קאָן זי ווי אין טאַנץ אַריבערשוועבן

אַלע אירע דאגות. ס׳איז באמת נישטאָ צוליב וואָס צו זיין אַזוי דערדריקט. דער טאָג איז ליכטיק, יונג און דער הימל האָט נאָך נישט קיין קנייטשעלע אויפן פּנים...

דעם אייגענעם טאָג האָט מרים געשריבן ניעזשינערן אַ צווייט בריוול. געשריבן דווקא אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר מיטן אָפּגעדרוקטן נאָמען פון האָטעל און לעיק, וואָס ניעזשינער האָט אַזוי פיינט... דאָס איצטיקע בריוועלע איז געווען לייכט אין טאָן, כמעט שטיפעריש. זי האָט אים דערציילט פון איר שפּאַציר אין וואַלד — — — איר שטיין איבערגעבויגן איבער דער אָזערע — — — ער ווייסט דאָך, אַז זי קען נישט שווימען...

אָבער ער קען שוין זיין רויִק. עפּעס איז זי מיט אַ מאָל צופרידן צו זיין דאָ, נישט דאָרט, אויפן גרונט פון דער אָזערע... סיי ווי, פון מאָרגן אין צוויי טעג אַרום, וועט זי שוין זיין צוריק אויף דער פאַרם און זאָל אַפילו ווידער אָנקומען אויף איר אַזאַ שטימונג, איז דאָרט נישטאָ קיין אָזערעס... אַ צווייט מאָל וועט זי מוזן אַ טראַכט טאָן וועגן סמען זיך... וואָס זאָגט ער וועגן סמען זיך? איז דאָס אַ שיינער טויט? — — ס׳איז שיין צו שטאַרבן יונג...

האַלב שטיפעריש, מיט אַ באַהאַלטענעם טרויערל איז אַוועק איר לעצט בריוול פון האָטעל צו ניעזשינערן. אוודאי, דער געדאַנק אַז זי איז שוין באַלד איבערגעקומען די וואָך אין האָטעל, אַז לויט זיינע אייגענע רייד וועט דוד מער דעם זומער נישט קומען באַזוכן דינהלען, האָט געהאַט אַ שייכות צו איר פלוצימדיקער מונטערקייט.

דוד האָט די לעצטע טעג זיך געהאַלטן מיט מרימען שטייפלעך. אויב ס׳האָט זיך אים די ערשטע עטלעכע טעג, בעת זיי זענען ביידע אַרומגעהאַנגען אַרום דינהלען, געקענט דאַכטן, אַז צווישן זיי קען ווידער קומען צו אַ דערנענטערונג, שעמט ער זיך איצט, וואָס ס׳האָט זיך אים אַזוינס געקענט דאַכטן. ניעזשינערס בריוו, וואָס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען צו מרימען יעדן טאָג, האָבן פאַרטריבן פון אים יעדן געדאַנק וועגן אַזאַ מעגלעכקייט. די בריוו האָבן אַרומגערינגלט מרימען ווי אַ מין וואַנט־וואַנט... נאָר סיי ווי אים אַרט עס נישט מער. אים אַרט אויך נישט, וואָס מרים האָט אויפגעהערט מיטגיין מיט אים פאַרווילן דינהלען. ער נעמט דינהלען

און זיי פאָרן דאָ צו צו אַ פאַרם ווו מ׳לערנט רייטן אויף פערד. דינהלע האָט ליב אַרויפצוזעצן זיך אויף אַ לאָשעקל און רייטן. דאָס קינד האָט אין זיך נישט קיין טראָפּן מורא.

ווען מרים בלייבט אַליין אין האָטעל, טשאַטעוועט זי די רגע ווען ס׳קומט אָן די פּאָסט. די בריוו צו איר קומען איצט אָן רעגלמעסיק, יעדן טאָג, ווי אַ פויגל מיט אַ ברעקל אין איר שנאָבל. פליט מרים מיטן בריוועלע צו זיך אין צימער און זי לייענט:

„... אַט אַזוי מיידעלע, מאַטערסט זיך דאָרט? נו, אַביסעלע שאַדט נישט. וועסט דערפילן מיך... אַך, און איך בין אומרויִק פאַר דיר אויף אַלע וועגן. אומרויִק פאַר די בייזע בריוו, וואָס איך שיק דיר אַוועק און בעט גאָט דו זאָלסט זיי נישט קריגן. קענסט דאָך מיך!

נו, וואָס? אַט וועל איך נישט אַרבעטן. וועל זיין פריי פון פרייטיק ביז מאָנטיק און מיך ציט שטאַרק פאָרן צו דיר אויף דער פאַרם, קאָן מען? זאָל איך? שרייב באַלד.

ביז לעצטער וואָך האָב איך זיך געפילט געזונט און רויִק. היינט שוין נישט. כ׳האָב אין איינע פאַר טעג פאַרלוירן אַלץ וואָס כ׳האָב פריער געוווּנען אין רו און אין פליישן, לאָך נישט. איך בין אַזש פעט געוואָרן. איצט — אַך, אלמנהלע מיינע! מיר מוזן רחמנות האָבן איינער אויפן צווייטן, ווייל ביידע זענען מיר געקריוודעטע און אָנגערירט פון שווערן לעבן. האָסט אויף מיר רחמנות? — איך האָב. און ס׳איז גוט און שיין אויך.

נו, אַ קוש דיר אין דיין נעזל, אין ווייסינקן ביינדל, אַ קוש אין שפּיץ שיכל — לאָזט נישט! לאָז...

שרייב לענגערע בריוו. איך בעט, פּראָשו! — — —".

**4.**

דעם לעצטן טאָג אין האָטעל האָט זיך מרים אויפגעוועקט גאַנץ פרי. די וואַליזע איז שוין פאַרפּאַקט, אָבער ס׳זענען נאָך פאַרבליבן דינהלעס זאַכן. אָהער האָט זי געבראַכט ווינציק און צוריק פירט זי אַ סך. דאָס זענען אַלץ צאַצקעס, שפּילצייג, וואָס דוד האָט איינגעקויפט פאַר דינהלען

דורך דער וואָך. נעכטן האָט דינהלע אָפּגעטאָן אַ שטיפעריי: זי האָט איין שיכל אירס אַוועקגעלאָזן שווימען איבערן לעיק. דאָס שיכל איז מער נישט געקומען צוריק... זי, מרים, איז דערביי נישט געווען. דאָס קינד איז געווען מיטן טאַטן. נו, פאַרפאַלן. דינהלע האָט מסתמא דאָ עפּעס געלערנט. אָבער מ׳מוז באַלד נאָך פרישטיק צופאָרן אין שטעטל קויפן דינהלען אַנדערע שיכלעך. זי, מרים, וועט מוזן מיטפאָרן, וואָרעם מ׳דאַרף אַכטונג געבן ס׳זאָל זיין די ריכטיקע מאָס און דאָס ריכטיקע שיכל פאַרן קינד. דוד ווייסט גאָרנישט וועגן די זאַכן. ער האָט זיך קיין מאָל נישט אָפּגעגעבן מיט דעם.

אין דעם קליין־שטעטלדיקן גרויסן געוועלב, ווו מ׳קריגט צו קויפן פון דזשעגעכץ ביז ליאַלקעס. ביז אַ ראָד צום וואָגן, איז דינהלע אַרומגעלאָפן און אויף אַלץ אָנגעוויזן מיטן פינגער. נאָך אַ ליאַלקע, נאָך אַ צאַצקע. דוד האָט איר נאָכגעגעבן. מרימען איז נישט באַקוועם געווען אַלע מאָל זיך אַריינמישן. דינהלע האָט אינסטינקטיוו דערפילט, אַז זי קען אַלץ אויספירן און האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט. זי איז פאַר דער וואָך געוואָרן צעבאַלעוועט, אַפילו קאַפּריזנע.

אויפן וועג צוריק האָט זיך דינהלע דערמאָנט, אַז דער פּאַפּאַ האָט איר צוגעזאָגט צו ווייזן דעם העכסטן באַרג און ער האָט נישט געהאַלטן זיין צוזאָג...

דוד האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגער: — ס׳איז נאָך צייט.

מרים האָט געשוויגן. זי וויל נישט ווידער זאָגן ניין, ווען דינהלע זאָגט יאָ...

דוד האָט פאַרקערעוועט די קאַר און דערביי געזאָגט, אַז ער לייגט נאָר אָן עטלעכע מייל אויפן וועג צוריק צום האָטעל. די קאַר איז געגאַנגעז באַרג אַרויף און פאַרן אויג האָט זיך געעפנט די פּאַנאָראַמע פון גאַנץ סאָליוואַן און אָלסטער קאַונטי מיט די בערג און טאָלן אָנגעגאָסענע מיט ווייסע, שווימענדיקע נעפּלען. און די קאַר שרויפט זיך אַרויף אַלץ העכער, העכער, באַרג אַרויף. דינהלע איז צופרידן. אַ שטילקייט האָט געהויערט צווישן אַלע דריי. ווי גוט עס איז, וואָס עס איז שוין דער לעצטער טאָג, האָט מרים געטראַכט פאַר זיך. דאָס אייגענע האָט אפשר אויך געטראַכט

דוד. ער האָט געטריבן די קאַר 60—70 מייל אַ שעה. דער וועג איז געווען אַ שמאָלער, איינגעשניטן אין זייט פון הויכן באַרג. די קאַר האָט צו יעדער רגע געקאַנט זיך אַ גליטש טאָן, געקאַנט אַראָפּ פון משופּהדיקן באַרג אין טיפן אַפּרונט. אָבער אַלע דריי האָבן דערוועגן נישט געטראַכט. זיינען געווען מאָדנע רויִק. נאָר ווען דוד האָט מיט אימפּעט אַ דריי געטאָן די קאַר ביים אויסבויג פון באַרג, האָט דינהלע אַ פריידיקן קוויטשע געטאָן, וואָס איר טאַטע קאָן באַווייזן אַזאַ קונץ...

מען איז אָנגעקומען בשלום אין האָטעל. דוד האָט אַרויפגעטראָגן דינהלעס איינגעקויפטע צאַצקעס צו איר אין צימער און מרים איז אַוועק זיך נאָכפרעגן וועגן דער פּאָסט. דער ווירט האָט איר אָנטקעגן געטראָגן עטלעכע בריוו. נאָר איין בריוו איז דאָ געווען פאַר איר, די אַנדערע זיינען געווען פאַר דודן. צווישן די בריוו צו דודן האָט מרים באַמערקט אַן אומ־באַקאַנטן פרויען־נאָמען אויפן צוריק־אַדרעס. זי האָט זיך געכאַפּט, אַז זי קוקט מיט נייגיר אויף דעם נאָמען, — — ס׳וואָלט געווען מאָדנע ווען דוד זעט עס...

דער מיטאָג־גלאָק האָט געקלונגען און מרים האָט זיך פאַרנומען צום עסזאַל אַפּוואַרטן דודן מיט דינהלען. זי האָט אים דערלאַנגט די בריוו און געזען ווי דער בריוו אויף וועלכן זי האָט פריער געקוקט מיט נייגיר, האָט ער אָפּגעטיילט פון די אַנדערע, אריינגעלייגט אין וועסטל־קעשענע נישט קיין געעפנטן, אפנים אויף צו לייענען שפּעטער... די אַנדערע בריוו האָט ער געעפנט און געלייענט גייענדיק. איצט האָט זיך מרים דערפילט מיט אים גלייך אויף גלייך. אַ גלייכע פרעמדקייט איז געשטאַנען צווישן זיי. דינהלע טראָגט אָבערביידנס שמייכל — האָט זיך מרים אַ זאָג גע־טאָן — און אין יאָרן און יאָרן אַרום וועט זייערס אַן אייניקל נאָך אַלץ טראָגן זייער ביידנס שמייכל — — מאָדנע...

דוד האָט צוגערוקט פאַר מרימען דעם שטול אַזוי ווי זי איז געווען פאַרטראַכט און נישט געזען וווּ זי זעצט זיך.

דער לעצטער מאָלצייט זייערער דאָ אין האָטעל איז אַדורך כמעט אַ פריילעכער. די טעלער, גאָפּל, לעפל, האָבן געקלונגען מיט לעצטער קלאַר־

קייט. דוד האָט זיך געוווישט דאָס מויל מיט דער סערוועטקע, ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, מ׳דאַרף זיך גיין פּאַקן אין וועג.

— — — — — — — — — — — — — — — —

איין ווילינקע איז מרימס בליק געהאָנגען אין דער לופטן. זי האָט זיך געפרעגט: צי איז זי נישט אויף אַ סך יאָרן עלטער געוואָרן אין דעם קנאַפּן יאָר, וואָס זי איז מיט ניעזשינערן? צי האָט ער נישט אַ קערעווע געטאָן איר גורל אין אַן אַנדער ריכטונג — — געגעבן אירע גדאַנקען אַן אַנדער ווענדונג? אַן אים, וואָס וואָלט זי איצט געפילט, געטראַכט? — — צוליב וואָס וואָלט זי געלעבט? — —

איין ווילינקע און דער בליק אירער איז צוריקגעקומען צו דער שורה אינעם אָפענעם בריוול. ניין, זי מוז אַנהייבן פון דאָס ניי, פון סאַמע אָנהייב. זי שמייכלט שוין פון דער ערשטער שורה זיינער. דאָס איז אַן ענטפער אויף איר האַלב־שטיפערישן, האַלב טרויעריקן בריוועלע. (דאָ קומט די פּאַסט אַ סך גיכער ווי דאָרט, אויף דער פּאָרם).

„...דזשוקאַלע מיינע! מיינסט ס׳וואָלט נישט געווען אַ גוטער פּלאַן זאָלסט זיך סמען? איכל נאָך דיר שרייבן אַ רעקוויעם — אַ ליד, כ׳וועל באַזינגען דיין שיינעם, יונגן טויט. דאָס סמען זיך נישט דערמאָנען... פּע, נישט קיין שיינער טויט סמען זיך! מיידעלע, ווילסט דען שטאַרבן? ס׳אַ ליגן. געזויס. נו, טאָ לאָך. גוט. איך לאָך אויך.

„הער־זשע, דאַכט זיך, פון דעם קומענדיקן פרייטיק ביז מאָנטיק בין איך פריי פון דער אַרבעט, זאָל איך קומען? אַ!... רעכן אויס, וויפל געלט דאַרף איך? דזשוקאָ, זאָג דעם אמת, גלייכסט מיך? האָסט מיך ליב? און אַזוי שטאַרק, אַז דו קאָנסט דאָרטן, אין די כאַליעריעדיקע בערג אַ טאָג נישט זיין און רק דו בענקסט נאָך מיר, אַז אין אַלץ אַרום, אין די העכסטע בערג אַפילו זעסטו מיך, און אַפילו אינעם קליינעם בערגל, אויף וועלכן דו ביסט געשטאַנען מיט צונויפגעפּרעסטע הענט — אוי־וואָ! — זעסטו מיך — מוחל, מוחל, — ווו דיין קליין פּיסל — (און וועלכן נומער שיך? שיקן דיר שיך?) שטיי אויפן בערגל, נאָר שטעל נישט דיין פּיסל אויף מיר. אויף מיין אָרעמער פּאַטילניצע — ווו דו האָסט ליב דיין

הענטל, דיין נאַרישס אַריינרוקן אונטער מיין קאָלנער — מיידעלע מיינע, קוש מיך אָט־דאָ, ווו דיין הענטל האָט ליב פאַרקריכן — — דזשוקאָלע, סם זיך, דזשוקאָ, מיר ווייגט זיך איצט אַקוראַט אַזוי, פאַר גאָר נישט.

מיר ווילט זיך שרייבן אַ ליד וועגן אַ ווייסן פויגל, וואָס קומט ביינאַכט צו מיר און דערציילט מיר עפּעס מיינס, אייגנס, און לייגט זיך ביי מיין זייט שטאַרבן... וועט זיך איינגעבן, וועט זיין אַ גוט ליד. נו, אַ קוש אָט דאָ און אָט דאָ —

זיי געזונט — — —״

ס׳איז שוין געווען נאָך זונפאַרגאַנג ווען דוד האָט צוריקגעבראַכט מרימען מיט דינהלען אויף דער פאַרם. אַרויסגענומען פון קאַר די וואַליזע, דינהלעס פּעק מיט צאַצקעס, איז זיין ערשטער אימפּולס געווען, אַרויפּ־טראָגן עס אויבן, צו זיי אין צימער. ער האָט אָבער באַלד אָפּגעהאַלטן זיין טראָט. איבער זיין פּנים איז געהאַנגען אַ מינוט פון פאַרלעגנהייט — פּלוצים האָט ער אַ זאָג געטאָן: נו, ס׳ווערט שפּעט — — —

דינהלע איז אים אַ שפּרונג געטאָן אין די אָרעמס און ער האָט זיך עפּעס ווי געשעמט אַרויסווייזן איצט זיין ליבשאַפט צום קינד, ער איז גיך אַריין אין דער קאַר. מרים איז געשטאַנען מיט צענומענע ליפּן און נישט געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט אים צו זאָגן... די קאַר האָט זיך אַ קערעווע געטאָן, אַרויס פון הויף און ערשט איצט האָט זיך מרים דערמאָנט וואָס זי האָט אים געקאָנט זאָגן — — —

# קאַפּיטל 14

### 1.

ס'איז גוט צו ליגן אין האַמאַק אונטערן אַלטן, צעצווייגטן בוים. ליגן און צוהערן זיך צו דער שטילקייט, וואָס טריפט ווי וואַסער איבער דעם טאָליקן און באַרגיקן אַרום. די שטילקייט דאָ נעמט דיך אַרום, באָדט דיך אויס און טראָגט ערגעץ אַוועק דאָס פּסולת פון אַלע צעבויטשעטע נעכטנס דיינע און לאָזט דיך ריין און רויִק. אין דער איצטיקער, איינטאָניקער שטילקייט, וואָס נעמט אַרום די פאַרם, האָט מרים פּלוצים געפונען יענע רו, וואָס זי האָט פריער געמיינט, אַז זי קען זי דאָ נישט געפינען... די בריוו, וואָס קומען פון ניעזשינערן, זענען אויך געוואָרן איינגערויִקטע, שטילע, ווי די שטילקייט און די רו פון דאַנען וואָלט זיך אַריבערגעטראָגן צו אים קיין ניו יאָרק... ער האָט שוין אַפּנים פאַרגעסן די פאַרגאַנגענע וואָך ווען זי איז געווען דאָרט, מיט דודן אין האָטעל — ער שרייבט אין זיין קורצינקן בריוול:

„... אין שטאָט איז הייס, הייס. איך צייל די טעג ביז מיין קומען צו דיר. אָבער הערסט דאָך, מיין שרהלע איז געווען קראַנק. זי האָט געהאַט אַ געשוויר אין אַן אויער. דער דאָקטער האָט עס געעפנט און עס היילט זיך. זי שפּילט זיך שוין אויף דער גאַס. אָבער מיר איז פון דעם שווער דאָס האַרץ, און דאָ ווילט זיך מיר פאָרן צו דיר נאַשן גוטינקע זאַכן... נו, פאַרשטייסטו דאָך ווי מיר איז... אָבער סיי ווי וועל איך קומען סוף וואָך, מחמת מיר ווילט זיך שטאַרק גוטינקע זאַכן פון דיר...“

מרים האָט דעם אייגענעם טאָג אים געענטפערט אויף דעם בריוול:

„... קום, און ברענג אומבאַדינגט מיט זיך שרהלען. האָסט דען פאַרגעסן וואָס מיר האָבן דעמאָלט גערעדט? איך און דינהלע האָבן עס נישט פאַרגעסן. מיר רעדן דאָ יעדן טאָג וועגן דעם, אַז דו וועסט זי אַהער ברענגען, און דינהלע קוקט שוין אויף איר אַרויס. נאָך דער וואָך, וואָס זי האָט אָפּגעהוליעט אין דעם גרויסן האָטעל איז איר דאָ, אויף דער פאַרם, פּלוצים געוואָרן אומעטיק און זי ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט זיך דעם

גאַנצן טאָג. מיט די צוויי קליינע שיקסלעך וויל זי זיך מער נישט שפּילן. איך רעכן, אַז שרהלעס אַהערקומען וועט זיין פּונקט אין דער ריכטיקער צייט און ס׳וועט זיין גוט פאַר ביידע קינדער, און פאַר מיר וועט אויך זיין גוט אויפצופּאַסן אויף נאָך אַ קינד, כ׳וועל זיין מער פאַרנומען, וועט דער אומעט נישט האָבן איבער מיר קיין שליטה... און כ׳וועל זיין גוט צו שרהלען, אין דעם קאָנסטו זיין זיכער, כאָטש איך קאָן נישט פאַרויס וויסן מיינע געפילן... כ׳ווייס דאָך אויך נישט וועלכע געפילן דו האָסט צו דינהלען — אָבער דו ביסט אַלע מאָל גוט צו איר. נעמסט איר צד ווען איך בייזער זיך אָן אויף איר, און דאָ וויל איך זיין ענלעך צו דיר... אָפט מאָל דאַכט זיך מיר, אַז כ׳בין טאַקע ערגעץ ווו ענלעך צו דיר, אָבער מיט יענער ענלעכקייט, וואָס מ׳זעט אַמאָל צווישן צוויי געזיכטער, וואָס איינער איז באמת שיין, דער צווייטער — נישט אַזוי...

„אָט האָב איך זיך פאַררעדט און כ׳ווייס נישט צי כ׳האָב געזאָגט דאָס וואָס כ׳האָב טאַקע געוואָלט זאָגן. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך צעריסן דאָס אָנגעשריבענע און וואָלט עס פאַרביטן אויף עטלעכע זאַכלעכערע ווערטער. היינט — נישט. היינט ווילט זיך מיר רעדן. אַפילו פלאַפּלען, אַפּנים, ווייל כ׳האָב שוין לאַנג צו קיינעם נישט גערעדט — זיי מוחל״.

אַ בריוול גייט, אַ בריוול קומט, און די בריוולעך ווי די טעג, וואָס גייען און קומען, ווערן אַביסעלע קירצער... דאָס גראָז אונטער די טריט ווערט אָפּגעטראָטענער, געלער, איבער די אָפּגעשוירענע פעלדער קאָן איצט בלאָנדזשען דאָס אויג אין דער ווייט אַריין; נאָר מרים גייט איבערן פעלד און אירע אויגן זענען אַריינגעטאָן אינעם בריוול, וואָס זי האָט ערשט־אָ אַרויסגענומען פון בריוועקסטל: „... פאַר דיין איצטיקן בריוועלע, אַ דאַנק גאָט. דזשוקאָ, ווייסט, אַז דו ביסט אַ שיינע? ערשט איצט האָב איך עס דערזען! גלויבסט נישט? גלויב! ביסט שיין אָן בלאָפס און איך האָב דיך ליב אויך אָן בלאָפס. כ׳האָב מורא זאָגן דיר צופיל גוטע זאַכן, וועסט זיך איבערנעמען״...

„כ׳בענק נאָך דיר זייער. כ׳האָב אַזוי אַרויסגעקוקט אויף דעם שבת פאָרן צו דיר! אָבער כ׳וועל נישט קענען. שרהלע דאַרף נאָך זען דעם דאָקטער די וואָך. ערשט אין אַ שבת אַרום קום איך, און — מיט שרהלען.

גענוי וועלכע צייט ווייס איך נישט. ס׳וועגדט זיך... וואַרט דעריבער נישט אויף אונדז ביי דער באַן־סטאַנציע. כ׳האָב באַשטעלט פאַר זיך אַ צימער אין „סאַפּיס האָטעל״. וועל זיך דאָרט אָפּשטעלן, איבערלאָזן מיין „באַגאַזש״ און היידא צו דיר אויפן באַרג! אַך, אין אַ מינוט פון לייכטזין האָב איך זיך געקויפט אַ זומערדיקן אָנצוג, אַ העלן! אָבער כ׳וועל אים נישט אָנטאָן ביז כ׳וועל פאָרן צו דיר. האָסט מיך ליב? יאָ! און אָט קוש איך אַלע דיינע פינגערלעך — — —״

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין סאָבוויי אויפן וועג צו דער גרויסער ניו יאָרקער באַן־סטאַנציע, האָט ניעזשינער צוגעהאַלטן שרהלען ביים הענטל. ער איז געווען אויס־געפּוצט אין זיין בייעם, העל־זומערדיקן אָנצוג, וואָס ער האָט אָנגעטאָן צום ערשטן מאָל פאַר מרימען. געווייינטלעך, ווען ער טוט אָן אַ נייעם בגד, פאַלט ער אַריין אין אַ מין לירישער אויפגעהייטערטקייט. דעם מאָל איז ער אָבער געווען אויסגעטאָן פון זיך און אַריינגעטאָן אין שרהלען. שרהלע איז געזעסן ביי זיין זייט אַ פאַרשטילטע, אַביסעלע אַן איבערגעשראָקענע, וואָס זי פאָרט ערגעץ ווייט צום ערשטן מאָל אַליין מיטן טאַטן. הערשעלע האָט געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט מיט חנהן. חנה איז נישט געווען זיכער ביז דער לעצטער מינוט צי זי זאָל טאַקע לאָזן שרהלען מיטפאָרן מיט איר טאַטן ערגעץ ווו אין די בערג. הערשעלע האָט מיט איר לאַנג איינגעטענהט, דערוויזן איר, אַז די פרישע לופט אין די בערג איז שטאַרק נויטיק פאַר שרהלען און ער האָט זי אַרויסגענומען פון שטוב אַזוי ווי זי שטייט און גייט, און דער טאַטע האָט איר איינגעקויפט אַלץ נייע זאַכן און דאָ ליגט עס אַלץ אין דער נייער וואַליזקע.

די גרויסע באַן־סטאַציע האָט גערעשט און גערוישט מיט מענטשן. שרהלע האָט זיך געטוליעט צום טאַטן. אינעווייניק, אין דער באַן האָט דער טאַטע איר תיכף איינגעקויפט כל־המינים נאַשערייען, וואָס מע טראָגט דאָ אַרום צו פאַרקויפן. שרהלע האָט זיך דערצו נישט צוגערירט. די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט און שרהלע האָט זיך צוגעבויגן צום פענצטערל פאַרגאַפט פון אַלץ, וואָס זי זעט דאָרט. אָט איז שוין די באַן

אַרויס פון שטאָט און אַנטקעגן לויפן פעלדער און לאַנקעס. נאָך אַביסל ווייטער פּאַשען זיך קי. לעבעדיקע קי, וואָס שרהלע זעט אַזוינס צום ערשטן מאָל... זי דריקט צו דאָס פּנימל נעענטער צום שייבל.

ניעזשינער עפּנט אַ בוך, פאַרלייענט זיך און פאַרגעסט, אַז שרהלע איז גאָר דאָ לעבן אים. נאָך אַ ווײַלע, טוט ער זיך אַ כאַפּ אַ פאַר־שולדיקטער, וואָס ער האָט זיך פאַרגעסן... ער צערטלט שרהלען, בעט זיך זי זאָל פאַרזוכן דאָס זיסוואַרג, אָבער שרהלע שאָקלט מיטן קעפּל אויף ניין.

די באַן שניידט זיך טיפער אַריין אין די פעלדער, טראָגט זיך פאַרביי טייכן און וועלדער. אַנדערע קינדער דאָ אין דער באַן מאַכן זיך היימיש, שפּילן זיך צווישן זיך, שרהלע זיצט צוגעטוליעט צום טאַטן ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זי וועט אים פאַרלירן...

נאָך דריי שעה פאָרן שטייגט מען אויס ביי אַ סטאַציע, מע גייט אַריין אין אַ קאַר און דער גאַנצער עסק איז שוין שרהלען שטאַרק געפעלן. ס'דאַכט זיך איר מיט אַ מאָל, אַז זי איז שוין אַ דערוואַקסענע, עלטער פון אַלע אירע שוועסטערלעך און ברידערלעך, און זי האַלט דאָס קעפּל שטאָלץ אויפגעהייבן, וואָס זי איז ערגעץ אין דער פרעמד אַליין מיטן טאַטן...

.2

אין אַריינגאַנג־צימער פון „סאָפּיס האָטעל" שטייען אָנגעשטעלט וואַליזעס און קאַסטנס. געסט פאָרן אַוועק און ס'קומען אָן נייע. סאָפּי האָט אויפגעהויבן אירע גרעלע, קליינענדיקע אויגן צו ניעזשינערן. זי האָט נישט געוווּסט, אַז ער ברענגט מיט זיך אַ קינד. זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— ס'קינד איז דעם הערס? בלייבט זי דאָ אויף נאַכט?

— אָך, ניין, זי בלייבט בלויז אויף מיטאָג, אויב מעגלעך — שרהלע, הויב אויף ס'קעפּל! ער האָט צערטלעך אונטערגעהויבן איר גאָמבעלע — דאָס איז מיין טעכטערל. זי איז פאַרבעטן צו פריינד דאָ נישט ווייט, אויף אַ פאַרם.

סאָפּי אַליין האָט געזען מע זאָל גרייטן אַ טיש פאַר די צוויי געסט, וואָס האָבן פאַרשפּעטיקט דעם מאָלצייט. זי האָט געהייסן איבערציען

אַ ריין טישטעך. ווען די פּאַרשפּעטיקטע געסט זענען געזעסן ביים טיש, די איינציקע אין גרויסן עסזאַל, האָט סאָפי געהאַט חשק צוגיין, פאַרפירן מיט זיי אַ שמועס. זי גייט דאָך אָפּט צו צו די טישן און שמועסט מיט אירע געסט. אָבער זי איז נישט צוגעגאַנגען. עפּעס איז ער, אָט דער גאַסט, אַנדערש... מיט וואָס איז ער אַנדערש, דער פרעמדער? — האָט זיך סאָפי געפרעגט — פאַר וואָס וואַגט זי נישט צוגיין?

זי איז נישט צוגעגאַנגען. זי איז אָבער שטאַרק נייגעריק צו וויסן, פאַר וואָס איז ער דאָ אַליין מיטן קינד און ווו איז די מוטער פון קינד? איז ער אַן אַלמן? אַן אַלמן מיט אַ קינד?... נעבעך... נו, אָט איז זי אַ גרושה און זי האָט נישט קיין קינדער, וואָס איז איר אַזוי גוט? מע איז געגליכן צו אַ שטיין... איר געגט׳ער אומגליק מיטן רויטן קאַרק האָט נישט געטויגט און זי האָט נישט געהאַט קיין קינדער... דאָ איז אַן אײדעלער יונגערמאַן מיט אַן אײדל קינד... דער רב אין איר היימיש גאַליציש שטעטל איז אויך געווען אַזאַ אײדעלער און ער האָט געהאַט אַ שטוב מיט קינדער. זי האָט נישט געהאַט קיין מזל צו אַ לייטישן מאַן, שטענדיק האָבן זיך אויף איר געקוואַפּעט גראָבע יונגען און אויסוואָרפן. פאַר וואָס טראַכט זי, אַז ער איז אַן אַלמן? באַשר ער איז דאָ אַליין מיטן קינד? ווער איז יענע, דאָרט אויפן באַרג? פאַר וואָס איז יענע געקומען באַזאָרגן אַ צימער פאַר אים? דאָ איז עפּעס נישט גלאַט... זי מוז די זאַך געוואָר ווערן. ביימל מוז אַרויף אויפן וואַסער... נישט אַלע וואָס זעען אויס אײדל זענען טאַקע צדיקים...

דער קעלנער האָט צוגעטראָגן אַן אָנגעלאָדענע טאַץ: געהאַקטע לעבערלעך, גרינע אָליוון, רויטע טאָמאַטן, אַ צעשניטענע חלה, געבראָטענע גראַשיצע. דאָס זילבער און די ווייסע סערוועטלעך האָבן געלויכטן. שרהלע האָט זיך איינגעצויגן אין זיך. די בעקלעך זענען איר געוואָרן בלייכער. זי איז שוין געווען מיטן טאַטן אין אויטאָמאַט, אין קאַפעטעריע, אַזוינס האָט זי נאָך נישט געזען... ס׳איז פּונקט ווי אין קינאָ... דער גרויסער זאַל, די טישן און לאָמפּן; דער קעלנער, וואָס לויפט הין־און־צוריק — דאָס אַלץ האָט זי סיי געכישופט, סיי אָנגעוואָרפן אויף איר אַ פרעמדקייט וואָס

דערדריקט. די אויגן אירע האָבן זיך געעפנט גרעסער, דאָס מויל האָט זיך פאַרשטשעמעט שטייפער.

— עס, שרה, וועסט דאָ דאַרפן עסן און קריגן רויטע בעקעלעך, נו, נעם עס!

ער האָט זיך דערפילט אַרום איר אומבאַהאָלפן. זי איז הוילע נערוון. זי קאָן זיך פאַרעקשנען ווי ער. ער מוז גיין מיט גוטן.

— נו, גוט, גוט. וועסט עסן צוביסלעך, אַט־אַזוי ווי איך, זעסט! — גאָט אין הימל! וואָס וואָלט ער געטאָן ווען ער דאַרף שטענדיק אויפפּאַסן אויף קינדער? עפּעס אַנדערש איז, דערציילן זיי אַ מעשהלע, האַלטן זיי געשפּאַנט — זיי זענען דעמאָלט וואַקס אין זיינע פינגער. — הערסט שרהלע, אַמאָל איז געווען...

שרהלע האָט ברייט צעעפנט די אויגן, די ליפּלעך האָבן זיך באַלד פאַנאַנדערגענומען.

דער קעלנער איז צוגעלאָפן מיט אַ צווייטער טאַץ, הון, קוגל, מערן־צימעס, שטרודל, קאָמפּאָט — — —

ניעזשינער האָט גענומען שרהלעס לעפל אין זיין האַנט, ער האָט זי אָנגעהייבן האָדעווען. שרהלע האָט זיך געכאַפּט וואָס ער טוט. זי איז מיט אַ מאָל געוואָרן רויט, פאַרשעמט. זי האָט איבערגענומען דאָס לעפל פון זיין האַנט. — אַט־אַזוי, דו עס צו ביסעלעך און הער זיך צו, דאָס מעשהלע איז זייער אַ קאָמישס...

ער האָט געשעפּטשעט שרהלען אויפן אויער. שרהלע האָט זיך פּלוצים צעשמייכלט, געוויזן דאָס אָפענע מויל ווו ס'פעלט איר דאָס ציינדל... ער איז אַליין אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם מעשהלע און נישט געזען, אַז שרהלע עסט מיט קליינינקע ביסנס און איז געוואָרן אויפגעבונדענער.

שפּעטער זענען ניעזשינער און שרהלע פאַרבייגעגאַנגען סאָפין אין דעם קאָרידאָר פון האָטעל. סאָפי האָט זיי אָפּגעשטעלט מיטן בליק.

— זאָג „גודביי", שרהלע! — ער האָט געוואָרט.

— ס'קינד איז אינעם הער געראָטן. צוויי טראָפּנס וואַסער... ווי אַלט איז ס'קינד? — האָט סאָפי געפרעגט, געמיינט, אַז איצט וועט זיך פאַרבינדן אַ שמועס.

— ס׳אַכטע יאָר.

— ס׳קינד דאַרף זיך פּיקסן...

— יאָ — האָט ניעזשינער צוגעגעבן און זיך געזעגנט מיט אַ פאַרנייג. שרהלע האָט אים נאָכגעטאָן. זי האָט געטאָן אַ בויג די קני.

— אָן אײדל קינד. ס׳מאַכט נאָך דעם פאָטער...

סאָפי האָט צוגעשמייכלט. זי האָט געזען דורך דער אָפענער טיר ווי זיי פאַרנעמען זיך איבערן בריקל, באַרג אַרויף.

3.

ס׳וואָלט גוט געווען דאָ האָבן אַ הוידלקע פאַר די קינדער. — האָט מרים געטראַכט. זי געדענקט נאָך מיט מאָדנער פרישקייט די פרייד פון הוידען זיך אין דער לופטן. זי וואָלט נאָך היינט זיך געקענט הוידען מיטן זעלביקן אימפּעט און פאַרגעניגן. אפשר זאָל זי בעטן דעם פאַרמער ער זאָל אויפהענגען אַ הוידע אונטער דעם אַלטן בוים? ניין, זי איז זיכער, אַז ער וועט עס נישט טאָן. די פאַרמער דאָ קוקן קרום אויף יעדן מין פאַרגעניגן. מע זעט דאָ ערגעץ נישט קיין הוידע פאַר קינדער. זעלטן, אַז אַ פאַרמעריש קינד האָט וועלכע ס׳איז שפּילצייג. נו, דינהלע האָט איבערגענוג זיך צו טיילן מיט שרהלען — וואָס פאַר אַ קינד איז שרהלע? — — —

— אָט קומען זיי! — האָט דינהלע אויסגערופן.

ניעזשינער מיט שרהלען האָבן זיך דערנענטערט. ער האָט אַראָפּגע־שטעלט שרהלעס וואַליזקע אויפן גראָז, זיך געחישט דעם שווייס פון פּנים. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן צו מרימען, געוואָלט זי אַ טוליע טאָן צו זיך, דערפילן איר וואַרעמקייט, איר צאַפּל. ער האָט אָבער בלויז אַריינגענומען אירע הענט אין זיינע, זייערע אויגן האָבן זיך געגלעט, געבענטשט, מרים האָט נישט פאַרפעלט צו באַמערקן זיין נייעם אַנצוג. ער האָט עס דערקענט אין איר שמייכל.

— געפעלט דיר?

— זייער!

ער האָט נישט אָפּגעלאָזן אירע הענט. געמאַכט אַ באַוועגונג צו־טראָגן זיי צו זיינע ליפּן. מרים האָט שטיל אַ וואָרן געטאָן:

— די קינדער...

אָך, ער האָט זיך פאַרגעסן...

ער האָט אָפּגעלאָזן אירע הענט.

ביידע קינדער האָבן זיך אָנגעקוקט מיט נאַקעטן נייגיר. זיי זענען געשטאַנען איינער אַנטקעגן אַנדערן אָפּגערוקט אויף אַ שפּאַן, מיט דער וואַכזאַמקייט פון צוויי חיהלעך, גרייט זיך אַרומצושמעקן אָדער זיך באַפאַלן... ניעזשינער האָט אַרומגענומען ביידע קינדער.

— שרהלע, דינהלע, נו, אָט האָט איר זיך שוין באַקאַנט! זע נאָר, איר זייט ביידע די זעלביקע הייך!

— לאָמיר זיך מעסטן! — האָט דינהלע אויסגערופן און זיך געשטעלט מיט שרהלען פּלייצע צו פּלייצע.

ניעזשינער האָט פאַרשפּרייט זיין האַנט איבער ביידע קעפּלעך.

— פּונקט די זעלביקע הייך! ווי אָפּגעמאָסטן...

ער האָט נישט דערמאָנט, אַז שרהלע איז באַלד אַ יאָר עלטער פון דינהלען... זי איז דין ווי אַ ריטעלע און גרין ווי אַ בלעטל פון בוים... ער האָט פאַרטושט אין זיך דאָס קנאה־געפיל, וואָס איז וואַך געוואָרן אין אים די רגע...

— וואָס שטייען מיר? קומט, זאָל זיך שרהלע איבערטאָן און איך וועל גרייטן אַ צובייס. מיט וועלכן באַן זייט איר געקומען?

— גרייט נישט קיין צובייס. מיר זענען געקומען מיט דער דריי אַזייגער־צוג, זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל און מיר האָבן דאָרט געגעסן ווי די גראַפן.

זיי זענען געשטאַנען אונטערן עפּלבוים אויפן פאַרם־הויף. ניעזשינער האָט נישט געקענט אַראָפּנעמען די אויגן פון מרימען.

— זעסט אויס גרויסאַרטיק, מיט אַלע דיינע צרהלעך...

— דו מיינסט די צרהלעך פון יענער וואָך דאָרט אין האָטעל? כ׳האָב זיי שוין פאַרגעסן...

איבער ניעזשינערס פּנים איז מיט אַ מאָל אַריבער אַ שאָטן: ס׳איז נאַריש, ס׳איז אפשר קאָמיש אויך, זיין איפּערזוכט אויף דודן — און דאָך...

מרים האָט אָנגענומען זיינעביידע הענט, זי האָט אים אַריינגעקוקט אין די אויגן געטריי און איבערגעבן און ער איז געשטאַנען צוגעבויגן צו איר ווי אַ יינגל, איינגאַנצן אין איר רשות... מיט אַ מאָל האָט מרים דערפילט אויף זיך שרהלעס אויגן און זי האָט גיך אַוועקגענומען אירע הענט פון זיינע.

— דינהלע, נעם אַרויף שרהלען אויבן אין צימער, גיב איר דיינע שפּילצייג, לאָז איר אויסקלייבן פאַר זיך אַ ליאַלקע, געדענקסט וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט, שרהלע איז דיין גאַסט!

שרהלע האָט זיך געשעמט, נישט געלאָזן זיך פון דינהלען ציען ביים הענטל, ניעזשינער האָט אַ נעם געטאָן שרהלעס וואַליזע און דעמאָלט איז שרהלע מיטגעגאַנגען מיט אים אַרויף אין צימער. מרים איז אַוועק אין קיך אַרויפברענגען כיבוד, אָבער ניעזשינער האָט זי איבערגענומען אויפן וועג צוריק.

— שטעל אַוועק דאָס נאַשעריי דאָ אויף דער באַנק. די קינדער קומען באַלד סיי־ווי אַרונטער.

זיי זענען געבליבן זיצן אויף דער באַנק אונטערן עפּלבוים האַנט־אין־האַנט.

— האָסט כאָטש געבענקט נאָך מיר? ניין, ביסט נישט פעיק צו בענקען... — ער האָט עס געזאָגט האַלב שטיפעריש, האַלב אין ערנסט.

מרים האָט געשמייכלט. ס׳האָט איר הנאה געטאָן זיין וועלן אַרויסציען פון איר יענע זיסע רייד, וואָס ער ווייס, אַז זי וועט זיי נישט זאָגן... וואָס ער אַליין האָט עס אויך נישט ליב צו זאָגן... אַן אַנדער זאַך איז אַ בריוו...

— דאַרפסט דען מיינע רייד? — האָט מרים געפרעגט מיט פאַר־בענקטע אויגן.

— און דו מיינע דאַרפסט?

— יאָ, דיינע דאַרף איך זייער שטאַרק...

— דזשוקאָ! — און ער האָט זי אַ גיכן קוש געטאָן אין די ליפּן.

— אָן גייען די קינדער. — האָט מרים געזאָגט און זיך אָפּגערוקט פון אים.

שרהלע האָט געטראָגן אַ ליאַלקע צוגעדריקט צו זיך און דינהלע האָט געוויגט איר ליאַלקע אין אַ וויגעלע. מערי און ען זענען נאָכגעגאַנגען פון הינטן מיט אָפענע מײלעכלעך. מרים האָט דערזען ווי די פאַרמערין פאַרשאַרט דאָס פאָרהענגל פון קיך־פענצטער און קוקט אַרויס.

מרים האָט זיך באַלד אָריענטירט אַרום די קינדער. זי האָט געוווּסט וואָס זי דאַרף זאָגן און וואָס זי דאַרף טאָן יעדע מינוט. אָבער ניעזשינער איז אין דער רגע געבליבן הענגען ווי איבער אַ ליידיקן חלל...

דינהלען זענען די דערוואַקסענע איצט נישט אָנגעגאַנגען. זי איז געווען אַריינגעטאָן אין איר שפּיל־וועלט, פאַרכאַפּט פון איר נייער חברטע שרהלע... אָבער שרהלע האָט זיך פאַרקוקט אויף איר טאַטן און געזען דאָס, וואָס אַ קינד קאָן נישט זען און געוווּסט דאָס, וואָס אַ קינד קאָן נישט וויסן...

.4

מיד פון וועג, האַלב פאַרטשאַדיעט פון דער פרישער באַרג־לופט, האָט שרהלע פאַרן שלאָפן גיין נישט געמאָנט און נישט דערמאָנט איר טאַטן. זי האָט געוווּסט, ער שלאָפט דאָרט אונטן אין האָטעל. דער האָטעל אין טאָל און די פאַרם־שטוב אויפן באַרג האָבן זיך פאַר איר צונויפגעגאָסן אין אַן אומקלאָרער שייכות און זי האָט נישט געפרעגט קיין קשיות, און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי ווייסט אַלץ... אומקלאָרע אַנונגען, פאַרבינדונגען פון שטוב מיט שטוב, מענטש מיט מענטש, האָבן ווי דינינקע שאָטנס זיך געגליטשט איבער איר פנימל ביז זי איז איינגעשלאָפן זייט ביי זייט מיט דינהלען אין ברייטן, הילצערן בעט.

מרים האָט זיך איבערגעטאָן צום שלאָפן גיין. זי האָט אַרויסגעצויגן די שפּילקעס פון די האָר און די מאַסע האָר האָט געטאָן אַ פאַל אויף איר דינער, נאַקעטער פּלייצע. זי איז אַריין אין איר בעט און ביים קליינעם נאַכט־לעמפּל געשטאַרט אויפן בלאַט פון אַן אָפענעם בוך ביז דאָס הויז איז געוואָרן אין גאַנצן שטיל. אַזוי שטיל ווי אַן איינגעשלאָפן הויז קאָן נאָר זיין. דאָס גרילן פון אַ גריל אונטערן דיל איז געווען פאַר איר אַ מין סיגנאַל, אַז דאָס הויז איז איינגעשלאָפן...

איצט האָט זיך מרים אַראָפּגעשאַרט פון בעט און זיך איינגעקוקט

אין פענצטער. אַז מע קוקט זיך גוט איין אין דער נאַכט, איז די נאַכט גאַרנישט אַזוי פינצטער, בפרט, אַז די לבנה מיט איר ווייבעריש, קיילעכדיק פּנים קוקט נייגעריק אַראָפּ צווישן די ביימער און מאַכט בלייך דאָס גראָז...

מרים האָט זיך געשאַרט צו דער טיר. זי האָט זיך אָנגעשטויסן אָן טואַלעט־טישל, אָנגעטאַפּט דאָס פלעשעלע פּאַרפום, וואָס זי האָט אַנומלט זיך איינגעהאַנדלט און דערין אין גאַנצן פאַרגעסן... זי האָט באַנעצט די שפּיץ־פינגער מיט דער שמעקעדיקער פליסיקייט, באַרירט איר אייגן לייב און דערפילט אָן אומגעדולד צו זיין לעבן אים... ער וואַרט אויף איר אונטערן צעצווייגטן בוים... פון הינטער דעם בוים אַרויס קאָן מען זען דאָס שוואַך־ באַלויכטענע פענצטער פון איר צימער. מרים האָט נישט געוואָלט זיין צו וייט אַוועק פון די קינדער, טאָמער רופן זיי...

שטיל, — אָן שאָרך, איז מרים אַראָפּ די טרעפּלעך און איז אַריין אין דעם נאַכטיקן דרויסן. דאָ איז דאָס ווייסע לבנה־ליכט איר נאָכגעגאַנגען און האָט זיך פאַרבויגן איבער אירע טריט... ערגעץ פון איר געדעכעניש איז אַרויסגעשווומען אַ נאַכט: זי איז אַ קליין מיידעלע, און די מאַמע האָט זי מיטגענומען מיט זיך אין מקווה... דאָרט, אינעם פינצטערן וואַסער האָט זיך די מאַמע אונטערגעטוקט דריי מאָל... דאָס ליכט אין דער טוקערינס האַנט האָט זיך איבער איר פאַרבויגן... דער טוקערינס פרומע ליפּן האָבן דריי מאָל גערופן:

„כשר... כשר... כשר...‟

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ניעזשינער איז צומאָרגנס אַרויפגעקומען אויפן באַרג שפּעטלעך. שרהלע האָט שוין אויף אים געוואַרט מיט אומגעדולד. ער האָט גע־שמייכלט שולדיקלעך: ער האָט זיך פאַרשלאָפן... געמיינט האָט ער אויפשטיין פרי און באַלד אַהער קומען. אָבער ער האָט נישט מיטגענומען זיין וועק־זייגער...

די בראָנדזענע טונקלקייט פון זיין פּנים איז געווען ווי אויסגעצערטלט פון דער נאַכט... מרים איז דווקא געווען אַ קאַפּעלע אויסגעבלייכט... זי האָט נישט דערשלאָפן... זי האָט זיך אַריינגעשאַרט צוריק אין איר

צימער, אין איר בעט, ווען דער האָן האָט שוין געקרייט... זי איז איינגע־שלאָפן, אָבער באַלד האָט אָנגעהויבן טאָגן. די קינדער זענען אויפגע־שטאַנען און זי — מיט זיי. זי האָט זיך געעסקט מיט זייער פרישטיק, נישט געזען ווי די צייט איז אַוועק... איצט איז ער אַרויפגעקומען און ער שטייט דאָ אַביסל אַ פאַרלוירענער, ווי ער געהערט נישט אַהער. זיי גנבענען צווישן זיך אַ בליק, אַ באַריר, אַ שמייכל. די קינדער זענען אַלע מאָל אַרום זיי. שרהלע וויקלט זיך אין איר טאַטן. אַלע ווילע שטעלט זי אָן גרויסע, אָפענע אויגן ווי וועלן דערכאַפּן עפּעס אַזוינס, וואָס זי ווייס יאָ און זי ווייס נישט...

פאַר ניעזשינערן האָט זיך דער טאָג אָנגעהויבן שפּעט און האָט זיך געענדיקט פרי. ער באַדאַרף אַהיים פאָרן טאָקע דעם זעלביקן אָוונט. מאָרגן, אַכט אין דער פרי, מוז ער שוין זיין ביי דער אַרבעט. ס׳איז פאַר אים שטאַרק נויטיק היטן און אָפּהיטן דעם נייעם פּלאַץ, אויף וועלכן ער איז ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַרויפגעקומען אַרבעטן. ער האָט זיך מודה געווען פאַר מרימען, אַז ער וויל געפעלן דעם באַלעבאָס, און ער אַרבעט מיט באַנייטן חשק... ער מוז אָנהאַלטן די שטעלע, ער מוז...

ער האָט זיך אָנגעהויבן זעגענען ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן דער־ווייטערן. אַלע זענען געווען שטיל און אומעטיק, און שרהלע האָט מיט אַ מאָל חרטה געהאַט אויף איר אַהערקומען, און געוואָלט שוין אַהיימפאָרן מיטן טאַטן. ניעזשינער האָט זי געצערטלט, זיך איינגעבויגן צו איר און גע־שעפּטשעט:

— וואָס זאָל ער איר ברענגען ווען ער וועט אַהער קומען זי אָפּ־נעמען? זי וויל דאָך עפּעס אַ שייניקע זאַך, טאָ זאָל זי זאָגן, וועט ער דאָס איר ברענגען.

— זי וויל אַהיימפאָרן. — האָט שרהלע געטענהט.

ער איז געשטאַנען הילפלאָז.

אין מיטן האָבן די צווי שיקסלעך, מערי און ען, אָנגעבראַכט פון ערגעץ טריקענע צווייגן. די פאַרמערין האָט צעלייגט אַ פייער אָפּצובראָטן די קוקורוזע צום נאַכט־מאָלצייט. דינהלע איז געלאָפן העלפן שלעפן די צווייגן. שרהלע האָט זיך פאַרקוקט אויף די טרערן, וואָס האָבן פריער

אַנגעקוואָלט האָבן עפּעס נישט געקאָנט באַשליסן: יאָ, אָדער נישט אַרויס פון אירע אויגן...

אין דער רגע האָט זיך ניעזשינער גיך, גיך געזעגנט און האָט זיך כמעט געלאָזן לויפן אַראָפּ באַרג. מרים האָט צו אים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

.5

שרהלעס פּנימל רונדיקט זיך ווי אַן עפּעלע. קיין פאַרב ווילן אָבער אירע פאַרעקשנטע בעקעלעך נישט אָננעמען. ס'פּנימל בלייבט בלייך גרין. שרהלע האָט ליב שפּילן זיך אין שאָטן אונטערן בוים און זי האָט עס שוין ביי דינהלען אויסגעפירט. דינהלע האָט ליב צו יאָגן זיך איבערן פעלד, קלעטערן אויףביימער — אָבער איצט שפּילט זי זיך מיט שרהלען אין דער אויסגעטראַכטער שפּיל. דאָס שפּיל איז אייגנטלעך נישט אויסגעטראַכט פון שרהלען, נאָר אינסצעניזירט, אַ קאַפּעלע אימפּראָוויזירט די צויבער־מעשהלעך, וואָס ביידע קינדער קענען אַזוי גוט. פאַר זיך קלייבט שרהלע אויס די דראַמאַטישע ראָלן און פאַר דינהלען לאָזט זי איבער די אינטריגאַנטישע, די האַרט־האַרציקע ראָלן...

ביידע קינדער זענען אין דער אמתן שטאַרק צוגעפּאַסט צו זייערע ראָלן. דינהלע ווערט נישט גערירט פון שרהלעס הייזעריק געוויין און געבעט, אַז זי, דינהלע, די וואַלד־מכשפה, זאָל זי נישט אָפּקאָכן אין קעסל... זאָל זי נישט אויפעסן... דאָ, אין דער שפּיל גיט דינהלע נישט נאָך... זי פּאַקט זי איין אין זאַק און טראָגט זי אַוועק אין וואַלד...

בעתן שפּיל האָבן די קינדער צווישן זיך אַ פאַרבינדונג. ענדיקט זיך דאָס שפּיל, ווערט שרהלע גלייכגילטיק און אַמאָל הערט זי אויף רעדן צו דינהלען און פאַרשטשעמעט די ליפּעלעך ווי זי וואָלט זיין ברוגז און ס'טרעפט, אַז שרהלע האַלט אָן דאָס שווייגן ביזן שלאָפן גיין און די קינדער לייגן זיך רוקן צו רוקן און שלאָפן אַזוי איין.

און מרים ווייסט שוין, אַז מאָרגן וועלן די קינדער אויפשטיין אָפּ־געפרישטע פון שלאָף און זיי וועלן גאָר נישט געדענקען דעם נעכטיקן ברוגז, אָבער דאָס אייגענע וועט זיך איבערחזרן... שרהלע איז דין און

קאַפּריזנע, זי איז ענלעך צום טאַטן... און מרים טראַכט, אַז שרהלע וועט אויפוואַקסן, וועט זיך אין איר פאַרליבן אַ מאַן און וועט זיך צובינדן צו איר אפשר טאַקע צוליב אירע קאַפּריזן... ווער ווייס די סודות פון ליבע?

גוט וואָס מרים איז פאַרנומען מיט די ביידע קינדער, האָט זי נישט קיין צייט צו טראַכטן וועגן זיך, איבערצוטראַכטן וועגן די בריוו ניעזשינערס, וואָס האָבן זיך אוודאי ערגעץ פאַרהאַלטן אין וועג, אָדער וואָס?

אָנגעקומען איז אַ פּאַק צייטונגען און עטלעכע בריוו מיט אַ מאָל. אַ באַזונדער בריוול פאַר שרהלען פון איר טאַטן, געשריבן אין יידיש, אויסגעשטעלט אין קורצינקע שורהלעך, פאַרבונדן מיט שטותיקע גראַמעלעך, צו מאַכן שרהלען לאַכן... אָבער שרהלע האָט עס נישט געקענט לייענען און מרים האָט עס געלייענט פאַר איר. ס'איז דאָרט געווען אַ גראַם וועגן אַ מיידעלע מיט אַ חנדל, מחמת ס'פעלט איר פון פאָרנט אַ ציינדל...

צום ערשטן מאָל האָט דאָ שרהלע צעשפּרייט די ליפּעלעך אין אַ קאָנטיקן שמייכל און דערביי זיך פאַרשטעלט מיטן הענטל דאָס ליידיקע אָרט אין מויל ווו ס'פעלט איר דאָס ציינדל...

שרהלע האָט דאָס בריוול באַהאַלטן.

איצט זענען די קינדער געגאַנגען צום וועלדל זיך באָדן. מערי און עץ זענען מיטגעגאַנגען. אויפן וועג האָט מרים געלייענט ס'ערשטע פון די צוויי בריוולעך, וואָס איז לויט דער דאַטע אויפן קאָנווערט, געווען דריי טעג אין וועג (ס'האָט שוין אַזוינס פריער געטראָפן).

„... נו, אָט בין איך צוריק אין שטאָט. היינטיקער טאָג איז ביי מיר מאָדנע, מאָדנע — ווו איך בין פיל איך דיך. אָט ביסטו און פון זיך פאַרנעם איך דעם ריח פון דיר, דעם ריח פון רו, גרינס און — אַ ביסעלע פאַרפום... נאַרעלע, דער פאַרפום איז דאָך שטאָטיש... נישט דיינער — צו וואָס דאַרפסטו דאָס? נו — נו, הע־הע דזשוקאַלע, ביסט נישט בייז? הער, נישט בייז? — נו, גוט. אַ דאַנק. און גוט וואָס דו האָסט דעמאָלט, ביי מיין אַראָפּלויפן פון באַרג, אַזאַ פיינעם, קלוגן מאַך געטאָן מיט דער האַנט. וועגן שרהלען בין איך אין גאַנצן רויק. נעכטן דעם גאַנצן וועג אַהער און היינט דעם גאַנצן טאָג פיל איך אין זיך אַ סך לידער. כ'וועל

זיי איצט אָנשרייבן. נו, זיי געזונט דזשוקאַ! בענק נישט נאָך דער שטאָט ביז דער ריכטיקער צייט און איך האָב דיך ליב ווי אַ 17 יאָריק ייִנגל, און דו, מיידעלע מיינס, נישט הויקער מיך. זיי אַ רויִקע. האָסט געכאַפּט דעם קוש וואָס כ׳האָב דיר געוואָרפן באַרג אַרויף? — — —״

מרים האָט אין זיך געשמייכלט: „דער פּאַרפום איז נישט דיינער... צו וואָס דאַרפסטו דאָס?״ דאָך האָט ער פאַרנומען איר ריח און האָט זי געפּילט דעם גאַנצן טאָג אַרום זיך, אפשר אַ דאַנק דעם פּאַרפום, וואָס איז נישט אירער... צי וויס דען אַ מענטש געגוי אַלץ וועגן זיך? פאַר וואָס איז איר פלוצים געוואָרן אומעטיק? —

די קינדער האָבן געטאַנצט אין אַ ראָד. שרהלע האָט אָנגעפירט מיט דעם שפּיל. די בלייכע שטראַלן פון דער נאָכמיטאָג־זון האָבן זיך אַריינ־געגנבעט אין נאָדל־וועלדל און האָבן מיטגעטאַנצט, מיטגעשפּילט מיט די קינדער.

מרים האָט זיך אויסגעצויגן אויפן מאָכיקן בעט אונטערן נאָדלבוים. דאָ האָט זי געלייענט דאָס צווייטע בריוול:

„... פון דער אַרבעט בין איך אַריין אין קאַפע. גערעדט מיט דעם, מיט יענעם. נישט געגעסן, בין איך איצט, 10 אַזייגער אין אָוונט שטאַרק מיד. און הער, שוין דריי טעג דיך נישט געזען! נאָך גוט וואָס איך בין אַזוי פאַרנומען ביי דער אַרבעט. איך וועל איצט מוזן היטן דעם פּלאַץ. פון 8 אַזייגער יעדן טאָג וועל איך מוזן אַרבעטן. דערביי זאָרגן, וואָס איך, דער־און דער־מוז ווערן פאַרוואָגלט אין די פאַרדאַמטע סוועט־שעפּער. יעדע מינוט קאָנטראָלירן זיך, נישט וואַרפן די אַרבעט... עך, עך, ווייגען? ניין, ניין! שוין צוויי און ניינציק מאָל געוויינט — נאָך אַלגינס סטאַ־טיסטיק. און קוש איך דיך, מיינע„ אָט אַ דאָ און אָט אַ דאָ, אין דעם פינגערל אין דעם...״

# קאַפּיטל 15

.1

די לעצטע עפּעלעך זענען אַראָפּגעפאַלן פון בוים און פוילן אין גראָז. די פליגן אויף דער פאַרם מערן זיך און בייסן. אויף די אַרומיקע פעלדער טריקענען די ליידיקע קוקורוזע־שטאַנגען און מרים טראַכט: ווי גיך דער זומער איז אַוועק! ווי גיך... ווי משונה־גיך איז געווען ניעזשינערס לעצטער באַזוך דאָ ווען ער איז געקומען אַהיימנעמען שרהלען. זיי האָבן נישט באַוויזן זיך רעכט אַדורכצורעדן. שרהלע איז די גאַנצע צייט נישט אָפּגעטראָטן פון איר טאַטן. די געגנבעטע שעה אין דער נאַכט אונטער דעם צעצווייגטן בוים איז געווען אַ שטומע, אַ פאַרטייעטע. מרים איז געווען אומרויִק וועגן די קינדער; ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז שרהלע שלאָפט נישט, אַז זי האַלט בלויז צוגעפּעפּירט די וויעס און וועט זיי פונאַנדערעפענען אַזוי גיך ווי זי, מרים, וועט זיך אַרויסשאַרן פון צימער... זי וועט נאָך אפשר אויפוועקן דינהלען און דער פאַרמער מיט דער פאַרמערין וועלן זיי דערהערן... ס׳איז קלאָר, אַז פאַר דעם פאַרמער פאַרפאַלק איז מער נישט קיין סוד וואָס דאָ קומט פאָר... די לעצטע צייט איז דעם פאַרמערס פנים געוואָרן נאָך האַרטער ווי ער וואָלט זאָגן: נו, געבוג שטאָטישע לייט, דער זומער ענדיקט זיך שוין. פאַרט אייך געזונטערהייט פון דאַנען...

אַלץ אַרום און אַרום, סיי דאָס היטן זיך פאַר די קינדער, סיי פאַר דעם פאַרמער מיט דער פאַרמערין האָט געווירקט, אַז זיין לעצטער באַזוך דאָ זאָל אַוועק אין שטום־צייכנס און אין פלאָטערניש. צו דעם אַלעם האָט די רויטע סאָפּי זיי נאָכגעטשאַטעוועט מיט די געלע, קלייענדיקע אויגן, ווי די אויגן אירע וואָלטן געזאָגט: „בוימל מוז אַרויף אויפן וואַסער"...

ביי זיין אָנקומען אַהער האָבן שרהלע, דינהלע און מרים אים אָפּגעוואַרט ביי דער באַן־סטאַציע. אַן אויסגעפּוצטן, אַ צעשמייכלטן, מיט דער טעקע אונטערן אָרעם האָבן זיי אים דערזען אויסשטייגן פון דער

באַן און האָבן אים באַלד אַרומגערינגלט. ער האָט געגלעט ביידע קינדער איבער די קעפּלעך, צו שרהלען זיך צוגעבויגן מיט קושן, איר אָפּגעגעבן גרוסן פון די אַנדערע קינדער, זי אויסגעפרעגט, זיך געפריים מיט איר אויסזען, דערביי זיך איבערגעשמייכלט מיט מרימען.

שרהלע האָט כמעט נישט גערעדט. זי האָט נאָכאַנאַנד געהיט דעם טאַטן מיט גרויסע, אָפּענע אויגן. ניעזשינער האָט דערפילט שרהלעס וואַכזאַמקייט. ער האָט אָנגענומען איר הענטל און זי מער נישט אָפּגעלאָזט.

דינהלע האָט זיך געמאַכט אַ גלייכגילטיק פּנימל: וואָס אַרט ער איר? זי האָט איר אייגענעם טאַטן! אַז זי וועט וועלן וועט ער באַלד אַהערקומען אין זיין קאַר... ער וועט זי אַרומפירן איבער די בערג און שרהלען וועט זי נישט מיטנעמען...

אַלע פיר זענען אַריין אין סאַפּיס קאַר. ניעזשינער האָט געוואָלט מע זאָל אַלע עסן מיטאָג אין האָטעל. מרים האָט זיך געשובט. אָבער זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם פאַרמערס שטרענגען, טרוקענעם פּנים, וואָס וויל מער נישט ליידן אירע געסט און זי האָט נאָכגעגעבן.

די רויטע סאַפּי מיטן קלייענדיקן, אָנטבלויזטן בוזעם האָט געשמייכלט צו ניעזשינערן ווי צו אַן אַלט־באַקאַנטן. שרהלען האָט זי אָפּגעשטעלט מיט דער האַנט; זי אַ גלעט געטאָן און גערעדט צו ניעזשינערן:

— ס'קינד האָט זיך קיין עין־הרע געפּיקסט...

מרימען האָט זי צוגעוואָרפן אַ פרעמדן בליק. מרים איז שוין גע־וווינט צו אַזעלכע בליקן מצד פרויען. דאָך, אויף איין רגע, אומלאָגיש, אומקלאָר, אוממעגלעך ווי דאָס זאָל נישט זיין — איז זי געווען אייפער־זיכטיק אויף דער צעקלייענטער סאַפּין... זי איז אַליין געווען געפּלעפט פון דעם געפיל, האָט זיך דערמיט געשעמט, געוואָלט עס פאַרבאָרגן פון זיך אַליין, זיך געטרייסט, וואָס קיינער קאָן דאָס נישט אַרויסלייענען פון איר פּנים, וואָס זי אַליין וועט דאָס באַלד נישט געדענקען...

נאָכן מאָלצייט איז סאַפּי געשטאַנען ביי דער ברייט־צעעפנטער טיר פון עסזאַל. אויף איר פּנים איז געזעסן אַ פאַרטיקער, געקינצלטער שמייכל פאַר אַלע אירע געסט. אַ מאַן מיט אַ פרייש אָפּגעברענט פּנים, מיט אַן אָפּענער, האָריקער ברוסט האָט זיך אָפּגעשטעלט אַרום סאַפּין. ער האָט

געהאַלטן צווישן די ליפּן אַ צאָנשטעכער און געוואַרט צו פֿאַרפֿירן אַ שמועסל מיט סאָפּין. אָבער סאָפּי האָט זיך אויסגעדרייט צו שרהלען:

— דאַכט זיך, שרהלע איז דיין נאָמען? — יאָ?

שרהלע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— געפֿעלט דיר דאָרט אויף דער פֿאַרם, שרהלע?

שרהלע האָט געשוויגן.

— ווו וווינסטו, שרהלע?

— אין ברוקלין.

— האָסט שוועסטערלעך? ברידעלעך?

— יאָ.

— ווו זענען זיי?

— אין דער היים מיט דער מאַמען.

— אַ??

סאָפּי האָט חשק געהאַט פֿאַרהאַלטן שרהלען נאָך אַ ווײַלע לענגער, אָבער זי האָט דערזען ניעזשינערן אַראָפּגיין פֿון די טרעפּ (ער איז געהאַט אַרויף אין צימער נאָך זיינע ציגאַרעטן).

סאָפּי האָט אָפּגעלאָזן שרהלען.

אין דרויסן, אויפֿן וועג צו דער פֿאַרם האָט מרים געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און ניעזשינער האָט דערפֿילט איר מאָדנע שווייגן. פּלוצים האָט ער אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָס איז, מרים?

מרים האָט געענטפֿערט זייער שטיל:

— די סאָפּי — זי האָט עפּעס אויסגעפֿרעגט שרהלען...

אויף איין רגע זענען ניעזשינערס אויגן געוואָרן מעסער־שאַרף; די קין — האַרט און שפּיציק ווי פֿאַר אים וואָלט געשטאַנען אַ שונא זיינער. באַלד אָבער האָט זיך זיין פּנים ווי איבערגעבראָכן אין אַ שמייכל. ער האָט געטאָן אַ דריי מיט זיין האַנט אין דער לופֿטן.

— נו, וואָס איז נאַרעלע... אַזוי דאַרף זיין... וואָס האָסטו געוואָלט? אודאי וועלן מענטשן רעדן, פֿרעגן און אויספֿרעגן... קאָנסט נישט

שמיכלען אַריבער די זאַכן? קוק אויף מיר, דזשוקאַ! — און ער האָט אונטערגעהויבן איר אַראָפּגעלאָזט פּנים צו זיך. נישט געהיט זיך איצט אין גאַנצן פאַר שרהלען — זעסט, איך שמייכל. שמייכל אויך! די וועלט איז סיי ווי שיין! אַך, ווי שיין!...

— ווען איך קאָן זיך דערהויבן איבער מענטשן אַזוי ווי דו...

— מוזסט, אַנדערש איז אוממעגלעך... מענטשן מיינען אפשר נישט קיין שלעכטס, אָבער וואָס ווייסן זיי וועגן אונדזער לעבן? זיי ווייסן גאָר־נישט. פאַרשטייסט? — און ער האָט איר אַריינגעקוקט אין די אויגן.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

די נאַכט פון שבת אויף זונטיק איז פאַר ניעזשינערן געווען אַן אויסטערלישע. מרים איז געווען אומרויִק וועגן אַלץ אַרום און אַרום און אויך וועגן די קינדער. ליגנדיק אין זיין אָרעם אונטערן צעצווייגטן בוים האָט זי געהאַלטן אַן אויער וואַך. גיך זיך אַרויסגעשאַרט פון אים און אים געלאָזן אַליין דאָרט, אונטערן צעצווייגטן בוים. איר וואָרעמקייט איז אָבער פאַרבליבן אויף זיין רעקל, ביי זיין זייט. ער וועט נאָך דאָ ליגן אַ ווײַלע — בלויז אַ קורצע ווײַלע, אַט־אַזוי, מיט צוגעפּירטע וויעס און לאָזן די ווייסע לבנה טריפן איר ליכט אויף אים דורך די צווייגן — בלויז נאָך איין רגע וועט ער אַזוי ליגן מיט צונויפגעפּירטע וויעס און נאָכדעם וועט ער אויך ווי אַ גנב זיך שאַרן איבערן שמאָלן שטעגעלע באַרג אַראָפּ צום האָטעל — בלויז נאָך איין רגע — — —

ער האָט זיך איבערגעוועקט ביים קריי פון ערשטן האָן. אין מזרח, צווישן די צווי הויכע בערג האָט געבלוטיקט דער קאַיאָר; פון טאָל האָבן זיך געהויבן מילך־ווייסע ליילעכער רויך!... דאָס גראָז איז געווען פייכט. ער האָט אַ ציטער געטאָן.

ער האָט זיך אויפגעהויבן מיט אַ דראָזש פון פאַרטאָגיקער קילקייט און געאײַלט צום האָטעל אײדער ס'הייבט זיך דאָרט אָן דער פרימאָרגן־גערודער. די טירן פון האָטעל שטייען אָפן אַ גאַנצע נאַכט פאַר פאַר־שפּעטיקטע אַזוינע ווי ער...

אין זיין האָטעל־צימער האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בעט נישט אויסטוענדיק די קליידער. ער האָט נישט ריזיקירט זיך אויסטאָן און

אַרונטער אונטער די קאַלדרעס. ער קאָן נאָך אַזוי פאַרשלאָפן דעם פרי־מאָרגן און שרהלע וועט דאָרט שטיין לעבן דער סטעזשקע און וואַרטן אויף אים. ער וויל נאָך אויך פאַרברענגען אַביסל מיט מרימען. באַלד נאָך מיטאָג פאָרט ער מיט שרהלען אַוועק און ער האָט נאָך געוואָלט פאַר מרימען עפּעס איבערלייענען. ווער ווייס צי עס וועט זיין דערויף צייט מיט די קינדער שטענדיק אַרום זיי.

ער האָט אָנגעהויבן שעפּטשען פאַר זיך די לידער, וואָס ער האָט געוואָלט לייענען פאַר מרימען. מיטן שעפּטשען האָט ער זיך איינגעוויגט און צווישן וואָך זיין און טיפן שלאָף איז ער דערוויל אַריין אין אַ מין חלום: חנה איז דאָ געשטאַנען לעבן אים אַ קליינינקע, אַן אָפּגעבליאַקעווע־טע, אַ פאַרעלטערטע פאַר דער צייט... אירע שטומע, שווערע ליפּן האָבן ביי אים עפּעס געמאָנט... געטענהט, געיאָמערט... באַלד האָבן זי אַרומגערינגלט אַנדערע פרויען־געשטאַלטן. זיי האָבן געשטרעקט זייערע הענט צו אים און האָבן עפּעס ביי אים געמאָנט... געבעטן...

די געשטאַלטן האָבן זיך געדרייט אין אַ קראַנץ אַרום אים און זיין קול האָט איבער זיי געקלונגען ווי אַ מאַסיווער גלאָק, און דער גלאָק האָט אויסגעקלונגען שורות פון לידער ווו יעדע פון זיי איז דאָרט דערמאָנט... און די געשטאַלטן האָבן זיך איינגעבויגן און אויפגעהויבן די שורות, די קלאַנגען, די ווערטער, ווי גאָלד־מטבעות... און די געשטאַלטן זענען צערונען און דער גלאָק האָט געקלונגען: „איצט איז האַרבסט, — מיין האַרבסט, און איך האָב מער גאָרנישט פאַר אייך"...

ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון חלום און אויף דער וואָר האָט ער נאָך אַלץ געהערט אַ גלאָק קלינגען. נאָר ס'איז נישט געווען יענער מאַסיווער געקלאַנג פון חלום. אַ דין גלעקל האָט געקלונגען אויף דער וועראַנדע פון האָטעל און געוועקט די געסט צום פרישטיק.

ער האָט זיך געוואַשן, ראַזירט, איבערגעטאָן און דער חלום איז ווי אַ נעפּל געהאַנגען איבער זיינע ווייעס.

ער איז צו צום אָפענעם פענצטער, איינגעאָטעמט די קרוכלע באַרגלופט. דאָרט ווייט, פון נעפּל אַרויס, האָבן זיך געהויבן די הויכע בערג און אויף זייערע רוקנס האָט שוין געקלעטערט און זיך צעשפּרייט דער רויטלעכער

זשאַווער פון האַרבסט. די הויכע דעמבעס ביים שטויביקן וועג זענען געשטאַנען ווי פאַרגליווערט מיט זייערע קופּערנע קרוינען. איינציקע בלעטער זענען טויטערהייט געפלויגן צום פאַרוועלקטן גראָז, אָבער די פאַרביקע האַרבסט־בלומען האָבן זיך דאָ ערשט צעבליט ביי די פּלויטן. זון־געל, בלוט־רויט און שניי־ווייסע צוויטן האָבן זיך צונויפגעזונגען מיט די געלע אַראָפּפליענדיקע בלעטער...

דאָס איז דער אָנהייב פונעם אינדיאַנער־זומער, — האָט ער זיך געזאָגט. — ער זעט עס איצט אין דער פולער ווייט און ברייט און פאַר־נעמט עס ביזן לעצטן טראָפּן.

.2

שרהלע האָט שוין אַרויסגעוויזן איר אומגעדולד אין וואַרטן אויף איר טאַטן. זי איז שוין אין גאַנצן גרייט אַהיים צו פאָרן. איר וואַליזקע איז שוין איינגעפּאַקט. צווישן שרהלען זאַכן דאָרט אינעווייניק אין דער וואַליזקע ליגט אויך דינהלעס אַ ליאַלקע, וואָס דינהלע האָט שרהלען אַוועק־געשאָנקען... די וואַליזקע שטייט שוין אונטן אין הויף און אַלע דריי וואַרטן אויף ניעזשינערס אַרויפקומען. שרהלע האָט זיך געלאָזן לויפן אים אַנטקעגן ווען זי האָט אים דערזען אָנקומען באַרג אַרויף. זי האָט זיך איינגעוויקלט אין אים. מרים און דינהלע זענען געשטאַנען אָן אַ זייט. מרים האָט זיך פאַרקוקט אויף זיין אָפּגעפרישטן אויסזען. ער איז געווען אָנגעטאָן גרייט צו דער רייזע. איבער שרהלעס קעפּל האָט ער מרימען אַריינגעקוקט אין פּנים; ער וואָלט אַ בעלן זיין איר דערציילן וועגן דער מאָדנער נאַכט, וועגן די חלומות — אייגנטלעך, וועגן זיינע אייגענע לידער, וואָס האָבן זיך אים געחלומט... אפשר שפּעטער וועלן זיי קענען בלייבן אַליין, אָן די קינדער אויף אַ מינוט... ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַך, איז דאָ ביי אייך היינט שיין! כ'וואָלט געווען אַ בעלן צוגיין זיך געזעגענען מיטן וועלדל. מרים, פאַרנעם זיך נישט מיט קיין אַרבעט אין קיך. כ'האָב באַשטעלט פאַר אונדז אַלע אַ מיטאָג אין האָטעל.

— פאַר אונדז אַלע? — —

— ווילסט נישט?

מרים האָט נישט געענטפערט. געוואָלט וואָלט זי פאַרברענגען מיט אים אַליין די עטלעכע פאַרבליבענע שעה, אָבער נישט אין סאַפּיס האָטעל. גרייטן אַ מיטאָג דאָ איז איר אָבער אויך נישט גרינג, וואָרעם דער פאַר־מער איז איצט זוינציק אין פעלד, דרייט זיך פאַר די אויגן מיט זיין האַרט פּנים און די פאַרמערין שוויגט מיט אַ פרעמד שוויגעניש, כאָטש זי האָט זיך געפּרוווט איינקויפן ביי איר מיט מתּנות פאַר די שיקסלעך, ווייסט מרים, אַז זי איז נישט גערן אירע געסט און קוקט שוין אַרויס די מינוט זיי זאָלן אַוועקפאָרן.

— נאַרעלע, וואָס האָסטו זיך אַזוי אומעטיק פאַרטראַכט? — האָט ער געזאָגט ווי ער וואָלט איבערגעלייענט אירע געדאַנקען — פון מענטשן קענען מיר אין ערגעץ נישט אַנטלויפן, און מיר קענען זיך נישט באַהאַלטן — מיר דאַרפן דאָס נישט אויך. ס׳האָט נישט קיין זינען — פאַרשטייסט? איבעריקס — מיר פאָרן דאָך אַלע פון האָטעל צו דער באַן־סטאַציע. דריי אַזייגער גייט אָפּ די באַן, וואָס קומט אַריין קיין ניו יאָרק זייגער 6 — 7. כ׳מוז שרהלען אַהיים ברענגען פרי, און ביז מיר וועלן נאָך אָנקומען קיין ברוקלין...

ער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן. אַרום זיינע אויגנווינקלען האָבן זיך מיט אַ מאָל געיאָוועט נעצן קנייטשעלעך. ער האָט געקוקט פאַר זיך. זיין בליק האָט זיך געזעגנט מיט דער פאַרם, מיט דעם צעצווייגטן בוים...

.3

אַרום האַמאַק ליגן צעשאָטן די צייטונגען און צייטשריפטן, וואָס ניעזשינער האָט דאָ איבערגעלאָזן. מרים פּרוווט לייענען אָבער זי וואַרפט באַלד אַראָפּ די צייטשריפט אָדער די צייטונג אויפן גראָז. זי וויגט דעם האַמאַק ווי זי וואָלט זיך וועלן איינוויגן, אָבער די געדאַנקען וועקן זי: וואָס טוט ער איצט אין שטאָט? זאָרגט ער וועגן איר באַלדיקן אַהיים קומען? וווהין וועט זי קומען? ער האָט פאַרגעלייגט דערוויל אַ מעבלירט צימער. אָבער זי וועט נישט נעמען דינהלען אין אַ מעבלירט צימער אַפילו אויף איין טאָג. זי מוז פאַרן קינד איינאָרדענען אַ היים באַלד. אָבער זי קאָן זיך אויף אים אין די זאַכן נישט פאַרלאָזן. ער האָט נישט קיין

פּראַקטישן חוש אויף איינצוּאָרדענען אַ היים; אַפילו אַ צימער פאַר זיך האָט ער גענומען דאָס ערשטע וואָס איז אים געקומען אַנטקעגן. זי וועט אַהיים פאָרן פריער ווי זי האָט געפּלאַנט. פאַר וואָס דאַכט זיך איר, אַז ער האָט נאָך זיין לעצטן באַזוך דאָ אָוועקגענומען זיין פּנים פון אָפענעם באַן־פענצטערל צו גיך... די באַן האָט זיך גענומען אַוועקגליטשן איבער די ווייט־געשטרעקטע רעלסן, אָבער זי איז נאָך דאָרט געשטאַנען ביז די באַן איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן אין די ווייטענישן, און אַלץ אַרום האָט אויסגעזען פאַרלאָזן און וויסט. פאַר וואָס האָט ער נישט געהאַלטן זיין פּנים לענגער ביים אָפענעם פענצטערל? זאָל דאָס זיין צוליב שרהלען? צוליב וואָס איז זי דאָ פאַרבליבן? שוין־זשע צוליב דעם, אַז זי זאָל נאָך אַ ווײַלע קענען אָפּרוען איידער ס׳הויבן זיך אָן אויפוויקלען די אַלע שוועריקייטן ביי איר צוריקקומען אין שטאָט? אָבער זי האָט נישט מער דעם פריערדיקן געדולד דאָ צו זיין. זי איז מיט יעדן פיבער פון אירע געדאַנקען סיי ווי אין שטאָט. זי קאָן אַפילו מער נישט איינליגן אין האַמאַק. זי וועט גיין זען, אפשר איז היינט דאָ פון אים אַ בריוו.

פון ניעזשינערן איז אָנגעקומען אַ רירנדיק בריוול. ער שרייבט צווישן אַנדערן: „ער איז נאָך אַלץ ביי הערשעלען. ער האָט זיך נישט אַריבערגע־צויגן צום ים אויף עטלעכע וואָכן ווי ער האָט געטראַכט. געטראַכט האָט ער אויך, אַז זי מיט דינהלען וועלן אפשר וועלן זיין ביים ים ביז וואָס־ווען? אָבער ערשטנס איז מיט אַ מאָל געוואָרן קאַלט און סע רעגנט נאָכאַנאַנד. איז צו וואָס טויג שוין דער ים? צווייטנס — ער האָט פאַרלאָרן זיין שטעלע... ער לויפט אַרום זוכן אַרבעט... גראָד איצט וואָלט ער זייער געוואָלט אַרבעטן, מחמת ער מוז... אַרומדרייענדיק זיך אָן אַרבעט האָט ער דערווייל אָנגעשריבן עטלעכע לייכטע, פאָלקסטימלעכע לידער (ער וועט זיי אָפּדרוקן אין דער צייטונג כדי צו פאַרדינען עפּעס)... אָט איז איינע:

„שפּיל קלעזמערל, שפּיל מיר פריילעכער,
שטיל איין מיינע טרערן.
שפּיל קלעזמערל, שפּיל מיר פריילעכער,
מיר זאָל גרינגער ווערן.

נאָר דאָס קלעזמערל שפּילט אַן אומעטיקס —
ס׳פידעלע שניידט מיט מעסער...
אוי נישט גוט איז מיר, יונגער קלעזמערל!
דיר איז אויך נישט בעסער״.

„אַן איינפאַך פאָלקסלידעלע, אַ גאָרנישט. דאָך בין איך בעתן שרייבן געווען סענטימענטאַל. אַזש געוויינט. פון אַזאַ סענטימענטאַל געפיל האָט מיך אָבער אַרויסגעפירט אַ צווייט ליד. די — אַ קלוגע, אַ קלאָרע פאַר אַ זייטיקן, פאַר מיר אָבער, אַ מייניקע, אַ דייניקע אין דעם אינהאַלט:

נישט פון פינצטערע פאַרלאַנגען
דיינע, מיינע הענט,
קרייצן זיך ווי בלינדע שטאַנגען.
איצטער שלאָפן די פאַרלאַנגען —
אָ, דאָס קרייצן זיך פון הענט!

נישט אויף אייביק, צי אויף אייביק
קרייצן מיר די הענט? —
אָבער האָפערדיק און גלייביק
שמייכל איך: אויף אייביק, אייביק
לעבט דאָס קרייצן זיך פון הענט...

„געפעלט דיר נישט? פאַר מיר איז דאָס ליד אַ נאָענטע זאַך. ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָב איך געפילט אַלץ איינס ווי אינעם ליד. דזשוקאַ! געדענקסט אַרום האָספּיטאַל? די קראַנקן־שוועסטער האָט אַרונטערגעצויגן דעם פאָרהאַנג, דעם קראַנקן דאָרט האָט אָפּנים אויפ־געריגט אונדזער זעגענען זיך — איצט איז עפּעס אַנדערש, איצט איז אַלץ אַזוי נישט רעאַל — דזשוקאַ, איצט בעת איך זיץ אין הערשעלעס הויז און שרייב דיר דאָס בריוול בין איך זייער נערוועז און ס׳רעגנט שטאַרק און איך בין פאַרלאָרן — נו, איך קוש דיך, אָט אַזוי־אָ, זע... און איך קוש מיטן האַנט אָט אַזוי — נו, זיי געזונט און שרייב וועגן אַלץ. וועסט זיך פּיקפּן? אַזויפיל שווערקייטן האַ? נו, איז בי אַ מען!...״

צווישן מרימען און דודן אין געלאָפן אַן אויסטויש פון צווי בריוו. זי האָט אים געשריבן, אַז זי קומט מיט דינהלען אין די נאָענטע טעג צוריק קיין ניו יאָרק, און אַז זיי וועלן זיך אויפהאַלטן ביי משהן ביז זי וועט געפינען אַ וווינונג. דאָס וועט זיכער נישט דויערן לאַנג, וואָרעם עס זענען איצט דאָ איבערגענוג ליידיקע דירות. זי האָפט, אַז ער געדענקט זייער אָפּמאַך, אַז דינהלע בלייבט מיט איר. זי וועט אים לאָזן וויסן ווו און ווען ער קען זען דאָס קינד די מינוט, וואָס זי מיט דינהלען קומען אָן אין שטאָט.

ער האָט געענטפערש, אַז ער פאַרגעסט גאָר נישט. זיין וואָרט איז אַלע מאָל געווען אַ וואָרט, און זי קען דערויף בויען. ער האָט צוגעזאָגט אויסהאַלטן דאָס קינד מיט אַלעם נויטיקן און אַזוי וועט ער טאָן. דינהלען וועט פון קיין זאַך ני׳שט פעלן, וואָס שייך אים... ער וואָלט אַודאַי נישט געוואָלט דאָס קינד זאָל זיך איצט אַרומוואַלגערן אין דער פרעמד, ער בלייבט נאָך אין דער וווינונג ביז סוף אָקטאָבער. אָבער די מיסעס שטיין גרייט זיך יעדן טאָג אַריין אין שפּיטאָל דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע אויף דער גאַל. ער בעט, אַז זי, מרים, זאָל זיך פאַרבינדן מיט אים טעלעפאָניש באַלד ווי זי קומט אַריין אין שטאָט, וועט ער קומען נעמען דינהלען צו זיך אויף אָוונטברויט און אפשר אויף איבערנעכטיקן. איין מאָל אַ וואָך וויל ער האָבן דינהלען ביי זיך, כדי דאָס קינד זאָל נישט ווערן פון אים פאַרפרעמדט. זאָל זי, מרים, געדענקען, אַז דאָס בלייבט אַן אָפּמאַך.

פון ניעזשינערן איז אָנגעקומען אַ קורץ, נערוועז בריוול.

„... דו שרייבסט, אַז דו קומסט אין שטאָט, און איך? — גאָרנישט! כ׳וויים אָפילו נישט דיינע פּלענער... כ׳בין אומרו׳ק אויף טויט. כ׳האָב עפּעס באַדאַרפט טאָן וועגן אַ וווינונג, אָבער כ׳וויס, אַז כ׳וועל דיר נישט גאַווירן. כ׳בין פון דעסטוועגן אַרומגעגאַנגען איבער די וויליאַמסבורגער גאַסן און געקוקט אויף די שילדן פון ליידיקע דירות... קום נאָר צופאָרן וועט שוין אַלץ זיין גוט און איך וועל נאָכגיין נאָך דיר, נאָך דיינע פּלענער. האָסט כאָטש מיך אין זינען? אַ נישט איז שלעכט... שרייב גענוי ווען און מיט

װעלכער באַן דו קומסט אָן, װעל איך דיך אָפּװאַרטן בײ דער באַן־סטאַציע. און דזשוקאַ, פֿאַרן פֿאָרן פֿאַרגעס עס נישט, דאָס װעלדל...

נו, זײ געזונט. דעם לעצטן, נאַרישן קוש אויפֿן פּאַפּיר. שרײַב מיר די מינוט. װי איך בין אומרויק! — — —״

# קאַפּיטל 16

.1

מיט אַ מאָל האָט זיך דאָס וועטער געביטן. כמאַרעס גייען איבערן הימל ווי עמעץ וואָלט זיי אָנגעטריבן. דער ווינט בויגט דיביימער ביז צו דער ערד, און אין גראָז בלייבן ליגן ליידיקע פייגלשע נעסטן... די טרוקענע בלעטער לויפן געיאָגט פון ווינט... די גאַנצע לאַנדשאַפט אַרום זעט אויס זיך צו זעגענען מיטן זומער. מרים אויך. זי מיט דינהלען שטייען שוין גרייט אַרום זייערע וואַליזעס און וואַרטן דער פאַרמער זאָל זיי אָפּפירן צו דער באַן. דער פאַרמער איילט זיך. ער האָט איבערגעריסן די לעצטע אַרבעט אין פעלד און ער מוז נאָך היינט אַריינגעמען אין שייער דאָס ביסל תבואה, איידער דער שווערער רעגן פאַלט אַראָפּ און מאַכט דערפון אַ תל. די שכנישע פאַרמערס האָבן זיך צוגעדונגען אַרויסהעלפער. אָבער ער אַרבעט אַליין. די פאַרם זיינע איז נאָך נישט אויסגעצאָלט, און יעדער סענט איז אויסגערעכנט ביי אים. זיין פּנים איז דורכן זומער געוואָרן נאָך איינגעטריקנטער און האַרטער. ער האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד ווען מרים מיט דינהלען זענען איינגעשטיגן אין וואָגן. די פאַרמערין מיט די צוויי שיקסלעך מערי און ען זענען געשטאַנען שטילע און צוגעקוקט ווי מרים מיט דינהלען פאָרן אַוועק... דינהלע האָט צו זיי געפעכערט מיטן הענטל. מרים האָט געוואָרפן אַ בליק צום וועלדל... דער געדיכט־צעצווייגטער בוים איז איצט געווען דורכזיכטיק... זי האָט זיך אין געדאַנק געזעגנט מיט די זומערדיקע טעג, מיט די נעכט...

דאָס פערד־און־וועגעלע איז אַרויס אויפן אָפענעם, ברייטן שליאַך. די אַרומיקע פאַרם־שטיבלעך אָפּגעדעקט פונעם זומערדיקן גרינס, האָבן איצט אויסגעזען אָרעם און נאַקעט. גרויע, ווייסע שטיבלעך, רויטע שטאַלן לויפן פאַרביי. די ווייטע, פאַרנעפּלטע בערג הויקערן זיך ווי באַדראָט פון ווינטער־עלנט...

מרים איז צופרידן וואָס זי פאָרט שוין צוריק אין שטאָט. זי דערמאָנט זיך אַ זומער נישט לאַנג צוריק, ווען זי איז פאַרבליבן אין די בערג מיט דינהלען ביזן ווייטן האַרבסט, מחמת אין שטאָט איז געווען אַן אונטערגאַנג אויף קינדער־פּאַראַליז. אין האָטעל זענען מער קיין אַנדערע געסט נישט פאַרבליבן, נאָר זי מיט דינהלען. די קרוינען פון די הויכע ביימער האָבן געפלאַקערט מיט גסיסה־רויטקייט, און באַלד איז דאָס בלעטערוואַרג פון גאַנצן זומער געלעגן אויפן באָדן. זי איז געגאַנגען אין טרוקענע בלעטער ביז די קני און געזען ווי דער ווינט בויגט מיט גוואַלט די נאַקעטע ביימער צו דער ערד... ס׳האַרץ איז איר געווען פול מיט אַנגסט און מיט טרויער. ווי ברוטאַל די נאַטור איז אין האַרבסט...

מוחל, מוחל. זי וויל דאָס בילד מער נישט זען.

דינהלעס אייגעלעך זענען איצט געווען אומהיימלעך טונקל און זי האָט געהאַלטן איר ליאַלקע שטאַרק צוגעדריקט צו זיך.

מע איז פאַרבייגעפאָרן סאָפּיס האָטעל און מרים האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ. צו סאָפּין און צו איר האָטעל האָט זי נאָך אַלץ אַ פּריקרע געפיל. מאָדנע, ווי דער צופאַל האָט זי אַהין פאַרטראָגן... ס׳קומט איר פאָר, אַז סאָפּי מיט די אַלע געסט אין איר האָטעל זענען איינס מיט אירע ווייטע, אָפּגעשטאַנענע קרובים, וואָס זי קאָן זיך מיט זיי מער נישט צונויפריידן...

דאָס פערד־און־וועגעלע האָט פאַרבייגעטראַסקעט דאָס הילצערנע בריקל. דערביי האָבן מויערער געגראָבן דעם באָדן און געלייגט די גרונטשטיינער פאַר אַ נייעם האָטעל. דער פאַרמער האָט אַ וואָרטשע געטאָן דאָס זייניקע אונטער דער נאָז: „ווי הינטישע שוואָמען וואַקסן דאָ אויס די האָטעלן איבער נאַכט”... און ער האָט אַ צי געטאָן די לייצעס און דאָס פערדל איז געלאָפן אין גאַלאָפּ איבערן לײדיקן שאָסיי.

די באַן איז געווען געפּאַקט מיט ווייבער און קינדער, וואָס האָבן אַהיימגעפירט פון די זומער־דאַטשעס אַ סך צוגעקומען לייב, אַ צוגעברוינטע הויט באַשפּרענקלט מיט זומער־שפּרענקעלעך. זיי האָבן צעעפנט פּעק מיט עסנוואַרג און זיך אונטערגעלענט דאָס האַרץ, געשטופּט די קינדער ביסנס אין מויל. די קינדער זענען אומגעלאָפן איבערן וואַגאָן

און געטומלט. דינהלע האָט זיך אויסגעמישט מיט די קינדער און מיטן טומל.

מרים האָט אַרויסגעקוקט פון באַן־פענצטערל. די לאַנדשאַפט האָט זיך געיאָגט אויף צוריק אין איינעם מיט אָפּגעריסענע שטיקלעך געדאַנקען אירע און זענען פאַרבליבן ערגעץ הינטערוויילעכץ... זי האָט געעפנט אַ בוך און נישט געגלויבט, אַז זי וועט דאָס לייענען. גלאַט אַזוי געעפנט. זי האָט נישט איבערגעמישט קיין איין בלעטל, נאָר די שעהן, ווי בלעטלעך אין אַ בוך, האָבן זיך געבלעטערט און דערוויטערט און מיט אַ מאָל איז די באַן אַריין אין דעם אונטערערדישן טונעל פון דער גרויסער ניו יאָרקער באַן־סטאַציע. די באַן האָט אויסגעלאָשן אין זיך דעם גאַנצן לויפנדיקן אימפּעט און איז געבליבן שטיין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווי אַלע מאָל, ווען זי קומט נאָכן זומער צוריק אין שטאָט, האָט אויך איצט אויף מרימען אַ ווייע געטאָן מיט דערפישונג דער ווירוואַר פון אומבאַקאַנטע מענטשן אויף דער גרויסער באַן־סטאַציע. מענטשן האָבן זיך באַוועגט אין גרופּן און איינצלנע גיך ווי גליטשנדיק זיך אויפן אייז. אָט האָט מען זיך באַגעגנט, אָט — זיך געזעגנט... די הילכערס רופן אָן די נעמען פון ווייטע שטעט, מע יאָגט זיך, ס׳שווינדלט פאַר די אויגן. מרים קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, אָבער זי זעט נישט ניעזשינערן. אויף אַ רגע ווערט איר הויל ביים האַרצן, אפשר האָט ער נישט דערהאַלטן איר לעצטן בריוו? אפשר איז עפּעס געשען און ער קאָן נישט קומען זי אָפּנעמען? זי וועט אַריינגיין אין וואַרטצימער און דאָרט וואַרטן. דאָרט זיצן דאַכט זיך אַלע מאָל מענטשן און וואַרטן אויף עמעצן, וואָס וועט נישט קומען...

מיט אַ מאָל איז ניעזשינער אויסגעוואַקסן לעבן איר.

— מרים! כ׳האָב דיך נישט דערקענט... ביסט עפּעס געוואָרן טונקעלער, פולער — — אַ מולאַטקע...

דאָס פּנים זיינס האָט זיך געבראָכן אין שמייכלען, דער הוט איז אים געזעסן אַרויפגערוקט אויפן שטערן און ער האָט אויסגעזען ווי אַ ווינט וואָלט אים אַקאָרשט פון ערגעץ אָנגעטראָגן...

זיי האָבן זיך אָנגעקוקט ווי זיי וואָלטן זיך נאָך אַלץ געזוכט... זיי האָבן זיך נישט צעקושט, וואָרעם דינהלע איז דאָ געשטאַנען צווישן זיי. די באַגעגעניש אויפֿן גרויסן וואָקזאַל איז פֿאַר ביידן ניי און אויסטערליש־פרעמד. פֿיר וואָכן האָבן זיי זיך נישט געזען און דאָ, איז דער פרעמ־דער אַטמאָספֿער אונטער אַ פרעמדן טאָגליכט האָבן זיי זיך אויסגעזען פֿאַרענדערט... ער איז אַ קאַפּעלע עלטער געוואָרן... אַ נייער קנייטש איז צוגעקומען אויף זיין שטערן, און זי האָט צוגעקראָגן אַ פרעמדע טונקלקייט אויף דער הויט און אַ רונדע ליניע אויף איר פּנים... ערשט מיטן אָפּדרוק פון זיינע ליפּן אויף אירע פינגער האָבן זיי זיך דערפילט... דערקענט... צעשמייכלט — יאָ, דאָס זענען טאַקע זיי — די זעלביקע צוויי...

זיי זענען געשטאַנען אין מיטן פון דעם מענטשנשטראָם אויף דער 42־טער גאַס.

— מרים, וווהין גייען מיר? איך פיל זיך עפּעס לעפּישעוואַטע... אָט ביסטו געקומען — און איך? באַדאַרפט כאָטש אָנגרייטן אַ צימער...

— בעסער אַזוי. אַרום דער באָבע און אַרום פריידלען וועט דינהלע זיין ווי ביי זיך אין דער היים. און איך וועל זי דאָרט קענען איבערלאָזן, אַוועקגיין וווהין איך דאַרף און זיין רויִק.

— ביסטו זיכער, אַז זיי ווילן דיך דאָרט האָבן?

— כ׳האָב זיי געשריבן, אַז כ׳קום מיט דינהלען אויף עטלעכע טעג און זיי וועלן מיך זיכער נישט אַרויסוואַרפן. מאָדנע, ווייל די מאַמע איז דאָרט פיל איך, אַז איך קאָן צו יעדער צייט אַהין קומען...

ניעזשינער האָט איצט דערזען מרימען און דינהלען ווי צוויי קינדער איינס אַביסל עלטער פאַרן אַנדערן...

— מיין נישט, אַז כ׳האָב גאָר נישט געטאָן וועגן אַ דירה. כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט און כ׳האָב אַן אַדרעס. — ער האָט גענומען טאַפּן אין די קעשענעס — אַך, געלאָזן אין אַנדערן אָנצוג...

מרים האָט געשמייכלט פון זיין צעחושטקייט.

— יאָ, כ׳האָב דיר פאַרגעסן זאָגן, — האָט ער ווייטער געזאָגט — כ׳אַרבעט אין אַ נייעם שאַפּ. כאָטש כ׳אַרבעט קיין מאָל נישט שבת

נאָך האַלבן טאָג, האָב איך היינט יאָ געאַרבעט. ווייסט דאָך, אַ נייער פּלאַץ... כ׳קום איצט פון דער אַרבעט.

איצט האָט מרים דערזען, אַז דער שטויב פון שאַפּ ליגט נאָך אויף אים. זי האָט נישט געוווסט צי זי זאָל זיך פרייען דערמיט, וואָס ער אַרבעט. זי ווייס דאָך, אַז ער אַליין פרייט זיך נישט מיט דעם.

— איז פאַרן מיר הייסט עס, צו משהן... — האָט ער געזאָגט אומעטיקלעך.

זיי זענען געפאָרן מיט דער ערשטער עוועניו „על״ און דערנאָך מיט אַ טראַמווי איבער דילענסי סטריט קיין ברוקלין. נאָך דריי חדשים נישט זיין אין ניו יאָרק, איז מרימען ליב געווען דער רעש און געדרענג פון מענטשן, וואָס טראָגן זיך איבער די גאַסן. ס׳איז גוט צוריקצוקומען צו דער גרויסער שטאָט, נאָר מ׳דאַרף זיך אויפסניי צוגעווינען צו דער גרויקייט פון די מויערן און צום ליבן טומל.

דינהלע האָט אַ זאָג געטאָן:

— מאַ, ווען איך וועל אויסוואַקסן וועל איך זיין אַ פאַרמערין.

— זייער שיין, זייער שיין. — האָט מרים געענטפערט און זיי זענען אַרויס פון טראַמווי.

ניעזשינער האָט געטראָגן אירע ביידע וואַליזעס. זיי זענען צוגעקומען צום הויכן מויער אויפן ראָג גאַס, ווו אין איינער אַ נאַכט, מיט לאַנגע חדשים צוריק, איז ער פאַרעקשנט געשטאַנען ביי דער־אַ וואַנט... אַ פּאָליציאַנט האָט אים געהאַלטן ביים אַקסל אין פינצטערן קאָרידאָר... ער האָט אַ זאָג געטאָן מיט קוים־קוים אַ שמייכל אויף די ליפּן:

— צו דעם־אַ מויער האָב איך נישט קיין מזל. אינעווייניק לאָזט ער מיך נישט אַריין...

מרים האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פילבאַדייטנדיק. כאָטש זיי רעדן נישט דערפון, ווייס ער, אַז איר משפּחה וויל אים דערוויייל נישט קענען...

ער האָט אַרויפגעטראָגן אירע וואַליזעס אויפן פערטן גאָרן. זי האָט אים נישט געבעטן אַריין, נאָר אָפּגערעדט צו באַגעגענען זיך שפּעטער.

.2

פריידל האָט זיך אַרומגעכאַפּט ס׳ערשטע מיט דינהלען. דאָס קינד איז איר איינגעבאַקן אין האַרצן. זי האָט זי געניאַנטשעט ווען זי איז נאָך געווען אַ פּיצל. אַז גאָט וועט וועלן, און זי וועט, מערצעשעם, פאַרשוואַנגערן און אויסטראָגן, (צוויי מאָל האָט זי מפּיל געווען) וואָלט זי געוואָלט ס׳ערשטע אַ מיידעלע... זי וועט רעדן צו איר אַזוי באַדאַכט און רו׳יק ווי מרים רעדט צו דינהלען. זי וועט זי לערנען שפּילן פּיאַנע...

— דאָס קינד האָט זיך געפּיקסט, אַ מחיה! דו אויך, מרים. איר זעט ביידע אויס קיין עין־הרע שיין ווי גאָלד!

— קיין עין־הרע נישט. — האָט די אַלטע געמורמלט און צוגענומען די קושן פון מרימען מיט דינהלען. — פו — פו! קיין בייז אויג!

די אַלטע האָט באַטראַכט מרימען. אַלע קנייטשן און קאַרבן פון איר פּנים האָבן באַטראַכט מרימען: דאַכט זיך, אַז זי זעט אויס צופרידענער ווי פריער...

— זעסט אויס בלייך, מאַמע, וואָס איז דיר?

— ס׳איז מיר, חלילה, גאָרנישט. הלוואַי ווייטער.

— גייסט גאָרנישט אַראָפּ אין גאַס אויף דער פרישער לופט?

— פאַר וואָס נישט? כ׳גיי דווקא יאָ אַראָפּ אין גאַס. זיץ אַמאָל אַביסל ביים סטופּ. כ׳האָב אָבער קיין גערולד נישט זיצן צו לאַנג אין גאַס, ס׳גנעמט מיר שווינדלען פאַר די אויגן. קיין עין־הרע, אַזוי פיל מענטשן.

— פון דעסטוועגן האָט מען דיך קיין מאָל זומערצייט נישט געקענט אַרויסקריגן פון שטאָט אויף אַ פּאָר וואָכן אין דאָרף. ווייסט גאָרנישט ווי גוט ס׳וואָלט געווען פאַר דיר די פרישע לופט פון די בערג. וואָלסט געקענט געווען קומען צו מיר אויף אַ ווייל — — —

— די קאָנטרעס, מיין קינד, זענען נישט פאַר מיר. כ׳האָב יאָקבי אָפּגע־לעבט מיינע יאָרן דאָ אין אַמעריקע אָן זיי. הלוואַי ווייטער נישט ערגער. דינהלע, קום אַהער, לאָמיך דיך גוט אָנקוקן.

משה איז אַרויפגעקומען פון גאַס. באַגעגנט מרימען מיט דעם גוטן שמייכל פון עלטערן ברודער. ער איז דווקא געווען תקיף ביי זיך, וואָס

דאָס שוועסטערל זיינס איז ווידער געקומען צו אים. דאָס איז אַ באַוויז, אַז ער ווייס ווי זיך צו האַלטן און דערווייטערט זי נישט. סוף־כּל־סוף קאָן זיך נאָך אַלץ ענדיקן צום גוטן מיט דודן און טאַקע דאָ, ביי אים אין שטוב...

פריידל האָט זיך געלאָזן אַראָפּגיין עפּעס צו קויפן אין דער גראָסערי. מרים האָט איר איינגערוימט שטיל, אַז זי זאָל פאַר איר אָנטעלעפאָנירן דודן, אים זאָגן, אַז זי איז דאָ מיטן קינד. זי האָט אים געוואָלט טעלעפאָנירן פון וואָקזאַל, אָבער...

— איך גיי דאָך סיי ווי אַראָפּ אין גאַס. ס׳איז נישט קיין גרויסע טרחה.

— אַן אַנדערן וואָלט איך נישט געבעטן...

— נאַרעלע, וואָס דאַרפסטו זיך פאַרענטפערן?

ווען פריידל איז צוריק אַרויפגעקומען האָט זי אַ זאָג געטאָן הויך:

— דוד וועט דאָ זיין זעקס אַזייגער. כ׳האָב ערשט־אָ גערעדט מיט אים אין טעלעפאָן. — דאָס האָט זי געוואָלט, אַז די שטוביקע זאָלן וויסן און מרים זאָל דאָס נישט דאַרפן זאָגן.

מרים האָט מיט די אויגן אַ גלעט געטאָן פריידלען.

משה האָט שוין געדרייט זיין וואָנסעלע אויפן פינגער. ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון רייד. ער האָט געטראַכט: די „קליינע״ הויבט זיך שוין אפשר אָן באַזינען. — „די קליינע״ איז ביי אים אין געדאַנק געווען מרים. — דאָס וואָס דוד קומט אַהער אַרויף זעט עס אים אויס, אַז ס׳גייט אויף אַ לאַד.

די קנייטשן אויף דער אַלטערס פּנים האָבן זיך אַט געליכטיקט, אַט געפינצטערט. אירע ליפּן האָבן געמורמלט פאַר זיך: וואָס ווייס דער זינדיקער מענטש? אַלץ איז אונטער דעם אויבערשטנס השגחה. ווי דער מזל מרימס וועט אויסטראָגן אַזוי וועט זיין. ווער איז זי, אַז זי זאָל זיך מיטן אויבערשטן שפּאַרן?

נאָר שפּעטער, ווען דער זייגער האָט געוויזן זעקס, און דוד, וואָס איז פון אַלע מאָל אַ פּינקטלעכער, איז אַריין אין שטוב ווי אַן אייגענער, אַ משפּחהדיקער, באַהאַלטנדיק זיין איצטיקע אָפּגעפרעמדקייט אונטער אַ

געמאַכטן שמיכל, האָט דער אַלטער אַ ריס געטאָןביים האַרץ: נעבעך... פאַר וואָס קומט דאָס אים? מיט וואָס האָט ער געזינדיקט? ער האָט דאָך אין שטוב געטאָגט און גענעכטיקט; פאַר אירע אויגן זיך אויסגעמענטשלט, זיך אַרויפגעאַרבעט הלוואַי אויף אַלע ליבע. אָבער איר האַרץ האָט געפילט און איר אויג האָט געזען, אַז מרים איז נישט געווען צופרידן. נאָך מיידלווייז פלעגט זי ווערן אומעטיק ביי זיין אַרויפקומען ווי ער וואָלט איר פאַרשטעלט די טיר צו דער וועלט, און נישט געלאָזן באַגעגענען אַ צווייטן, וואָס איז איר אמתער זווג... פאַר וואָס־זשע האָט עס דער רבונו של עולם אַזוי געמאַכט? מסתמא ווייס ער פאַר וואָס. זי אָבער ווייס נישט און קאָן דעם צער נישט צוזען.

פריידל האָט אָנגעהויבן גרייטן צום טיש.

— דוד, איר וועט עסן מיט אונדז סאַפּער. — האָט פריידל געזאָגט ווי זי פלעגט עס זאָגן אַמאָל, אין די גוטע, אַלטע צייטן...

דוד האָט געהאַלטן דינהלען ביים הענטל גרייט אַוועקצוגיין.

— לויפט נישט אַוועק! בלייבט דאָ מיט אונדז עסן. — איז משה געוואָרן צודרינגלעך.

— ער וואָלט וועלן... אָבער ער האָט זיך נישט געריכט... די מיסעס שטיין האָט היינט צוליב דינהלען געגרייט גאָר אַ באַזונדערן מאָלצייט און זי וואַרט דאָרט אויף זיי... ער מוז שוין גיין... — האָט זיך דוד פאַרענטפערט. ער קאָן דאָך נישט זאָגן משהן, אַז אַפילו ווען די מיסעס שטיין וואַרט נישט אין דער היים אויף אים מיט דינהלען, איז אים דאָ פיינלעך לענגער צו פאַרבלייבן, וואָרעם צווישן אים און מרימען איז שוין אַלץ און אויף אַלע מאָל געענדיקט. ער ווייס עס.

דינהלע האָט זיך געקלאַמערט אָן איר טאַטן. מרימען איז קלאָר געוואָרן, אַז זינט דער צעשיידונג איז דינהלע געוואָרן מער צוגעבונדן צום טאַטן. זי איז אים פלוצים מקנא געווען: דינהלע איז מיט אים...

דוד האָט זיך גיך געזעגנט, האַלטנדיק דינהלען ביים הענטל. מרים האָט אַ נעם געטאָן איר לייכטן זשאַקעטל אויף די אַקסל און איז מיט זיי אַרויס פון שטוב.

אויף די שטוביקע איז געפאַלן אַ שטיל־שוויגעניש. ס'האָט אויסגעזען, אַז אפשר... אפשר ווילן זיי זיין אַליין, זיך דורכשמועסן... משה האָט פלוצים אַ זאָג געטאָן:

— ווער קען ביי זיי דערגיין אַ טאָלק?

זיי זענען געגאַנגען אַ לאַנגן קוואַרטאַל אין שווייגן. דוד האָט געהאַלטן זיין קאָפּ שטייף צווישן די אַקסלען. דינהלע האָט געצערטלט זיין האַנט און מרים האָט עס געזען, אָבער שוין אָן דער שאַרפער קנאה ווי פריער. זי האָט געטראַכט: נאָך אַלעמען, דאָס קינד פילט אַז ער איז דאָ ערגעץ באַעוולהט...

מרים האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן, זיך נאָכגעפרעגט אויף דער מיסעס שטיין, און צי זי וועט טאַקע מוזן דורכמאַכן אַן אָפּעראַציע אויף דער גאַל. זי האָט אים ווידער פאַרזיכערט, אַז אין געציילטע טעג וועט זי האָבן פאַר דינהלען אַ באַקוועמע היים.

דוד האָט אויף קיין איין מינוט נישט געצווייפלט אין מרימס שטאַנד־האַפטיקייט; אין איר פעיִקייט איינצואָרדענען זיך מיטן קינד אַפילו אונטער אַט־די באַדינגונגען. אמת, זיין אויסהאַלטן דינהלען גיט איר אַליין אויך אַ באַדן אונטער די פיס, אַ געוויסע מאָס זיכערקייט פאַר איר עקזיסטענץ, וואָס ער וואָלט דאָס איר מיט אַ יאָר צוריק נישט פאַרגונען. היינט איז אים אַלץ איינס. ער וויס, אַז ניעזשינער וועט דאָרט זיין מיט איר און מיטן קינד און ער איז שוין אויף דעם אויך גרייט. צו וואָס זיך נאַרן? ער אַליין וויל איצט גרינטלעך איבערבויען זיין לעבן. זאָל נאָר גילטיק ווערן דער גט, וועט ער חתונה האָבן און דעמאָלט — אפשר וועט גאָר דינהלע וועלן זיין מיט אים? — — — דעמאָלט וועט מען זען. — דינהלע וועט די נאַכט נעכטיקן ביי אים. — האָט דוד געזאָגט נישט קוקנדיק מרימען אין איר צוגעברוינטן פּנים. — מאָרגן גאַנץ פרי וועט ער זי צוריק־ברענגען, וואָרעם די מיסעס שטיין באַדאַרף גיין צום דאָקטער. זי האָט אים געלאָזן וויסן, אַז סוף וואָך גיט זי אין גאַנצן אויף די שטעלע. אָבער ער וויל אַז איין מאָל אַ וואָך זאָל דינהלע פאַרברענגען מיט אים. ער האָט דאָך אויף דעם אַ רעכט, ניין?

— געוויס!

מרים האָט אַ קוש געטאָן דינהלען: — דער טאַטע וועט דיך היינט לייגן שלאָפן. מאָרגן, אויב ס׳וועט זיין אַ שיינער טאָג וועל איך דיך נעמען צום ים קיין קאָניאיילענד — גוט?

דינהלע האָט געשוויגן נישט נאָך איר טבע.

— דאָס קינד איז מיד פון וועג. לייג זי פרי שלאָפן. — האָט מרים געזאָגט און זיך געלאָזן גיין אין דער פאַרקערטער ריכטונג מיט גיכע טריט.

אַן אויסטערלישע, אויסגעבענקטע פרייקייט האָט זי אַרומגעכאַפּט. עפּעס אַ מין גליקלעכער טרויער האָט זי געטראָגן אין דער וויטער וועלט אַריין; פרייע ווינטלעך זענען געלאָפן איר אַנטקעגן, געגלעט איר דאָס פּנים. אַ פאַרהוילענע פרייד האָט פון ערגעץ גערופן, געמאָניעט צו זיך... אויף די גאַסן און איבער דער בריק האָבן זיך די לאָמפּן אָנגעצונדן ווי פון אַן אומגעזעענער האַנט. אין דעם געוועב פון דער בריק האָבן זיך באַלויכטענע טראַמווייעלעך ערגעץ געצויגן; פייערלעך האָבן געפינקלט. פאַרלעך האָבן איבער די גאַסן שפּאַצירט און זי האָט זיך דערפילט ווי אַ טייל פון דער ריטמיש־באַוועגלעכער, פאַנטאַסטישער שטאָט.

זי האָט געהאַט אָפּגעמאַכט מיט ניעזשינערן צו טרעפן אים אין דעם רעסטאָראַן ווו זיי פלעגן אַמאָל עסן און זי האָט אים געטראָפן וואַרטן ביים אַריינגאַנג

— נו, ווי איז עס צוגעגאַנגען? כ׳מיין, אַלץ מיט אַן אַנדער?

— זייער פּשוט. אַ סך פּשוטער ווי כ׳האָב זיך גערעכנט. דוד איז דאָרט אויבן געוועזן. ער האָט גענומען דינהלען צו זיך אויף דער נאַכט. אַלץ איז אַדורך שטיל און רויִק. ס׳איז אפשר גאָרנישט פאַראַן קיין דראַמע אין לעבן, סיידן מ׳שפּילט זי אויף...

— ביסט אַ קלוגע...

— קלוג צו באַגיין נאַרישקייטן...

— אַן די נאַרישקייטן פון קלוגע וואָלט זיין לאַנגווייליק...

— אפשר...

ער האָט אָנגענומען אירע הענט. די הענט זייערע האָבן זיך ווידער געקרייצט איבערן טישל ווי דעמאָלט ווען זיי זענען דאָ געווען ס׳ערשטע מאָל.

— מירא, געדענקסט? ס׳איז שוין באַלד אַ יאָר!...

— יאָ, זי געדענקט. זי האָט זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן ביי משהן פונקט ווי איצט...

דער קעלנער איז צוגעקומען און זי האָט אַוועקגענומען אירע הענט פון זיינע.

— דאָ האָב איך דעם אַדרעס פון דער וווינונג. — האָט ניעזשינער געזאָגט און אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ פאַרשריבן שטיקל פּאַפּיר. — געגעבן האָט עס מיר דזשוליע, זי איז די טעג געווען דאָרט ביי הערשעלען אין שטוב. כ׳ווייס נישט פאַר וואָס איך האָב גראָד זי אַ פרעג געטאָן: צי ווייס זי וועגן אַ באַקוועמער וווינונג. הערשעלע האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און מיר איז געוואָרן נישט גוט, וואָס כ׳האָב אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט „באַקוועמע״...

מרים האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— פאַרשטייסט, איך שעם זיך אַפּנים לעבן באַקוועם... וועל זיך דאַרפן צוגעוווינען... צוליב דיר...

מרים האָט פלוצים געהאַט אַ פאַרלאַנג אים ווי טאָן מיט אַ וואָרט, אָבער זי האָט זיך קאָנטראָלירט.

— דזשוקאַ, פאַרשטייסט?...

מרים האָט אויפגעהויבן די אויגן. אַוודאַי פאַרשטייט זי, אַז ער הויקערט זיך אונטער דער משא פון אַ שולד־געפיל פאַר חנהן מיט די קינדער. זי איז אָבער קיינעם גאַרנישט שולדיק. נישט דודן, און אַפילו נישט דינהלען. נישט זי האָט אויסגעוויילט פאַר זיך אָט דאָס שווערע לעבן. דער וועג אירער האָט זיך אָנגעצייכנט אָן איר ווילן און זי מוז אים אָבער גיין. דאָס לעבן מיט דודן האָט אויפגעריסן, מחמת ס׳איז געווען קרום פון אָנהייב אָן. זי איז נאָך געווען כמעט אַ קינד ביי זייער חתונה. אָדער קיינער איז דאָ נישט געווען שולדיק. ס׳אייגענע איז מיט אים, מיט ניעזשינערן, ער ווייסט, אַז ער קען מער נישט און וועט נישט צוריקגיין צו חנהן. דער תהום צווישן זיי איז מער נישט אַריבערצושפּאַ־נען, און ס׳איז פאַרפאַלן. ער שעמט זיך אָבער זיין גליקלעך אויף אַ קאָנ־

ווענציאַנעלן אופן טאַקע צוליב חנהן, צוליב די קינדער... ער וויל מיטן פלאַגן זיך פאַרענטפערן זיין געוויסן...

ווען די אַלע זאַכן איז שווער צו רעדן מחמת אַזויפיל דינקייטן זענען דאָ פאַרוויקלט און מרים האָט נישט גערעדט. נאָר אין איר האַלטונג, איז געווען אַן אַבסאָלוטע זיכערקייט, אַז וואָס זי טוט איז רעכט, ווייל אַזוי מוז זי טאָן. אַזוי איז איר גורל.

זי האָט געקוקט אויף דער אַדרעס און אַ זאָג געטאָן:

— איך קען די גאַס, דאָרט וווינט אונדזער אַלטער דאָקטער.

און פאַר מרימען איז אַרויסגעשווומען דעם דאָקטערס וואַרטצימער, זיין טונקעלער קאַבינעט... דאָס זייטיקע צימערל מיטן אַראָפּגעלאָזטן לאָדן... די פּאַציענטקעס — אַלץ יונגע פרויען... יעדע שעה ווען אַן אַנדערע ליגן אינעם צימערל מיטן אַראָפּגעלאָזטן לאָדן, איינהאַלטן אין זיך דעם ווייטיק, די פאַרשעמונג נאָך דעם אַבאָרט... יעדע פרוי דאָרט האָט געהאַט די אויגן פון אַן אַזאַרט־שפּילערין: זי האָט איינגעשטעלט אַלץ — כדי נישט צו האָבן נאָך אַ קינד...

ניעזשינער האָט אַ פרעג געטאָן:

— איידער ס׳וועט שפּעט ווילסטו צוגיין אַ קוק טאָן אויף דער וווינונג?

— יאָ, כ׳וואָלט וועלן.

— די מענטשן האָבן ערשט נישט לאַנג צוריק געקויפט דאָס הויז. וואָלסט זיך פאָרגעשטעלט, אַז אַנאַרכיסטן האָבן אייגענע הייזער?

— קענסט די מענטשן?

— ניין, דזשוליע קען זיי פון איר אַמאָליקן קרייז...

— יאָ, דווקא אַנאַרכיסטן האָבן בורזשואַזע נייגונגען...

ביידע האָבן מיט אַ מאָל געשמייכלט.

.3

זיי זענען געשטאַנען פאַר אַ ברוינשטיינערן הויז מיט אַ ברייטן גאַניק. דאָס הויז איז געווען ענלעך צו די אַנדערע דרייגאָרנדיקע הייזער, וואָס זענען געלאָפן אין אַ גלייכער שורה לענגאויס דער גאַס. אויסגעטיילט

האָט זיך דאָס דאָזיקע הויז מיט די צוויי שטיינערנע לייבן ביי די ברייטע טרעפּ און מיט די קלעטערפּלאַנצן, וואָס האָבן געקלעטערט אויף אַ גלייכער וואַנט ביז צום לעצטן גאָרן.

זיי זענען אַרויף די ברייטע טרעפּ און מרים האָט אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל ביי דער מאַסיוועד טיר. נאָך אַ ווײַלע וואַרטן האָט די טיר געעפנט אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. ער האָט געהאַלטן זיין האַנט אויף זיין שפּיציק פאַרשוירן בערדל. ער האָט אויסגעזען האַלב סוחר, האַלב קינסטלער.

— וועגן דער ווינונג... — האָט מרים אַ שטאַמל געטאָן און פּלוצים זיך דערפילט אומרויִק און אומזיכער.

— אָ, וועגן דער ווינונג — — — אפשר קענען זיי קומען מאָרגן? ער קען זיי לײדער נישט געבן קיין גענויע אינפאָרמאַציע. זיין פרוי פאַרנעמט זיך מיט דעם ענין און זי איז איצט נישט אין דער היים.

— אַך... — האָט מרים אָפּגעזיפצט. — איז נישט מעגלעך אַ קוק צו טאָן אויף דער דירה איצט? זיי זענען שוין דאָ...

דער מענטש האָט אַ גלעט געטאָן זיין בערדל. אָפּגעמאָסטן די צוויי ביים טיר מיט אַ היימישלעכן בליק און עפּעס ווי אַ שמייכל געטאָן.

— ס'איז באמת זיין פרויס עסק. זי פאַרנעמט זיך מיט דעם. ער מישט זיך נישט אין די זאַכן. אָבער, — ער האָט ברייט געעפנט די טיר און זיי פאַרבעטן אַרײנקומען.

זיי זענען נאָכגעגאַנגען נאָך אים איבער די געבעטע טרעפּלעך ביז צום לעצטן גאָרן. ער האָט געעפנט אַ טיר, אַ דריק געטאָן אַ קנעפּל, ס'איז געוואָרן ליכטיק.

— דאָס איז עס. דער גאַנצער גאָרן. דריי צימערן מיט אַ וואַנע. זיין פרוי פּלאַנט דאָ עפּעס אַ רעמאָנט, אָבער ער קאָן זיי נישט זאָגן גענוי אין וואָס דער רעמאָנט וועט באַשטיין. ווער האָט זיי אַהער געשיקט?

— אַ באַקאַנטע, איינע דזשוליע פּאָלאָנסקי. — האָט ניעזשיגער זיך אַרײנגעמישט.

— אָ, יעס, יעס, דזשוליע! מיין נאָמען איז אַבראַם גינזבערג. — האָט דער מענטש זיך פריינדלעך אַ נויג געטאָן.

מ׳האָט זיך געדריקט די הענט, אָנגערופן די נעמען, מרימס און ניעזשינערס. אַבראַם גינזבערג האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז דער נאָמען פון זיין מעגלעכן שכן איז אים באַקאַנט, ער האָט דעם נאָמען געזען אין דרוק, דאַכט זיך, אין דעם אַנאַרכיסטישן בלעטל, וואָס ער לייענט נישט מער...

זיי זענען צוריק אַראָפּ מיט די ווייך־באַשלאָגענע טרעפּלעך.

אונטן, אין קאָרידאָר, האָט זיך באַוויזן אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, ניין און אַבראַם גינזבערג האָט אויסגערופן:

— מאַניטשקאַ, אידי ספּאַט (גיי שלאָפן).

* * *

— ס׳געפעלט מיר שטאַרק די דירה. — האָט מרים געזאָגט, ווען זיי זענען שוין געווען אויף דער גאַס.

— מיר אויך. — האָט ניעזשינער צוגעגעבן נאָך אַ קורצן שווייגן. — אָבער... עפּעס... כ׳מיין...

— וואָס מיינסטו?

—ס׳האָט צופיל פּרעטענזיע, צופיל אָנשטעל; ווי דאָס בערדל פונעם באַלעבאָס... ווי זיין רוסיש ריידן מיטן קינד... פּאַרקעט־דילן, הויכע סופיטן, אַ וואַנט מיט שפּיגלען! — ווי קומט עס צו מיר?

— נו, איך האָב ליב גרויסע צימערן מיט הויכע סופיטן. אַפילו פּאַרקעט־דילן... האָסט געזען די פענצטער? זיי עפענען זיך לענגאויס ווי אין אייראָפּע! זיי גייען אַרויס צו מזרח און צו מערב — זון־אויפגאַנג, זון־פאַרגאַנג! דער פאָדער־צימער וועט זיין דיינער! אַלץ וואָס איך דאַרף איז אַ בעט צום שלאָפן. מיך אַרט נישט, אַז די צימערן וועלן זיין ליידיק. פּאַרקערט, סגעפעלן מיר ליידיקע צימערן. כ׳האָב ליב גרעמקייט, ליכטי־קייט. הייבט די גאַס: שטיל, רויִק און נישט ווייט פון דער סקול!

ניעזשינער האָט געשוויגן.

— כ׳וויס, דו וואָלסט בעסער געוואָלט וווינען אין אַ קעלער־שטוב, אין אַ סלאָם־געגנט. — האָט מרים געשמייכלט.

— יאָ, פון וואַנען ווייסטו?

— האָסט דאָך פריער געזאָגט, אַז דו שעמסט זיך פאַר באַקוועמלעכ־קייטן. כ׳פאַרשטיי וואָס דו מיינסט. און כ׳ווייס, אַז ווי יעדער איינער האָסטו דווקא יאָ ליב באַקוועמלעכקייטן, נאָר... דו פאַרגינסט זיך נישט, מחמת דאָרט... איך בין אָבער אין אַן אַנדער לאַגע, כ׳האָב מיט זיך דינהלען... דאָ, ווען כ׳וועל דאַרפן אַוועקגיין אַרבעטן, וועל איך זיין רויקער. אויף דער גאַס איז כמעט נישטאָ קיין טראַפיק־פּאַרקער, מחמת די גאַס האַקט זיך אָפּ. כ׳האָב אויך געזען, אַז דאָ הינטער דער שטוב איז דאָ אַ גערטנדל, און ס׳איז שוין דאָ ווי אַנגעגרייט פאַר דינהלען אַ קינד זיך צו שפּילן. דו ווייסט דען וואָס דאָס מיינט פאַר מיר? כ׳האָב זיך גאָרנישט געריכט צו געפינען אַזאַ זאַך!

— נו, דו ווייסט בעסער וואָס פאַר דיר איז גוט. איך לאָז עס אין גאַנצן צו דיר. דו וועסט באַשליסן און דו וועסט אַלץ מאַכן ווי פאַר דיר איז רעכט און איך וועל דיר נאָכגיין ווי דאָס פערד גייט נאָך דעם האָבער...

מרים האָט געלאַכט און זיי האָבן זיך געקושט אין מיטן דער גאַס.

— דזשוקאַ, וווהין גייען מיר איצט?

— כ׳ווייס נישט. כ׳בין מיד. מיט אַ מאָל האָב איך דערפילט די מיד־קייט. אַזויפיל אין איין טאָג! כ׳וואָלט איצט געוואָלט זיך אויסציען אויף אַ בעט — האָט מרים זיך צו אים געטוליעט.

— איך אויך, מיט דיר... אָך, ווען איך האָב כאָטש דאָס פריערדיקע צימערל!...

— גוט וואָס דו האָסט עס נישט מער. כ׳וואָלט מיט דיר איצט אַהין געגאַנגען און זיכער פאַרבליבן איבער נאַכט. און דאָ האָט פריידל פאַר מיר אויסגעבעטן די קאַנאַפּע און די מאַמע וועט האַלטן אָפן פאַר מיר די טיר אַ גאַנצע נאַכט — — —

— לאָמיר נעמען אַ צימערל אויף אַ פּאָר שעה אין איינער פון יענע „רומינג״ הייזלעך — — —

— כ׳ווייס נישט — — — ס׳שרעקן מיך די זאַכן... אפשר גייען מיר אַריין אין קינאָ? היינט איז שבת און ס׳איז אָפן שפּעט. כ׳וועל זיך דאָרט

איינגורען אין דיר, אפשר איינשלאָפן אויף דיין אַקסל, אַזוי מיד בין איך...

ער האָט אַ קוש געטאָן די דלאָניע פון איר האַנט. אַרייַנגענומען איר האַנט אין זיינער און עס אַריינגערוקט צו זיך אין קעשענע.

— כ׳האָב עס אַלץ נישט די ווערט... ביסט מיר אַראָפּגעפאַלן אַ צאַפּלדיקע טויב אין האַנט...

— ס׳קלינגט ווי אַ שורה פון אַ ליד.

— יאָ, ס׳קאָן ווערן...

מיט אַ מאָל איז ער פאַרטראָגן געוואָרן אין זיך ווי ער וואָלט זי פאַרגעסן. ער האָט אָנגעהויבן אונטערברומען עפּעס אַזוינס ווי אַן ערשט־געבוירענעם ניגון — — — זי האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם; געוואָלט נישט ווערן — אין זיין פאַרטראָגנקייט אים נישט שטערן... אָט־ערשט איז זי געווען צעלהכעיסדיק (צעלאָכעסדיק), ווידערשפּעניק. און אָט־איצט, האָט זי געשטעלט אירע טריט אַזוי ווייך, אַזוי שטיל, ווי זי וואָלט זיין נישט מער ווי דער שאָטן ביי זיין זייט...

# קאפיטל 17

.1

פרוי גינזבערג האָט אויסגעזען צופרידן, וואָס זי האָט פאַרדונגען די ווינונג דורך רעקאָמענדאַציע, און נישט עמעצן פון דער גאַס. זי האָט נישט און זוכט נישט קיין פאַרבינדונג מיט מענטשן פון דער גאַס, און מ׳קאָן זי אויך נישט זען שטיין פאַר דער טיר פון איר הויז און פאַר־ברענגען מיט אַ שכנה. פונקט ווי איר מאַן איז די לעצטע יאָרן אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין זיין צירונג־געשעפט און האָט נישט מער קיין אינטערעס פאַר זיינע אַמאָליקע אַנאַרכיסטישע אידעאַלן, אַזוי איז זי אויך די לעצטע צייט אין גאַנצן איבערגעגעבן דער הויז־ווירטשאַפט, און איר איין־און־איינציקער מאַניטשקע. מאַניטשקע שליסט אויך נישט גערן קיין באַקאַנטשאַפט פון דער גאַס. זי האָט נישט קיין חברטעס. פרוי גינזבערג האָט אַ זאָג געטאָן:

— נו, דאָס איז אַ גוטער צופאַל, וואָס ביידע קינדער זענען אומגעפער פון זעלביקן עלטער און פאַר וואָס זאָלן זיי טאַקע נישט ווערן קיין פריינד?

גערעדט האָט פרוי גינזבערג אַ געמיש פון יידיש־ענגליש, און פלוצים האָט זי אַ רעד געטאָן צו מרימען רוסיש, וועלנדיק אויסגעפינען צי מרים פאַרשטייט די שפּראַך. מרים האָט צוגעשמייכלט און איר געענטפערט מיט אַ רוסיש וואָרט. מרס. גינזבערג האָט פאַרשאַרט אַ גרוי געוואָרענעם לאָק פון איר שטערן. דער בריליאַנט אויף איר פינגער האָט געטאָן אַ בליץ. די לאַנגע, פּלאַטינענע אויערינגען האָבן זיך אַראָפּגעוויגט פון אירע קליינע אויערן ווי איבערגעקערטע זעגלען. דאָס צירונג האָט זי געמאַכט אויסזען דעליקאַט, נאָר מרימען איז פאַרגעקומען מאָדנע, וואָס זי טראָגט דאָס צירונג באַלד אין פרימאָרגן... זי ווייס נישט פאַר וואָס זי האָט זיך פלוצים דערמאָנט אָן דעם מעדאַליאָן, וואָס דוד האָט איר געהאָט געשאָנקען צו אירע זעכצן יאָר... זי האָט דעם מעדאַליאָן קיין מאָל נישט געטראָגן...

פרוי גינזבערג האָט קענטיק באַמערקט ווי מרימס בליק איז אַ ווײַלע געבליבן הענגען אויף דעם שימער פון אירע אויערינגען און זי האָט מיט שטאָלץ אַ זאָג געטאָן:

— דאָס איז איר מאַנס האַנט־אַרבעט... ער איז אַ קינסטלער אין זײַן פאַך און זי טראָגט די אָריגינעלע מוסטערן, וואָס ער מאַכט פאַר זײַן אייגענער צירונג־פירמע. זי טוט עס אָן גאַנץ פרי, ער זאָל עס זען בײַם פרישטיק, און זי האָט זיך שוין אַזוי אײַנגעוווינט, אַז אָן דער צירונג פילט זי זיך נאַקעט...

ביידע פרויען האָבן געשמייכלט און פרוי גינזבערג האָט אַרומגעפירט מרימען איבער איר אייגענער, רחבותדיקער וווינונג.

— אָט־דאָ, קעגנ:בער דער גרויסער אַלטמאָדישער קיך איז דער עס־זאַל; אָט־דער לאַנגער טיש מיט די שווערע שטולן זענען זייער אַלט און האַנט־געשניצט. זי האָט ליב אַנטיק־מעבל... די קיך וועט זי פון דעסטוועגן אַ האָרעלע מאָדערניזירן. אויך די קיך אויבן, אין מרימס וווינונג, וועט באַנײַט ווערן מיט אַ נײַעם אויוון און נײַעם באַסיין. דאָס דאָ איז דער גרויסער זאַל, פונקט צוגעפּאַסט פאַר מאַניטשקעס ראָיאַל. יאָ, יעדער צימער האָט אַ באַזונדערן קאַמין...

פרוי גינזבערג האָט געעפנט אַ טיר און מאַניטשקע איז דאָרט געזעסן און געלייענט אַ דיקן העפט „פעירי־טיילס". מאַניטשקע האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער מוטער און געוואָלט ווייטער אָנגיין מיטן לייענען. פרוי גינזבערג האָט גערעדט צו מאַניטשקען רוסיש און מאַניטשקע האָט גע־ענטפערט אין ענגליש מיט אָן אויפגעבלאָזן ליפּל. די מוטער האָט געזאָגט צו מאַניטשקען: אויבן וועט זיך אַרײַנציִען אַ מיידעלע באַלד דײַן „עלטער". מאַניטשקע האָט נישט רעאַגירט. זי איז געזעסן סטאַטעטשנע, מיט די הענט אין שויס און האָט אויסגעזען עלטער פון אירע אַכט־ניין יאָר. מאַניטשקע האָט געהאַט אויף זיך צופיל לייב. מרים האָט אַ טראַכט געטאָן: די מאַניטשקע איז אַ נאָכגעגעבן קינד, אָבער דינהלע וועט מיט איר אויסקומען. דינהלע קאָן זיך צופּאַסן צו אַלערליי באַדינגונגען. נאָך גוט וואָס דינהלע איז אַזאַ קינד און קימערט זיך נישט צופיל, וואָס הײַנט שלאָפט זי בײַ משהן אויף אַן אויפשטעל־בעטל, מאָרגן נעכטיקט זי

ווידער ביים טאַטן. פון דעסטוועגן וואָלט זי געוואָלט שוין אויפהערן אַרומשלעפּן דאָס קינד; זיך איינאָרדענען און האָבן פאַר איר אַ באַשטענ־דיק אָרט, אַ היים.

פרוי גינזבערג האָט אַרויסבאַגלייט מרימען, איר פאַרזיכערט, אַז די וווינונג וועט זיין גרייט פאַר איר אין אַ וואָך אַרום. מרים האָט פריי אָפּגעאָטעמט: נו, ענדלעך האָבן זיי שוין אַן אייגן ווינקל. אַרום־און־אַרום איז די וווינונג ווי געווונטשן. כאָטש די באַלעבאַטים פון הויז זענען אַ האַרעלע אויפגעבלאָזן. די פרוי גינזבערג איז איר אָבער נאָענט געוואָרן אין יענער רגע בעת זי איז געשטאַנען פאַרלאָרן אַנטקעגן איר איינציקער מאַניטשקע... זי איז דעמאָלט געווען עכט און אין גאַנצן אַן פּרעטענזיע...

2.

ביי משהן אין שטוב איז מרים ווי אַ ווינט: אַריין־און־אַרויס. אַ וואָך איז שוין פאַריבער און די וווינונג איז נאָך אַלץ נישט פאַרטיק. דינהלע האָט שוין אָנגעהייבן גיין אין דער שולע, און מרים לויפט יעדן טאָג געוווּיר ווערן צי זי קאָן זיך שוין אַריינציען, און דערביי איז זי אויך פאַרנומען מיטן איינהאַנדלען עטלעכע נויטיקייטן פאַר איר נייער ווירטשאַפט... אין די אָוונטן, נאָך איידער משה באַווייזט אַרומצודרייען זיין וואָנצעלע אַרום זיין פינגער און אויסלייגן פאַר איר זיינע איינגעהזרטע רייד, טוט איר פריידל אַ וווּנק: „קאָנסט גיין". און זי לאָזט משהן שטיין מיט זיין וואָנצעלע אויפן פינגער...

טאַקע אין יענע אָנהייב האַרבסטיקע אָוונטן איז מרים געוואָרן אַן אָפטער גאַסט ביי הערשעלען אין שטוב. ס'איז ניעזשינערן געגאַנגען אין דעם, אַז מרים זאָל זיך נעענטער באַקענען מיט זיינע חברים. און דאָ, ביי הערשעלען אין שטוב זענען דאָך די אָפטע באַגעגענישן פון דער גרופּע יונגע שרייבער. דאָ איז פאַר מרימען צום ערשטן מאָל געשטאַנען איטשעלע ליכטנשטיין. זי האָט איטשעלען שוין עטלעכע מאָל באַגעגנט פון דער וויַיט. איצט איז ער צוגעקומען נאָענט. ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט מיטן רוקן צו די חברים, מיטן פּנים צו איר; פאַרשאַרט דעם בלאָנדען סנאָפּ האָר פון די מידע בלויע אויגן און אָנגעהייבן ווי ערשט נעכטן האָט ער

איבערגעריסן מיט איר אַ פלירט און היינט הויבט ער דעם אייגענעם פלירט אָן פון דאָס ניי. פון זיינע אָפּגעהאַקטע פּאַראַדאָקסן און בליצן האָט מרים געשמייכלט און געפילט, אַז ער פּרוווט זי אויס צי זי קאָן נאָכגיין דער פלינקער אַקראָבאַטיק פון זיין שכל... אין מיטן האָט ער אַ וואָרף געטאָן אַ וואָרט צו זיינע חברים, וואָס זיצן דאָרט ביים טיש און אַמפּערן זיך און באַלד געמאַכט אַ פּנים ווי ער האָט גאָרנישט געזאָגט, אָדער ער האָט שוין וועגן דעם פאַרגעסן, וויסנדיק גענוי, אַז זיינע קאָלעגן האָבן אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט זיינס און טראַכטן אַרום דעם איצט... פּלוצים האָט ער אָנגעהויבן רעדן צו מרימען אין ברודערלעך־ווייכן פליסטער און איז אַריבער אויף „דו״:

— האָסט נישט קיין רעגלמעסיקע געזיכטשטריכן, שוועסטערל... דיין נעזל איז צו קורץ, די באַקן — צו איינגעצויגן. ביסט אָבער רייציק... האָסט צוויי זאַכן וואָס הרגענען מיך אַוועק: דער שמייכל און די אויגן. קאַרמען איז אויך געווען דאַר און ביינערדיק...

מרים האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק און געלאַכט. זיינע גע־וואַגטע זאָגעכצן האָבן זי געפּלעפט, געשמייכלט און — באַאומרו:קט: טאָמער כאַפּט זי נישט דעם טאָן פון זיין פלירט וועט זי ווערן נאַריש... אַן ענלעך געפיל האָט זי געהאַט ווען זי איז אַרויף זיך גליטשן אויפן אייז צום ערשטן מאָל און האָט זיך געפילט אומזיכער... זי האָט דעמאָלט געוווּסט, אַז זי מוז תיכף אַריין אין שווונג פון גליטש, ווען נישט — וועט זי פאַלן... פאַלן אויפן גליטשיקן אייז איז פּונקט אַזוי נאַריש ווי פאַלן, ביי איטשעלען אין די אויגן... אַזאַ ווי ער איז, שווער־גופיק, מיט דעם ליכטיקן סנאָפּ האָר און מיט די קונציקע רייד, איז ער איר דאָך וויל געפעלן. פון הינטער זיינע פאַרשפּיצטע רייד, באַווירצט מיט לייכטן ציניזם, האָט זיך אַדורכגעשלאָגן אַ וואַרעמקייט. די וואַרעמקייט, וואָס שלאָגט זיך דורך דורך דער מאַסקע פון אַ קלאָון...

אַנומלט, טאַקע דאָ ביי הערשעלען אין שטוב, האָט זיך איטשעלע פּלוצים אַ דריי געטאָן צו איר:

— דו ווייסט, אַז די גאַנצע קאַרמען איז געווען קליינשטעטלדיק...

— יאָ, זי איז נישט געווען קיין וועלט־דאַמע פון די הויכע סאַלאָנען נישט קיין קורטיזאַנע...

איטשעלע איז געשטאַנען אַ ווײַלע ווי ער וואָלט גאָרנישט געהערט וואָס זי האָט געזאָגט. מיט אַ מאָל האָט ער מיט זײַן זייער ווייסער און ווייכער האַנט זיך אַ שויבער געטאָן די פון פריער שוין צעשויבערטע האָר און ספּאַנטאַן אַ פרעג געטאָן:

— אין אַזאַ ווי איך וואָלסטו זיך געקאָנט פאַרליבן?

— ניין.

— פאַר וואָס נישט?

— מחמת — — —

מיט אַ מאָל איז ניעזשינער דאָ געשטאַנען. אויף זײַן פּנים האָט געשפּילט יענער האַלבער שמייכל, האַלבער ערנסט, וואָס איטשעלע, אין זײַן פאַרשפּיצטער שפּילעוודיקייט רופט ביי אים אַרויס.

— הער אויס, איטשעלע, דו חוזקסט תמיד פון ראָמאַנטיקער... זיי געפעלן דיר נישט. זיי זענען נאַאיוו און צו ערנסט — טאָ היט זיך, ברודערל, דו האָסט זיך דאָ פאַרטשעפּעט מיט אַ ראָמאַנטיקער, וואָס קען ציען אַ מעסער...

אויך ניעזשינער האָט זיך דאָ האַלב געהנדלט מיט איטשעלען און זאָל איטשעלע זען, אַז ער איז טאַקע נאאיוו און אַנדערש ווי די צייט פאָדערט...

— וואָס טוט מען מיט אים?! — האָט איטשעלע אויסגערופן און צעשפּרייט צוויי ווייסע חסידישע הענט ווי אין אַ תפילה. — ער איז אַ פאַרלאָרענער אויף אייביק!...

איצט האָט ניעזשינער געשמייכלט. ווי אָפט טוט ער אַ שפּיל אויף פאָר איטשעלען זײַן נאאיוויטעט כדי דערמיט צו באַזיגן איטשעלעס חכמה...

איטשעלע האָט פאַרגלאָצט די אויגן צו דער סטעליע. די קינדעריש־פרישע, פאַרקאַטשעטע ליפּן זײַנע האָבן אונטערגעברומט אויסגעזוכטע, שלעכטע שורות פון אַן אַלטן, גרויסן יידישן דיכטער, וועמען ער רייסט

שטענדיק אַראָפּ: „אויף אַן אַלט, צעבראָכן פידל, האָב איך אָפּגעשפּילט מיין וועלט”...

יינגער אין יאָרן פון די מערסטע חברים זיינע, האָט איטשעלע פון אַלע מאָל געשפּילט די ראָלע פון דעם עלטערן; דער וואָס ווייס אַלץ, און אים לאַנגווײַלט פון צופיל זען, פון צופיל הערן... יאָ, ער ווייס, איטשעלע, אַז די פרוי, ווי די פּאָעזיע, האָב ליב נאַאיוויטעט. ער באַזיצט עס אָבער נישט. ער איז סיי צו שיכור, סיי צו ניכטער מיט חכמה. ער איז דער לעצטער פון אַ דור חכמים אויפן וועג צום אונטערגאַנג... ער שעמט זיך מיט זיין טרויער און באַהאַלט זיך אונטער לייכטע, שפּילעוודיקע מאַסקעס.

אַז מרים האָט אָנגעכאַפּט איר טאָן מיט איטשעלען איז איר צוגעקומען די הנאה פון געקליגלטן ווערטערשפּיל אונטער וועלכן מ׳קאָן זיך אי אַרויסגעבן, אי באַהאַלטן... ביי יעדער צופעליקער באַגעגעניש מיט איטשעלען האָט ער איר אָנטקעגן געטראָגן זיין צעשפּילטע וואָרעמקייט, וואָס נישט הערשעלע, און נישט יעקב שאָר האָבן עס איר אַנטקעגן גע־טראָגן. אפשר איז עס געווען דערפאַר, וואָס ער איז אין ניעזשינערן נישט געווען אייפעריק פאַרליבט, און אַ פרוי האָט נישט געקענט מינערן זייער נישט פאַרליבטע פריינדשאַפט? ס׳האָט מרימען אָפּט געדאַכט, אַז איטשעלע איז בכלל פאַרליבט בלויז אין פּאָעזיע און דאָס איבעריקע איז לייכטער פלירט. ער האָט צווישן פרויען געהאַט אומצייליקע פלירט־פריינד, וואָס האָבן אַרום אים זיך געשאַרפט די שנאָבעלעך פון סאָפיסטיק... פון פּלפּול...

גייענדיק איין מאָל אַהיים פון הערשעלען האָט ניעזשינער געזאָגט צו מרימען מיט אַ שמייכל און נישט אַן שטאָלץ:

— ער איז אַן אינטערעסאַנטער יונג, איטשעלע, ווי מיינסטו, האַ?

— יאָ. — האָט מרים צוגעגעבן. — נאָר ביי יעדער באַגעגעניש מיט אים, האָב איך מורא פאַר זיין קלוגן ווערטערשפּיל, כ׳האָב מורא ביי אים צו פאַרשפּילן...

# קאַפּיטל 18

.1

אינעם רוישיקן שאַפּ, ביי דער הויכער שוסטער־מאַשין, און אין מיטן דעם שטעפּעלע אַרום ווייבערישן קאַמאַשל — טוט ניעזשינערן נישט איין מאָל אַ ברען אין מוח: וואָס טוט ער דאָ? וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט ער מיט דעם ווייבערישן קאַמאַשל אין זיין האַנט? און זיינע לאַנגע, דינע פינגער — פֿאַר וואָס יאָגן זיי זיך אַזוי נאָכן בליץ פֿון דער נאָדל? — אַהאָ! ער טאָר זיך נישט פֿאַרטראַכטן! אָט האָט די נאָדל אים שוין דער־לאַנגט אַ שטאָך אין די דינע פינגער, וואָס בענקען נאָך שורות פֿון לידער...

ווי אָפּט איז ער מקנא יענע קאַלעגן זיינע, וואָס האָבן זיך נישט גע־לאָזן צושמידן אין אַ שאַפּ צו אַ מאַשין און ס׳קימערט זיי נישט מער פֿון וואַנען זיי באַקומען אַרויס זייער טעגלעך אויסקומעניש אַבי זיי זענען פריי. ער וועט עס אָבער קיין מאָל נישט קענען. ער איז צו שטאַלץ זיך צו בייגן פֿאַר מענטשן, און לידער גיבן נישט קיין ברויט פֿאַר זיינע קינדער.

יעקב שאַר האָט אים אַנומלט געזאָגט מיט זיין אומעטיקן שמייכל אויף די ליפּן, אַז דווקא דערפֿאַר, וואָס ער איז פֿון קינדהייט אָן צוגע־שמידט צום וואַרשטאַט און צו דער גרויקייט אין פֿאַבריק — האָט זיין טאַלאַנט פֿאַר אים גענומען וועבן שיינקייטן אייגענע און נייע, און ער איז געוואָרן דער זוכער און זינגער פֿון נייע שיינקייטן... בעת יענער — דער קאָלעגע זיינער מיטן ריזיקן טאַלאַנט — און ער האָט אָנגערופֿן יע־נעמס נאָמען — וואָס האָט מיט גוואַלט אַרויסגעריסן ביי דער וועלט זיינע פרייע טעג צו קענען אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס און זיצן לאַנגע שעהן אין קאַפֿע — יענער האָט דערזען די וועלט אין איר מיאוסקייט, אין איר פֿאַלשקייט, און ער איז געוואָרן איר שילטער, איר רעבל, איר ציניקער...

— אַך, נו, — האָט ניעזשינער געענטפֿערט, — מ׳קאָן זיך אַ שפּיל טאָן אויך מיט אַזאַ געדאַנק, אַז מע וויל... ס׳זענען זיכער דאָ טיפֿערע

סיבות פאַר וואָס איינעמס טאַלאַנט אַנטוויקלט זיך אַזוי, און דעם אַנדערנס אַנדערש. דער אמת איז, אַז ער טראַכט אָפּט מיט ביטול וועגן יענעם קאָלעגע זיינעם מיט די ווייסע נישט־אַרבעטער הענט, וואָס שפּילט אויס זיין דיכטער־ראָל ביי די טישן פון קאַפע... ער איז אים אָבער דאָך מקנא און נישט איין מאָל טוט אים אַזאַ צי טאַקע צו דעם זעלביקן טישל אין קאַפע, און נישט זעלטן וואַרפט ער די אַרבעט נאָך האַלבן טאָג, און אָט וואַקסט ער פּלוצים אויס אין טיר פון קאַפע מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן באַהאַלטנדיק דעם אימפּעט וואָס האָט אים געטראָגן אַהין...

היינט איז ביי ניעזשינערן איינער פון יענע טעג און ער ווייסט, אַז ער וועט וואַרפן די אַרבעט פאַרפרי. ער האָט אָפּגעמאַכט מיט מרימען זי זאָל פאַרנאַכט־צו אַריינבליקן אין קאַפע, און פון אומרו לויפן זיינע פינגער גיך, גיך! די נאָדל בליצט נאָכאַנאַנד און דאָס שטעפּעלע לויפט אַרום קאַמאַשל נאָך קאַמאַשל און באַלד וועט ער זיין פאַרטיק מיט זיין פּעקל אַרבעט, וואָס ביי די אַנדערע באַלמעלאָכעס וועט עס דויערן ביז זעקס אָדער זיבן פאַרנאַכט. יעדן טאָג אין דער צייט, ווען ער פאַרטיקט זיך אָפּ מיט זיין טאָג־אַרבעט, איז אָנשטאָט נעמען אַ ניי פּעקל, טוט עס אים אַ צי נעמען זיין רעקל און אַרויס אין גאַס. אָבער ער קאָנטראָלירט זיך, גיט זיך נישט אַלע מאָל נאָך דעם דאָזיקן פאַרלאַנג זיינעם, מחמת ער ווייסט ווויל, אַז אַ שאַפּ פאַרטראָגט נישט קיין אַרבעטער, וואָס שטעלט אָפּ די מאַשין אויף זיין אייגענעם באַראָט און גייט אַוועק... אוודאי, די אַרבעט איז שטיק־אַרבעט און דער פאַרלוסט איז דאָך זיינער. אָבער די דיסציפּלין פון שאַפּ האָט עס נישט ליב. די מאַשינען מוזן רוישן אַלע צוזאַמען און שטיל בלייבן מיט איין מאָל.

נאָר ער שטעלט זיך פּלוצים אויף, זיין מאַשין — די איינציקע — בלייבט שטיל. די באַלמעלאָכעס קוקן אויף אים הינטערווילעכץ, נישט אויפהייבנ־דיק די אויגן פון די מאַשינען. אין זייערע בליקן איז דאָ חוזק, ביטול, און פּראָטעסט, וואָס ער וואַגט דאָרט ווו זיי וואַגן נישט...

ער נעמט זיין הוט און רעקל, די אויגן גליווערן אָנגעברייט, טאָמער זאָגט אים דער פאָרמאַן עפּעס. דער פאָרמאַן דרייט אַוועק דעם קאָפּ, קוקט נישט אויף אים. מ׳זאָגט, אַז ער איז אַ משוגענער פּאָעט... און סיי ווי,

דער ברען פון סעזאָן לעשט זיך, ס׳הויבט זיך אָן די „סלעק״ און — ער וועט זיין פון די ערשטע אויפן צעטל אָפּגעזאָגט צו ווערן, כאָטש ער איז אַ גיכער און גאָלדענער בעל־מלאכה...

ניעזשינער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט צום אָפּיסמיידל. יענע שמייכלט אַ שמייכל: אָ, דער עקסצענטריק! ס׳איז נאָך נישט קיין „סלעק״ און ער גייט שוין אַהיים אין מיטן טאָג...

אין דרויסן באַפאַלט אים דאָס ליכט פון טאָג ווי דאָס ליכט וואָלט אים קוים דערזען, זיך אויף אים קוים דערוואַרט... ער פינטלט צום ליכט מיט פאַרליבטע אויגן; גלייכט אויס די פּלייצע; אָטעמט טיף און דער־פילט אַזאַ טעם אין דעם ליכט, אין דער זון, אין דער לופט — ווי ער וואָלט עס צום ערשטן מאָל טועם געווען און פאַרבאַהאַלט אין זיך דעם גאָלדענעם סוד פון דעם גאָלדענעם טאָג.

ער לאָזט זיך גיין מיט לופטיקע טריט און באַלד מישן זיך אויס זיינע טריט מיט די טריט פון דער שטאָט, מיטן שווונג פון דער שטאָט, מיטן שטראָם פון דער שטאָט — וווהין גייט די שטאָט?

פון דער ווייטנס, דורך דער נעץ פון דער זון זעט ער די ברוקלין־בריק מיט צענומענע פליגלען איבערן איסט־ריווער; נאָך ווייטער, אַרויף די וואָלקנקראַצערס, וואָס הייבן זיך ווי ריזן־בערג פון אייזן און גראַניט. ער גייט איינגעפלאָכטן אינעם ריטעם פון דער שטאָט־טראַפיק צו דער בריק — אַריבער דער בריק — און די פיס דערטראָגן אים צו איסט־בראָדוויי.

דאָ בלייבט ער שטיין. דאָ מעסט ער אָפּ מיט זיין אויג די לענג פון דער גאַס — פון אַלע, אַלע גאַסן האָט ער ליבער די אַלטע, פאַרגרויטע איסט־בראָדוויי מיט די באַבערדלטע יידן, די פאַרשמאַכטע שמייער; די אַלערליי בעל־חלומות און באַפרייער... זייערע טריט וועלן בלייבן איינ־געקאַרבט דאָ אין יעדן אַלט שטיין פון ברוק... און זיינע? און די פון זיינע חברים? — אפשר — אפשר נישט...

ער עפנט די טיר פון קאַפע און אים אַנטקעגן קומט אָן יענער פּאָעט מיטן גרויסן טאַלאַנט, וואָס ער איז אים מקנא זיינע פרייע טעג... יענער טוט אַ שמייכל מיט באַוווּנדערונג און מיט ביטול... דער קנייטש פון זיינע גוט־געפּרעסטע הויזן טוט זיך אַ בראָך: דאָס קינדערשע בלוי פון

די אויגן וויל ווינען — — ער טוט אַ גלעט מיט דער ברייטער האַנט דאָס יונגע זילבער פון זיינע האָר און פאַרשווינדט אין דער לענג פון איסט־בראָדוויי.

.2

אינעווייניק, אינעם האַלבן טונקל פון קאַפע, דאָרט, פון ווינקל אַרויס, צייכענען זיך די סילועטן פון די צווי שאָך־שפּילער... פון דעם געדיכטן ציגאַרעטן־רויך ביי די טישן, טיילן זיך אויס די בלייכע, ווי פאַרצווייבערטע פּנימער פון די, וואָס זיצן דאָרט... זיי זיצן און טוען גאָרנישט. אָבער זיי זעען אויס ווי זיי וואָלטן עפּעס געטאָן בשותפות מיט זייערע מיטזיצער... עפּעס, וואָס קיינער האָט ביי זיי נישט באַשטעלט... קיינער מאָנט נישט ביי זיי — — קיינער דאַרף עס אפשר נישט — — אָבער...

דער קעלנער מיט דער ווייסער סערוועטקע אויפן האַנטגעלענק שטייט און וואַרט עמעץ זאָל אים רופן עפּעס באַשטעלן... ביי דער קאַסע זיצט דער אייגנטימער פון דער קאַפע: אַ ייד מיט אַ בלייכן איסט־בראָדווייער פּנים: אַ ייד מיט אַ שוואַכקייט צום ספר, צו שרייבער... ער זאָל זיך אָבער דאַרפן פאַרלאָזן אויף שרייבערס, וואָלט ער שוין פון לאַנג צוגעשלאָסן די קאַפע, פאַרשלאָגן מיט ברעטער די טיר. גאָט צו דאַנקען פאַר די הורט־הענדלער פון העסטער, ברום און אָרטשאַרד־גאַסן, וואָס קומען אַהער אַריין צווישן צוועלף און איינס בייטאָג, ווען סע צעלייגט זיך דאָ פרישער דער ריח פון אונגאַרישן גולאַש און ראָסלפלייש. דאָס זענען יידן מיט געזונטע אַפּעטיטן און מיט מזומן. אויף זיי האַלט זיך דאָס געשעפט; פון זייערע טישן שאַרט דער קעלנער אַראָפּ דאָס טרינקגעלט, און דאָס איבעריקע, נאָך צווי אַ זייגער, ווען ס׳קומען אַריין די שרייבער, איז שוין קיי־און־שפּיי. עס קומען אויך אַמאָל אַריין אין קאַפע די רעדאַקטאָרן פון די טעגלעכע צייטונגען מיט זייערע חשובע מיטבאַגלייטער. זיי זיצן געווינלעך אָפּגעזונדערט אין אַ ווינקל ווי זיי וואָלטן מיט דעם דיכטער־געזינדל זיך נישט אָנגעקערט. זיי רעדן נישט וועגן ליטעראַטור. אַ רע־דאַקטאָר טוט אַמאָל אַ קערעווע זיין בליק אַן אַ זייט און דער בליק

זאָגט: וואָס טומלען זיי די האַלעדריגעס? וואָס בויען זיי שלעסער אין דער לופטן? ווער פאַרשטייט זיי, די דעקאַדענטן? — — ווער דאַרף זייער פּאָעזיע?

פון דעסטוועגן האָט שוין ניעזשינער, דער גרעסטער „דעקאַדענט" צווישן די יונגע שרייבער, אָנגעהויבן דרוקן זיינע לידער אין דער גרעס־טער טעגלעכער צייטונג, כאָטש געקראָגן האָט ער דערפאַר אַ שיבוש און געזעסן איז ער ווי פריער ביי דער מאַשין אין שאָפּ...

ווען ניעזשינער איז אַריין אין קאַפע, האָט משה שטיינמאַן זיך אויפ־געהויבן פון דעם רויך אַרום טישל און מיט זיין שטאָק אין דער האַנט, אים אַנטקעגן געגאַנגען. ער האָט באַלד אַרויסגעשטאַמלט:

— הערשעלע און שאַר זענען דאָ געווען. ערשט אַוועק. באַדאַרפט צוגיין אין דרוקעריי... ווען זיי וויסן, אַז איר וועט היינט אַהער קומען — — אַ... שאַר וויל אַדאָס ליד זאָל אַריין אין די „העפטן".

שטיינמאַן האָט צונויפגעלייגט ביידע הענט אויפן קעפּל פון זיין שטאָק און מיט נייגעריקייט פאַרקוקט ניעזשינערן אין פּנים. ניעזשינער האָט געביטן די טעמע און נאָך אידער זיי האָבן זיך צוגעזעצט צו אַ טישל, האָט שוין שטיינמאַן געשעפּטשעט אַ שורה פון זיינס אַן אַלט ליד... שטיינ־מאַנס שורות זענען ווי וואָרצלען פון אַלטע ביימער, וואָס פאַרבינדן זיך ערגעץ אונטער דער ערד... דאָ איז נישט שייך עפּעס צו ענדערן. מע מוז נעמען זיינע שורות אַזוי ווי זיי זענען, און ניעזשינער מיט זיינע קאַלעגן נעמען שטיינמאַנען אַזוי ווי ער איז. זיי דרוקן זיינע לידער אין זייערע העפטן און קוקן אויף אים ווי אויף אַ מין „פּרימיטיוו", וואָס האָט זיין אייגענעם ווערט...

צו זייער טישל איז צוגעקומען אַ יונגער דיכטער, וואָס האָט נאָך דער מאַמעס מילך אויף די ליפּן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַרום ניע־זשינערן און זיך באַלד פאַררויטלט. ס'איז געווען קלאָר, אַז ער וויל אָנ־הויבן לייענען זיינס אַ ליד, אָבער ער האָט נישט קיין מוט...

ניעזשינער האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר ווילט הערן אַ ליד וועגן ניו־יאָרק?

און ער האָט זיך צוגעבויגן צו די צווי און אָנגעהויבן לייענען שטיל און זינגעוודיק.

אַז ער האָט געענדיקט איז דער יונגער דיכטער געזעסן זייער שטיל. שטיינמאַן האָט נאָך אַ ווײַלע זיך ווי אויפגעוועקט פון שלאָף און כמעט אַ געשריי געטאָן?

— ווער נאָך קאָן ביי אונדז אַזוי שרייבן?!

דער יונגער דיכטער איז געוואָרן בלייך, די אויגן זיינע, טרויעריק: נו, איצט איז פאַרפאַלן. איצט וועט ער זיין ליד שוין נישט לייענען...

פון שטיינמאַנס אויסגעשריי האָט ניעזשינער זיך אַ קרום געטאָן. אים נעמט ער נישט ערנסט. אָפּט אָבער גלויבט ער עס אַליין... נאָר זייער אָפּט איז ער פאַרלוירן... זייער אָפּט איז ער אין צווייפל... דעמאָלט איז גוט צו האָבן אַרום זיך די גלויבער... זיי ראַטעווען אים פון זיין צווייפל... פון פאַרלוירנקייט...

אַרום ניעזשינערס טיש האָבן זיך געזאַמלט מערסטנס די אָנהייבער: דיכטערלעך, שרייבערלעך, מיט יונגע, פרומע פנימער, האָבן אים דאָ אַרומגערינגלט ווי חסידים זייער רבין און דאָ איז שוין ניעזשינער געווען גאָר אַן אַנדערער ווי דאָרט, אין שאָפּ... צו זיין פנים זענען געווען צוגע־שמידט אויגן, צו זיין וואָרט — אויערן. די צייט אַליין איז דאַכט זיך געבליבן שטיין מיט אַ צוגעשטעלט אויער צו דעם פשט אויף דער יונגער יידישער דיכטונג... די צוגעהאָרכטע פרומקייט האָט אין דעם ווינקל געהויערט ווי ביים רבינס טיש...

אין טיר פון קאַפע האָט זיך באַוויזן איטשעלע ליכטנשטיין. דורכן געדיכטן רויך האָט ער באַלד דערבליקט ניעזשינערס טיש און פאַר־קנייטשט דעם ווייסן שטערן. אַליין אַן „אייניקל", דאָס לעצטע „אייניקל" פון אַ קייט רבנים, האָט אים שטאַרק געררייצט די אַפּיקורסות בכלל און די פאַעטישע אפיקורסות בפרט... ער האָט אַ קרים געטאָן די דיקלעכע ליפּ און זיך פון דעסטוועגן געלאָזן צוגיין צום טיש מיט זיין שווערן, וויגנ־דיקן גאַנג.

משה שטיינמאַן האָט זיך אַ הייב געטאָן פון זיין שטול מיט אַן אויס־דרוק אויפן פנים ווי ער וואָלט אים עפּעס זייער וויכטיקס געהאָט צו זאָגן.

— וואָס איז? — האָט איטשעלע אַ פרעג געטאָן. — וועלכע אַקטריסע האָט דיך געלאָזן קושן איר האַנט? וואָס שפּילט טאָסקאַניני און וועלכער שרייבער גט זיך מיטן ווייב? זאָג עס מיר גיכער, מחמת כ׳האָב נישט קיין צייט...

שטיינמאַן איז געבליבן מיט אַן אָפן מויל שטום, אָן אַ וואָרט.

איטשעלע האָט זיך אַ דריי געטאָן צו ניעזשינערן:

— אפשר ווייסטו וווּ כ׳קאָן קויפן אַ לעבעדיקע הון, וואָס לייגט אייער? מיין ווייב איז צוריק געקומען פון דער דאַטשע און ספּאָליובען איר נישט מער די היגע אייער... איך זוך מיט ליכט אַ לעבעדיקע הון...

— — און איטשעלע האָט איבערגעריסן ניעזשינערס פּאָעטישן ערנסט און די פרומע איינגעהאָרכטקייט פון זיינע חסידים דאָביים טיש...

ניעזשינער האָט פאַררויכערט, געבלאָזן קייקעלעך רויך אַרויפצו. ער קאָן גוט איטשעלעס שפּיל. דאָס איז איטשעלע אויסן געווען אַראָפּפירן דעם שמועס אויף טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן... דאָס איז דאָך זיין שיטה, זיין וועג: פּאָעטן זאָלן נישט ווערן צו־פּאָעטיש... מ׳קאָן שמועסן פון קליינע זאַכן און אַריינבעמען אין אַ ליד דעם לאַנגווייל פון אַ פּראָסטן דינסטיק... נו, אויב איטשעלע וויל אויסשפּילן די לאַנגווייל אין זיינע לידער, איז דאָס זיין זאַך. ער, ניעזשינער, וועט מיט אים נישט מיטשפּילן. ער וועט אים ווייזן, אַז וועגן קלייניקייטן איז קיין סך נישטאָ וואָס צו שמועסן. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— דאַרפסט גאָרנישט האָבן קיין ליכט צו געפינען אַ לעבעדיקע הון... גיי נאָר צו אויף העסטער און ריווינגטאָן גאַסן, דאָרט פאַרקויפט מען לעבעדיקע הינער און זיי — לייגן אייער...

איטשעלע האָט נישט געענטפערט. ער האָט געמאַכט אַ פּנים ווי ער האָט שוין פאַרגעסן וואָס ער האָט דאָ פריער אים געפרעגט. ער האָט אַ ציי געטאָן שטיינמאַנען צו אַ דערבייאיקן טישל, אַ רוף געטאָן דעם קעלנער און באַשטעלט קאַווע מיט קוכן פאַר זיך און פאַר שטיינמאַנען.

שטיינמאַן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן.

— ער האָט שוין געטרונקען קאַווע. ער וויל נישט!

איטשעלע האָט אַ ווונק געטאָן צום קעלנער און יענער האָט תיכף צוגעבראַכט קאַווע מיט קוכן פאַרביידן.

שטיינמאַן איז געזעסן פאַרזונקען אין שווייגן גאַרנישט נאָך זיין טבע, און איטשעלען האָט שוין געגריזשעט די חרטה הלמאַי ער האָט אויף אַזאַ אופן אים באַגעגנט. אדרבא, ער האָט גאָר הנאה פונעם ביסל רכילות, וואָס שטיינמאַן טראָגט אים אונטער ביי יעדער באַגעגעניש. דאָס איז דאָך אייגנטלעך אַ טייל פון דעם טאָג־טעגלעכן לאַנגווייל... היינט פאַר וואָס האָט ער אים פאַרשעמט? פאַר וואָס איז ער פול מיט סתירות, הא? נו, אַזוי איז ער. אַ מענטש איז נישט פון איין שטיק געגאָסן. די סתירה מאַכט דעם מענטש לעבעדיק און אינטערעסאַנט...

מיט אַ מאָל האָט איטשעלע אויפגעהויבן זיינע אויגן, וואָס זענען איצט געווען מער פיאָלעט ווי בלוי, און האָט מיט גרענעצלאָזער געטריי־שאַפט אַריינגעבליקט שטיינמאַנען אין פנים. שטיינמאַן האָט מיט דער ברייטער האַנט געטריי אַרומגענומען דאָס טעפּעלע קאַווע. ער האָט אים שוין דאָס פריערדיקע מוחל געווען און זיינע ליפּן האָבן זיך אויפסניי צעבונדן.

— שאָר און הערשעלע זענען פריער דאָ געווען. שאָר האָט געלייענט אַדאָס ליד...

— כ׳ווייס. כ׳ווייס. ער האָט שוין פאַר מיר אויך געלייענט... כ׳וועל מיך נאָך דערמאָנען פון וואַנען דאָס ליד איז מיר אַזוי באַקאַנט... פאַר־שטייסט, אַן אַנהייבער מוז אומבאַדינגט קאָנען נישט קענען... זי קען צו גוט... שאָר, דער... זאָלסט מיר מוחל זיין... האָט פאַרגעסן, אַז ער איז אַליין אַ דיכטער. ער איז געוואָרן איר שמש...

— שאָר טרעפט זיך אָבער אין געהיים מיט דער דזשוליע.... דזשוליע האָט צוליב אים... — —

— איך ווייס, איך ווייס אַלץ... ס׳איז אויף אים אַ ביטערער רחמנות. ער וועט פאַלן אַ קרבן פון די ווייבער...

איטשעלע האָט געקייט דעם קוכן, אַרומגעלעקט זיך די ליפּן, גע־קנייטשט די נאָז, געפּאַלדעוועט דעם שטערן. פּלוצים האָט ער אַ רוף געטאָן צו ניעזשינערן:

— כ׳האָב מיך דערמאָנט: כ׳וויס שוין וועמען זי האָט נאָכגעמאַכט — — כ׳וועל עס דערווייזן...

אוודאי האָט ניעזשינער געוווּסט וועמען ער מיינט און דערביי געטראַכט, אַז אַדאַ וואָלט אַ סך געוווּנען ביי איטשעלען, ביי אים אַליין אויך, ווען זי קומט מיט ווינציקער געניטשאַפט, מיט ווינציקער קענען די מלאכה פון מאַכן לידער... אָבער זי קאָן פאַרט...

פּאַוואָליע האָט מרים געעפנט די טיר פון קאַפּע און אַריינגעשטעלט אירע נישט זיכערע טריט. ניעזשינער האָט זי תיכף דערזען, איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען און זי צוגעפירט צום טיש. שטיינמאַן האָט געקושט איר האַנט:

— איר זעט היינט אויס אַזוי בלייך, דורכזיכטיק, אַזוי איידל ווי פּאָרצעליי...

מרים האָט געטראַכט: זי איז אַפּנים געמאַכט פון אַ סך אַ שטאַרקערן שטאָף ווי פּאָרצעליי. ווען ער ווייסט ווי שווער זי האָט היינט געאַרבעט, וואָלט ער דאָס נישט געזאָגט.

ניעזשינער האָט צוגערוקט פאַר איר אַ שטול. נאָך נעכטן האָט ער זי געבעטן אַריינקוקן אין קאַפּע אַרום דער צייט... ס׳האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט דאָ זיין...

— אַך, נאָר אויף אַ ווײַלינקע. זי האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט זוכן מציאות... באַלד מוז זי גיין אַהיים.

—„וואָרום זינד די ראָזן זאָ בלאַס?" — האָט איטשעלע אָפּגעדעקלאַמירט. — פאַר וואָס זעסטו אויס אַזוי בלייך, מיידל?

— כ׳האָב היינט צעוואַשן אַלע פּאָדלאָגעס אין דער נייער וווינונג...

— האָט מרים געשמייכלט.

— צו וואָס האָסטו דעם גאַנצן עסק באַדאַרפט?... — האָט איטשעלע האַלב קאָקעטירט און האַלב זאָרגעוודיק געקוקט אויף איר און אויף ניעזשינערן...

— נו, גייען מיר. — האָט ניעזשינער זיך אויפגעהויבן פון טיש און מרים מיט אים.

3

ניעזשינער האָט פאַרדריקט איר האַנט אין זיין אָרעם. ס'איז געווען גוט אַזוי צו גיין.

— כ'וואָלט געקענט ווידער אַמאָל גיין איבער דער בריק כאָטש כ'בין שוין היינט איין מאָל געגאַנגען. אָבער דו זעסט אויס בלייך, מיד, די גאַנצע ברוינקייט פונעם זומער איז פון דיר אַראָפּ...

— יאָ, כ'בין אַ ביסל מיד. געוואַשן די פענצטער, די פּאָדלאָגעס אין דער נייער וווינונג... כ'בין אַרומגעגאַנגען זוכן מציאות אויך. כ'האָב דיר דאָ היינט געקויפט אַ שרייבטיש, זייער אַ פּשוטן.

— פאַר מיר? ס'קאָן נישט זיין! — און ער איז אַ ווילע געבליבן שטיל, און באַלד זיך אַ כאַפּ געטאָן — אוי ווי... כ'בין עפּעס ווי דער־שראָקן פאַר אַ שרייבטיש... כ'וועל דאָך איצט מוזן שרייבן... אָנשרייבן די אַלע לידער וואָס כ'טראָג אַרום אין קאָפּ... — ער איז פּלוצים אַריינגעפאַלן אין אַ פריילעכקייט, — אפשר וועט מיך דער שרייבטיש צווינגען ווערן אַן אמתער שרייבער!...

— דזשוקאָ, דאַרפסט געלט? נאָר דעם אמת! כ'האָב געקראָגן אַ ביסל האָנאָראַר פאַר איבערזעצונגען. און מיין נישט, אַז כ'וואָלט נישט געקאָנט פאַרדינען מער אין שאָפּ, ווען כ'גיב זיך ווי געהעריק אָפּ מיט דער אַרבעט...

מרים האָט געשוויגן. זי ווייסט, אַז ער גנבעט שטיקלעך טעג פון שאָפּ כדי ער זאָל נישט אין גאַנצן פאַרשלונגען ווערן דאָרט... אָבער אַרבעטן מוז ער צוליב חנהן מיט די קינדער... איז מרים אויף אים אַן עקסטרע עול? זי וועט זיך באַמיען דאָס נישט זיין. זי וועט שטענדיק מוזן אַרבעטן. זי וועט קיין קינד מיט אים נישט האָבן. זי טאָר עס נישט.

זיי זענען אַריבערגעפאָרן די בריק און געשטאַנען אויפן ראָג ביים הויכן מויער.

— נו, דו אײַלסט זיך צו דינהלען, טאָ גיי, כ'וועל דאָ זיין צוריק אַזייגער ניין אין אָוונט. גוט? כ'וועל וואַרטן דאָ, ביים סטופּ.

— מיר וועלן צוזאַמען צוגיין אין דער וווינונג און איך וועל דיר ווייזן יעדעס ווינקל און ווו דיין שרייבטיש וועט שטיין.

ער האָט געטאָן אַ לופטיקן מאַך מיט דער האַנט, אַ מין קוש אין דער לופטן. עפּעס פריילעכס און עפּעס טרויעריקס איז געווען אין דעם ריטעם פון זיינע אַוועקגייענדיקע טריט.

מרים איז אַרויף די פיר גאָרן טרעפּ מיט צוויי פולע פּעק אין אירע אָרעמס. זי איז פריער געהאַט אַריין אין דערבייאיקן שפּייז־געוועלבל, איינ־געקויפט, אַז פריידלען זאָל גאָרנישט פעלן און זי זאָל נישט דאַרפן די לעצטע מינוט פאַרן מאָלצייט אַראָפּצולויפן עפּעס צוקויפן. זי האָט מיטן פוס, ווי זי טוט עס אין אַזאַ פאַל, געטאָן אַ קלאַפּ אין טיר און געוואַרט, אַז פריידל זאָל די מינוט עפענען.

פריידל האָט געעפנט די טיר, אָבער נאָר אויף אַ שפּעלטעלע און מרים האָט דערזען פריידלס צעטראָגענע אויגן.

— וואָס איז? וואָס איז געשען? וווּ איז דינהלע? — און מרים האָט אַ שפּאַר געטאָן די טיר מיט אימפּעט. זי איז אַריין און דערזען פאַר זיך אַ גאַנץ אומדערוואַרט בילד.

אין מיטן פון דער גרויסער קיך, וואָס דינט אויך ווי אַן עסצימער, איז געשטאַנען אַ קליינע, אַ פּולבוזעמדיקע פרוי מיט אַ צעפּלויגענעם קובליק. זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט אירע דריי קינדער איינער קלענער פאַרן אַנדערן. זיי האָבן זיך געטוליעט צו איר קלייד. דינהלע האָט פון אַ פאַרשטעקט ווינקל אַפּירגעקוקט אויף די קינדער און דאָ האָט מרים פּלוצעם דערזען שרהלען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן ווי זי וואָלט וועלן אויסמיידן מרימס בליק.

בליץ־שנעל האָט זיך אין מרימס מוח פאַרבונדן אַ מאָמענט אין סאַ־פּיס האָטעל מיט דעם איצט... מיט שרהלעס אַראָפּגעלאָזטע אויגן... עמעץ דאָרט אין האָטעל — אפשר סאָפּי אַליין, האָט אָפּגעזוכט חנהן, איז איר געקומען צוהילף, און איצט שטייט זי דאָ, חנה, און זי האָט נישט פאַר־פעלט מיטברענגען אויך דריי פון אירע קינדער...

חנה האָט איין בליק געטאָן אויף מרימס שטאַרק וויס־געוואָרן פּנים און אויסגערופן:

— אַט־דאָס־אָ, איז זי?!

און זי איז געבליבן שטיל ווי אָפּגעגנאַרט... ווי אַנטוישט...

די אַלטע חיה־שרה דאָרט, אויף איר אַלטן שטול, האָט אַ קרעכץ געטאָן. איר האַנט אויף דער קני האָט אַ ציטער געטאָן. פריידל, וואָס איז אַ ווילע פריער געשטאַנען ווי געליימט האָט איצט אַ כאַפּ געטאָן ביידע פּעק פון מרימס הענט און איר איינגערוימט שטיל: גיי אַריין אין צווייטן צימער: מ׳וועט זיך דאָ ספּראַווען אָן דיר.

מרים האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. דער ערשטער שאָק, וואָס האָט געבראַכט די טויטע ווייסקייט אין איר פּנים איז פאַריבער. איצט האָט זי געקוקט אויף חנהן אָן נייגיר. זי האָט געזען ווי אַ האָרשפּילקע האַלט אין אַרויספאַלן פון חנהס צעפלויגענע האָר; זי האָט געזען אַז אַ צאָן פעלט אין איר מויל; זי האָט געזען ווי די קינדער טוליען זיך אין איר קלייד; וואָס האָט עס מיט איר צו טאָן?

— גיב מיר אָפּ מיין מאַן! — האָט חנה אַ בראָך געטאָן איר קול און די טרוקענע, דיקלעכע ליפּן אירע האָבן זיך צעקרימט.

מרים האָט נישט אַ פינטל געטאָן מיט אַן אויג. אוממעגלעך, אין גאַנצן אוממעגלעך איז איר צו פאַרבינדן די פרוי, וואָס שטייט דאָ מיט די קינדער — מיט זיך — מיט אים... אומבאַגרייפלעך און פרעמד איז דאָס איר אַלץ... און דאָך... אָט האָט אַ קינד אויפגעהויבן די אויגעלעך — און — ער זייער טאַטע — זיין בליק — קוקט פון קינדס אויגעלעך אַרויס...

מרימען האָט אַ קלעם געטאָןביים האַרץ: ער איז זייערער. ער איז מיט זיי... ער מיט חנהן זענען ביידע דאָ אין יעדן קינד... אין יעדן קינ־דערשן בליק און זיי אַלע זענען איר פרעמד... ער אויך... איצט, אין דער רגע... וואָס האָט זי ביי זיי גענומען? וואָס קאָן זי זיי געבן? אָ, גאָט, ווי איר ווילט זיך מיט אַ מאָל נישט ווערן, אויסרינען — — —

— אַ לייטיש מענטש נעמט נישט אַוועק אַ מאַן פון אַ ווייב! אַ טאַטן פון קינדער! — האָט חנה געיאָמערט.

דער אַלטערס האַנט האָט שטאַרקער אַ ציטער געטאָן אויף איר קני.

— ליבע פרוי, גייט אַהיים געזונטערהייט. — האָבן דער אַלטערס ליפּן זיך געטרייסלט. — אפשר וועט אייער מאַן צו אייך צוריק קומען. ס׳איז נישט אין מיין קינדס האַנט, אַ ווייטיק איז מיר אַ גרויסער, אין

וואָס פאַר אַ בלאָטע ער האָט זי אַריינגעפירט... דאַכט זיך, אַזאַ שיינער מענטש... ווער קאָן דאָס אַריינקריכן אין דער פינצטערער נשמה פון אַ מענטשן? טאַטע פאָטער!

די טיר האָט זיך געעפנט און משה איז אַריין אין שטוב. (ס'איז די געווינלעכע צייט ווען ער קומט אַהיים פון דער אַרבעט). פריידל האָט אַ גיכן בליק געטאָן אויף מרימען: ווי זי זעט אויס! אַ שענערע לייגט מען אין קבר... זי האָט זי געטאָן אַ שטופּ אַריין אין דער אָפענער טיר פון פראָנט־צימער. מרים האָט זיך געלאָזן. זי האָט געוווּסט, אַז משה וועט דאָ באַלד אַרויסשיקן חנהן מיט די קינדער, און זי וויל דאָס נישט זען. זי איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צוגעדריקט צו דער פאַרמאַכטער טיר, זיך צוגעהאַלטן ביי די שלייפן; צוגעשלאָסן די וויעס און געוואָלט ערגעץ אַנטרינען און נישט ווערן.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט משה זיך אַרומגעקוקט איבערן צימער. — ווער איז די פרוי מיט די קינדער? — וואָס האָט זיך מרים באַהאַלטן?

— ז'ט זיך פון מיר שוין ניט אויסבאַהאַלטן די נפקא! זאָל זי מיר אָפּגעבן מיין מאַן! — און חנה האָט אַ קוק געטאָן אויף משהן מיט אַ פּנים, וואָס האָט זיך געבראָכן אין געבעט. — זאָל זי ערגעץ אַוועק אַז קיינער זאָל נישט וויסן אַוווּ זי איז אַהינגעקומען... — האָט חנה געטענהט און די אויגן זענען איר געוואָרן אַרויסגעבאָלט און פאַרלאָפן.

די אַלטע האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהייבן פון שטול, אָבער פּלוצים האָט זי געטאָן אַ פאַל אויף צוריק און פריידל איז צו איר צוגעלאָפן.

— שוויגער! וואָס איז אייך? משה, וואָס שטייסטו ווי אַ גלאָמפּ? שיק אַרויס די פרוי מיט די קינדער! שוויגער! מרים! — — —

מרים איז אַרויסגעלאָפן אויף די געשרייען. זי האָט באַלד געכאַפּט אַ קאַלט גלאָז וואַסער, אָפּגעגאָסן דער אַלטערס פּנים; געריבן די שלייפן, זי געמינטערט: מאַמע! מאַמע!! פריידל, לויף נאָכן דאָקטאָר!

משה איז געשטאַנען ווי געליימט. נישט געקענט זיך רירן פון אָרט.

ערשט ווען די אַלטע האָט געטאָן אַ קרעכץ, האָט זיך משה אַ ריר געטאָן פון זיין פאַרגליווערונג:

— גייט, גייט אייך געזונטערהייט — און ער האָט ברייט געעפנט די טיר.

די קינדער האָבן געקוקט אַרום זיך מיט טעמפּער אומפאַרשטענדע־ניש. ביי דער טיר האָט חנה געלאָזן פון זיך הערן:

— נישקשה, זי'ט זיך שוין פון מיר נישט קענען אויסבאַהאַלטן. כ'וועל זי טשאַטעווען. גאָט צו דאַנקען, ס'האָבן זיך אָפּגעפונען גוטע מענטשן וואָס נעמען זיך אָן פאַר מיר...

דינהלע האָט פון איר ווינקל צוגעזען מיט קאַמפּסלוסטיקע אויגעלעך וואָס דאָ קומט פאָר און נישט געוווּסט אויף קלאָר מיט וועלכן צד זי האַלט...

משה איז נאָכגעגאַנגען נאָך די אומגעבעטענע געסט און הינטער זיי פעסט פאַרמאַכט די טיר.

באַלד דערנאָך איז פריידל אַריין אין שטוב אַ פאַרסאָפּעטע. נאָך איר איז מיטגעקומען דער אַלטער דאָקטער. זיין שטיין־גרוי בערדל איז אים געגאַנגען פאַרויס. די אַלטע האָט פלוצים געעפנט די אויגן, זיך אַרום־געקוקט און אַרויסגעקרעכצט:

— קינדערלעך, נישט באַדאַרפט מטריח זיין דעם דאָקטער.

— רו׳יק, מוטערל, רו׳יק!

און דער דאָקטער האָט געעפנט דאָס קעסטעלע מיט די דאָקטער־מכשירים. ער האָט לאַנג געהאַלטן די טרובקע אויף די ביינער פון דער אַלטערס ברוסט, געציילט די קלעפּלעך פון איר דפק; אויפגעהויבן אַ פּאָר מענטשלעך־גוטע אויגן צו די אַרומיקע, וואָס זענען געשטאַנען מיט איינ־געהאַלטענעם אָטעם:

— זי וועט זיין גאַנץ. — האָט ער געמיטלעך אַ קלעפּל געטאָן משהן איבער דער פּלייצע — קיין געפאַר. נאָר אַן אַלט האַרץ... זאָל זי ליגן עטלעכע טעג און זי וועט ווידער זיין ווי אַ נייע...

—נו, גאָט צו דאַנקען! אַבי אָפּגעקומען מיט שרעק. — האָט פריידל געמורמלט און אַרויסבאַגלייט דעם דאָקטער פון טיר.

פון מרימס אויגן האָבן אַ שטראָם געטאָן די טרערן און זי האָט זיי אין דער גיך פאַרווישט מיט אירע הוילע הענט. משה האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פון דער זייט און ער האָט געוווּסט, אַז די טרערן אירע זענען סיי פון דערלייכטערונג פונעם דאָקטערס רייד, סיי פון אייגענעם ווייטיק און בזיון... ער, משה, איז דווקא געוואָרן אויפגעהייטערט. דעם דאָקטערס קלעפּל איבער זיין פּלייצע און זיין זאָג, אַז ס׳איז נישט דאָ קיין געפאַר, זי וועט זיין ווי אַ נייע... האָט דאָס פריערדיקע געמאַכט אויסזען קליין און נישט וויכטיק. ער האָט אַפילו נישט בדעה אויסצורעדן מרימען. ער האָט גאָר אויף איר איצט רחמנות... און אפשר איז עס צום גוטן...

שפּעטער, ווען די אַלטע האָט איינגענומען די רפואה און איינגע־דרימלט אויף איר אויסגעבעט בעט, און פון דער האַלב־אָפענער טיר פון איר קליין צימערל, האָט זיך געהערט איר ווילבאַקאַנטער און אָפטער קרעכץ, האָט זיך פריידל דערמאָנט, אַז משה איז אוודאי הונגעריק און זי האָט געגרייט צום טיש. געלייגט פאַרטראַכט די גאָפּל־לעפל, פּלוצים האָט זי אַרויסגעפּלאַצט:

— כ׳בין גאָרנישט אין כעס אויף אים וואָס ער האָט זי אַוועקגעוואָרפן... כ׳האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז ס׳זענען נאָך היינט דאָ אַזוינע ווייבער...

מרים האָט אויפגעהויבן די אויגן צו פריידלען מיט געבעט: רייד נישט דערוועגן. ביי זיך האָט מרים געפילט, אַז חנה מיט איר קומען אַהער, האָט דאָך עפּעס דערגרייכט: זי פילט, אַז זי וואָלט ביעזשינערן איצט נישט געקענט קוקן גלייך אין פּנים, ווי ער, צוזאַמען מיט חנהן און מיט די קינדער, וואָלט געוועזן איר שונא... אַ ווילד געפיל וועקט זיך איצט אין איר קעגן אים און זי קאָן איצט נישט טראַכטן, ווי זי האָט די לעצטע צייט געטראַכט, אַז אין דער וועלט פון תכלית איז ער אַליין ווי אַ קינד און פאַרלוירן... ניין, איצט טראַכט זי מיט אַ ווילד האַרץ און זי קאָן אים אויף סניי נישט מוחל זיין חנהן און די אַנדערע, ווי זי האָט עס נישט געקאָנט פון אָנפאַנג אָן און איר ווילט זיך אים ווי טאָן און זאָל ער ליידן ווי זי ליידט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען...

און בעת זי פילט און טראַכט אָט אַזוי אין גאַנצן קעגן אים ווייסט זי, אַז ער איז טאַקע יאָ אַ פאַרלוירענער אין דער וועלט פון תכלית

און חשבונות און אָט־אַזאַ דרייט ער זיך דאָ אַוודאי אונטן פאַרן הויז און ער וואַרט אויף איר... אָבער זי קאָן נישט אַראָפּגיין צו אים, סיי צוליב די שטוביקע, סיי צוליב זיך, מחמת חנה מיט די קינדער, וואָס זי האָט זי געזען און געהערט... שטייט איצט צווישן זייביידן... וועט אַלע מאָל שטיין צווישן זיי ביידן... פאַר וואָס האָט זי דאָס נישט געוווּסט פריער...

מרים האָט געלייגט דינהלען שלאָפן און אַליין זיך צוגעשפּאַרט אויף דער קאַנאַפּע אַ צונויפגעדרייטע. אונטער די צוגעמאַכטע וויעס האָט זי געזען אים שטיין אונטן ביים הויז אַן אומרויִקן, מיט אַ מאָל ווידער אַ־נישט־זיכערן וועגן איר... זי האָט אַ קלער געטאָן: אפשר פאָרט אַראָפּ־גיין צו אים ווען די שטוביקע וועלן איינשלאָפן? ער מוז דאָך וויסן וואָס דאָ איז געשען. ער וועט שוין אַליין דערפילן וואָס חנה האָט דאָ אויפ־געטאָן...

משה האָט ביי זיך אין צימער געריכערט דאָס לעצטע ציגאַרעטל פאַרן שלאָפן גיין. ער איז געזעסן מיט איין אויסגעטועטעם שוך און פאַרגעסן אויסטאָן דעם צווייטן; ער האָט עפּעס געטראַכט און באַלד פאַר־געסן וואָס... די געדאַנקען האָבן זיך אים אַוועקגעקייקלט מיטן רויך...

פריידל האָט זיך אַרומגעדרייט מיט שטילע טריט נישט אויפצוּוועקן דעם חולה. זי האָט אַ ציטער געטאָן ביי דעם קלאַפּ אין טיר און גע־עפנט אַ שפּאַרונקעלע — אַ יינגל איז דאָרט געשטאַנען מיט אַ צעטעלע אין דער האַנט פאַר מרימען. ער האָט געזאָגט: מען האָט אים געהייסן וואַרטן אויף ענטפער...

פריידל האָט שוין פאַרשטאַנען פון וועמען דאָס צעטעלע קומט. זי האָט מיט אומרו אַ בליק געטאָן צו דער האַלבאָפענער טיר פון חולה. פונקט דעמאָלט האָט זי דערהערט אַ שטילן צעצויגענעם קרעכץ. אין פריידלען האָט אַ ברען געטאָן דער כעס: מ׳עט מרימען דאַרפן צערייסן אויף שטיקער אויב זי וועט איצט אַראָפּגיין צו אים... זי וועט איר אין גאַנצן נישט אָפּגעבן דאָס צעטעלע. זי וועט שוין אַוועקשיקן דאָס יינגל. זאָל ער גיין!

אָבער פריידל האָט געטאָן דאָס פאַרקערטע, זי איז אַריין צו מרימען, זיך געבויגן איבער איר, זי אָנגערירט ביים אַקסל, און מרים איז אויפגע־

שפּרונגען מיט שרעק, געמיינט, אַז פרײדל וועקט זי צוליב דער מאַמע... פרײדל האָט אַרויפגעלייגט אַ פינגער זיך אויף די ליפּן, געשטעקט דאָס צעטעלע מרימען אין האַנט. מרים האָט געלייענט מיט צעלאָפּענע אויגן:

„—...וואָס איז געשען? ס׳איז שוין נאָך צען און איך וואַרט... כ׳קאָנ־טראָליר זיך שטאַרק נישט אַרויפצוגיין אויבן — ס׳האַרץ זאָגט מיר עפּעס נישט קיין גוטס... אויב דו קאָנסט נישט אַראָפּגיין, ענט־פער פאַר וואָס? וואָס איז געשען? זאָל איך וואַרטן? זאָל איך אפשר אַרויפגיין? אַז כ׳ווייס דאָך נישט וואָס צו טאָן — — איך בין אומרו:ק און פאַר עפּעס דערשראָקן...״

מרים האָט פון איר בײטל אַרויסבאַקומען אַ בלייפעדער, געשריבן האָט זי אויפן לינקן זייט פון זיין צעטעלע:

„... חנה איז דאָ געווען מיט די קינדער. כ׳האָב זי נאָך געטראָפן ביים צוריקקומען... צו דער מאַמען האָט מען געמוזט ברענגען אַ דאָקטער. זי ליגט איצט שלאָף. כ׳קאָן נישט אַראָפּגיין צו דיר און וואַרט נישט לענגער. אַלץ אין מיר איז איצט איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ און אַזוי ווי איך פיל איצט, קאָן איך דיך איבער־הויפּט נישט זען און כ׳ווייס נישט איצט ווען כ׳וועל פילן אַנדערש...״

פרײדל האָט נישט אויסגעהאַלטן און איז נאָכגעגאַנגען דעם ייִנגל אין גאַס אַראָפּ. די נייגעריקייט האָט זי געטראָגן. קיין מאָל האָט זי נאָך אים רעכט נישט געזען, אים, וואָס האָט דאָ יעדן איינעם אין שטוב אָנגעטיילט אַ פרעמדן כלאָפּאָט... איין מאָל האָט זי אים יאָ געזען גיין מיט מרימען, אָבער נאָר פון דער ווייטן...

איצט האָט אים פרײדל דערזען פון דער נאָענט. ער איז געשטאַנען ביים לאַמטערן קעגנאיבערן הויז. ער האָט געלייענט דאָס צעטעלע, דער־ביי אַרויפגעשאַרט דעם הוט העכער אויפן שטערן און ער איז באַלד גע־בליבן שטיין ווי אַ קויל וואָלט אים געטראָפן... מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די לאַצן פון זיין רעקל און פרײדל איז געוואָרן אַ פאַר־ציטערטע: ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט ער די לאַצן זיינע

אַראָפּרייסן... זי האָט געוואָלט זיך אַריינכאַפּן צוריק אין קאָרידאָר, אַרויפֿ־לויפן צוריק אין שטוב, אָבער זי איז געשטאַנען אַ צוגעשמידטע צום טרעפּל און זי האָט געזען, אַז ער האָט גאָר אָנגעהויבן שפּאַנען אַהין־און־אַהער זיך אָנהאַלטנדיק שטייף ביי אַין לאַץ ווי אַ טרינקענדיקער אַן אַ פּלאַנקע... ער האָט עפּעס געמורמלט אָדער געיאָמערט שטיל און ס׳האָט זיך פריידלען געדאַכט, אַז ער וועט שוין אַזוי שפּאַנען אָן אויפהער די גאַנצע נאַכט...

זי איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען אויפן טרעפּל ווי אַ דרויסנדיקע, אַ צופעליקע און איז צוריק אַרויף אויבן.

די גאַנצע נאַכט האָט אים פריידל געזען פאַר די אויגן, זיין הוט אַרויפגעשאַרט הויך אויפן שטערן; די האַנט פאַרשטייפט אויף דער לאַץ, שפּאַנען הין־און־הער אָן אויפהער...

צומאָרגנס האָט פריידל זיך מודה געווען פאַר מרימען:

— כ׳בין נעכטן אַראָפּגעגאַנגען און כ׳האָב אים געזען... כ׳האָב די נאַכט נישט צוגעטאָן מיט אַן אויג... כ׳וויס נישט פאַר וואָס דאָס האַרץ האָט אין מיר געציטערט פאַר אים — — ס׳זאָל אים עפּעס נישט געשען.. מאָדנע...

מרים האָט אָנגעקוקט פריידלען און געוווּסט, אַז פריידל האָט אים שוין אַלץ מוחל געווען מיט אַ ציטער אין האַרץ... געוווּסט, אַז ס׳איז אפשר גאָר נישטאָ דער מענטש, וואָס וועט אים נישט אַלץ מוחל זיין מיט אַ ציטער אין האַרץ... גאָר באַזונדער — די פרוי... זי, די פרוי, דערפילט די ערשטע, אַז ער אַליין איז דער קרבן פון זיין לעבן... דער־פילט זיין פּיין, וואָס איז פינצטער און טיף און שלאָגט דאָך פון זיך אַרויס אַ ליכט ביי וועלכן ס׳ווילט זיך וואַרעמען...

.4

די אַלטע איז אַראָפּ פון בעט, קוים דערטראָגן די ציטערדיקע קני צום אַלטן שטול און איז געבליבן זיצן דערשעפּט.

— זעסטו מיין קינד, מע טאָר זיך נישט נאָכגעבן מיטן ליגן אין בעט, מע פאַרלירט די כוחות... נו, אַ דאַנק גאָט דערפאַר. כ׳וועל נאָר זיצן אַ ביסעלע... אָט־אַזוי, צוביסלעך, בהדרגה... וואָס איז דער מענטש? — —

מרים האָט איבערגעשלאָגן די קישנס, איבערגעצויגן דאָס בעטגע־וואַנט. די אַלטע איז צוריק אַריין אין בעט און דערפילט די מחיהדיקע פרישקייט פונעם בעטגעוואַנט און אַ זיסע מידקייט אין די אברים. זי האָט געקוקט אויף מרימען מיט צערטלעכקייט און מיט עפּעס ווי רחמנות אין די אַלטע אויגן. מאָדנע וואָס אויך משה און אויך פריידל האָבן אויף איר אַזוי געקוקט די לעצטע עטלעכע טעג, וואָס זי איז נישט אַראָפּ אין גאָס. ווי זאָל זי דאָס טייטשן? איז דאָס טאַקע זייער בלויזער רחמנות, וואָס זי, מרים, איז אַריין אין אַ קלעם? אָדער האָט זיך ביי זיי ווידער דערוועקט די האָפענונג, אַז אַלץ קען נאָך גוט ווערן צווישן איר און דודן?...

מרים איז געשטאַנען ביים פענצטער און אַראָפּגעקוקט אין גאָס. זי האָט געטראַכט, אַז נאָך אַ טאָג אָדער צוויי און די מאַמע וועט זי מער נישט באַדאַרפן. גענוג געוואַלגערט זיך דאָ מיט דינהלען. זי מוז די טעג זיך אַריינציען אין דער נייער וווינונג. און ער? ווו איז ער איצט? ער האָט נישט מער אַרויפגעשיקט קיין צעטעלעך צו איר... איז דאָס דער סוף? — — — וועט ער זי אויסמיידן פון איצט אָן כדי נישט אָנוואַרפן אויף איר די שווערקייט פון זיין לעבן?

און די פאַנטאַזיע האָט זי אַ טראָג געטאָן עטלעכע יאָר אין פאָרויס: זי גייט אויף אַ שטילער גאַס און ער קומט איר אַנטקעגן שמייכלענדיק נאָענט און — אַ ביסעלע פאַרפרעמדט... זיינע אויגן פאַרבויגן זיך און זאָגן: „נו, ביסט געוועזן צו שוואַך... האָסט נישט געקענט מיטטראָגן מיט מיר דעם צער פון מיין לעבן... פאַרפאַלן. האָסט נישט געקענט...״

מרים טוט זיך אַ טרייסל: גלאַט פאַנטאַזיעס... די וואָר איז עפּעס אַנדערש. די וואָר מעקט אָפּ וואָס די פאַנטאַזיע מאָלט... קיין יאָרן זענען נאָך נישט אַוועק. בלויז טעג... און מאָדנע, דער סם וואָס חנה האָט איבער־געלאָזן אין איר האַרץ האָט זיך שוין באַלד אויסגעוועפּט... דער שאָק פון זען חנהן מיט די קינדער, די קינדער, אין וועמענס אויגעלעך ס׳בלאָנדזשעט אום זייער פאָטערס בליק — איז ווי אַן אויסגעשריי זיך צעפלויגן אין דער לופטן, אָדער איז געבליבן ליגן שטיל און פאַרשטיקט אין איר און זי טראָגט עס שוין ווי אַן אייגענע ווונד... מאָדנע, וואָס יעדע נייע ווונד

דורך אים, דערוויטערט זי פון אים בלויז אויף אַ קליינער ווילע און דערנאָך בינדט עס זי נאָך שטאַרקער צו אים... צי האָט מען נישט שטאַרקער ליב דווקא דעם, וואָס פאַרשאַפט אַ סך פּיַין ?... וואָס טוט ער איצט ? אפשר ליגט ער ערגעץ קראַנק ? אָ, זי ווייסט דאָך ווי ער קען זיך פּייניקן... וואָס זאָל זי טאָן ? — — —

פלוצים זענען דוד מיט דינהלען אַריין אין שטוב. דוד האָט געהאַט גענומען דינהלען זיך דורכפאָרן אין זיין קאַר. ער וואָלט דאָס קינד, ווי ער טוט עס אָפט, נאָר צוגעפירט צום הויז און געלאָזן זי אַליין אַרויפגיין אין שטוב. אָבער ער האָט באַדאַרפט זען מרימען, איר זאָגן, אַז ס'זענען נאָר פאַרבליבן וועלכע צוויי וואָכן ביז ער גיט אויף די וווינונג אין גאַנצן. איז אויב זי וויל האָבן דינהלעס זאַכן מוז זי דאָס איצט באַזאָרגן. ער איז אַ מענטש, וואָס ביי אים גייט אַלץ מיט אַ טאָלק, מיט אַן אָרדענונג: ווען נעמט זי צו דינהלעס זאַכן ?

זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך אין פראָנט־צימער הינטער אַ צוגע־מאַכטער טיר, און דוד האָט ווידער דערמאָנט וועגן גט און, אַז אַלץ וואָס זי באַדאַרף טאָן, איז נישט ווייזן זיך אין געריכט און — דער גט איז גילטיק... יאָ, ער האָט באַגעגנט אַ פיין מיידל און ער טראַכט אין גיכן חתונה האָבן. וועגן דינהלען ? — זי קען זיין רויִק. דאָרט ווו ס'געווענדט זיך אין אים, וועט דינהלען קיין זאַך נישט פעלן. צי האָט זי עפּעס פאַר זיך צו פאַרלאַנגען ?

— ניין. נאָר פאַרן קינד. ער זאָל האַלטן זיין צוזאָג: פאַרזאָרגן דינה־לען ביז זי וועט ווערן אַ מענטש.

— אַוודאַי, וואָס הייסט! איז זי אומרויִק וועגן דעם ?

— ניין.

און דאָך האָט מרים געפילט, אַז זי רעדט נישט מיט דעם זעלביקן דודן... די אָפּגעלאָפענע צייט האָט אים פאַרענדערט: ער איז געוואָרן שטרענגער אין זיין האַלטונג און זיין אויסזען — עפּעס אַזוי ווי וועלט־לעכער מיט נייער דערפאַרונג...

גוט וואָס ער האָט חתונה. האָט זיך מרים געזאָגט. מיט זיין חתונה האָבן, מער נאָך ווי מיט דעם גט, וועט זיך אָפּשליסן דאָס קאַפּיטל דוד,

און די משפּחה אירע וועט אויפהערן צו האָפן... כאָטש דערווייל האָפן זיי נאָך און פון מלכהן, איר עלטערער שוועסטער, וואָס וווינט אין אַ ווייטער שטאָט אין דער וועסט, ווו איר מאַן האָט אַ קייט שפּייז־געוועלבן, איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַז זי קלייבט זיך די טעג קומען קיין ניו־יאָרק... מיינען מיינט דאָס, אַז זי קלייבט זיך אַ נעם טאָן צו איר קלענערער שוועסטערל... מלכה... די רעדלפירערקע אין דער משפּחה, ווייסט נישט, אַז זי האָט פאַרשפּעטיקט... ווען זי ווייסט וואָלט זי אפשר איינגעשפּאָרט די ווייטע נסיעה אירע...

זייטיק ווי דוד איז אַריין אין שטוב, איז ער אַרויס. מרים איז נאָך דעם זעלביקן טאָג אַראָפּ אין גאַס באַזאָרגן עמעצן, וואָס זאָל אַריבערפירן דינגהלעס זאַכן אין איר נייער וווינונג.

צומאָרגנס האָט זיך מרים אַרומגעדרייט איבער די צימערן פון איר אַמאָליקער פאַרלאָזטער וווינונג. זי האָט אָנגעבונדן צעטעלעך מיט איר נייעם אַדרעס אויף די זאַכן, וואָס זי וויל מיטנעמען. אויף אַלץ איז דאָ געלעגן אַ דיקער שטויב און פאַרוואָרלאָזטקייט ווי אין אַ הויז פון וועלכער מע האָט לאַנג צוריק אַרויסגעטראָגן אַ טויטן און קיינער געדענקט נישט מער די שטוביקע זאַכן... די מיסעס שטיין, ווייסט מרים, איז דורכגעגאַנגען אַן אָפּעראַציע אויף די גאַלשטיינער נאָך מיט וואָכן צוריק און איצט געפינט זי זיך ערגעץ אין אַ דערהאָלונגס־אַנשטאַלט. קיין וווּנדער נישט, טראַכט זי, וואָס דוד איילט זיך חתונה האָבן. דאָ איז מאָדנע אומהיימלעך...

מרים איז געבליבן שטיין ביים קליינעם שרייבטישל. דאָס איינציקע שטיקל מעבל, וואָס זי קאָן זאָגן, אַז ס׳איז אירס, מחמת איר אַמאָליקע חברטע האָט עס איר געשאָנקען צו איר חתונה... זאָל זי דאָס מיטנעמען? דאָס דאָזיקע שרייבטישל האָט זי געהאַט אין זינען אַוועקשענקען ניעזשינערן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין טישל אין זיין צימערל.. ווי פאַרהוילן און ווייט ס׳איז פון איר דעמאָלט געווען דאָס איצטיקע... פאַרהוילן איז פון איר איצט אויך דער שפּעטער... ס׳שרעקט זי די באָדנלאָזיקייט אירע, אָבער זי קאָן זיך שוין מער נישט אָפּשטעלן. אַזוי מוז דאָס גיין און גיין.

זי האָט דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. יאָ, דאָס זענען די צוויי ברייט־פּלייציקע פּורלייט, וואָס זי האָט באַשטעלט אַריבערצופירן די זאַכן. זיי האָבן, נישט פאַרלירנדיק קיין רגע, גענומען טראָגן די זאַכן פון שטוב אַרויס און דערביי געלאָזן די טיר צום קאָרידאָר ברייט צעעפנט. שכנהס זענען פאַרבייגעגאַנגען און האָבן אַריינגעבליקט אין דער אָפענער טיר. מרים האָט אויסגעמיטן זייער בליק. אין פּנים איז איר אָבער פּלוצים אַרויפגעשטיגן אַ הייסקייט. זי האָט זיך געשעמט פאַר דער אָפנקייט פון דער טיר... פאַר די צוויי טרעגער, ווי זיי וואָלטן געוווסט, אַז דאָס וואָס זי טוט האָט איצט מער נישט קיין זין... אַז זי איז ווי אַ בלאַט אויפן וואַסער...

די צוויי מענער זענען שוין אַוועק מיט די זאַכן. מרים האָט אין דער גיך פאַרמאַכט די טיר, געהערט ווי דער שלאָס גיט זיך אַ פאַרהאַק קאַלט און האַרט און זי איז אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ נישט אומקוקנדיק זיך אויפן הויז...

זי האָט זיך געאײַלט, זי באַדאַרף טעלעפאָנירן דער פרוי גינזבערג, יענע זאָל דערלויבן אַרויפטראָגן די זאַכן. זי וועט די לייט נישט דער־יאָגן. דינהלע איז שוין אוודאַי צוריק געקומען פון דער שולע און זי מוז גאָר זיין דאָרט מיט איר, וואָרעם פריידל איז איצט פאַרנומען מיט דער מאַמע.

ביי דעם אַלעמען האָט מרים זיך באַמיט ווייזן אַ רויִק פּנים איינגע־האַלטן ווי אַ שטיל וואַסער...

.5

היינט אָוונט מוז זי ברענגען אין אָרדענונג די נייע וווינונג, האָט זיך מרים געזאָגט, מאָרגן זאָל שוין דינהלע שלאָפן אין איר אייגן בעט. און ווען מלכה וועט זיך געבן אַ טראַג אַן אַהער פון דער ווייטער וועסט — וועט זי מיט דינהלען ביי משהן אין שטוב מער נישט זיין. זי זעט שוין ווי מלכה שטעלט זיך אַוועק אין דער ברייט, מיט די הענט אויף די באַקעס און אירע צוויי גוידערס גיבן זיך אַ טרייסל: סטייטש! ווי האָט די משפּחה דערלאָזן אַז מרים זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך!

מלכה, די שטענדיקע דעה־זאָגערקע אין דער משפּחה וועט מוזן איינזען, אַז דאָס מאָל איז זי געקומען צו־שפּעט... די מאַמע וועט פּרוּוון אויסמיידן צו רעדן וועגן דעם, און משה וועט בלייבן ביים דרייען זיין וואַנצעלע אויפן פינגער...

מיט אַ מאָל איז מרימען איינגעפאַלן, אַז אפשר זאָל זי מיטנעמען די מאַמע מיט זיך אין איר נייער וווינונג, ווי באַלד ער, גיעזשינער, איז פאַרשוווּנדן פון איר לעבן — אַזוי זעט עס דאָך אויס צו זיין... וועט די מאַמע אַריינברענגען דאָס ביסל וואַרעמקייט אין שטוב און ס'וועט זיין ווי אַמאָל, אין די קינדער־יאָרן, אין די פריע מיידל־יאָרן... אַוווּ זי איז נישט געווען, האָט זי הנאה געהאַט צוריק צו קומען צו דער מאַמען אין שטוב. מער פון אַלץ האָט זי ליב געהאַט די פרייטיק־צו־נאַכטן, ווען די מאַמע האָט אַריינגעפירט דעם שבת־קודש... די שבת־ליכט האָבן געציטערט איבער דער אויפגערוימטער שטוב, איבער דער צוגעדעקטער חלה מיט דעם ווייסן סערוועטל... ס'האָט געשמעקט מיט פרישגעבאַקענע קיכלעך, צימערינג און מיט אַלע שבתדיקע מאכלים. די שטוביקע זענען אַרומגעגאַנגען מיט שבתדיקע, פאַראיידלטע טריט.

באַלד האָט זיך מרים ווי אויסגעניכטערט פון אירע געדאַנקען און געמוזט לאַכן פון זיך אַליין, פון דעם ווילדן איינפאַל אירן. די מאַמע וועט מיט איר נישט וווינען. זי איז דאָך ביי איר די טריפה טאָכטער... אָפּגערוקט איז זי פון דער מאַמע אויף דורות. כאָטש די מאַמע איז קלוג און שוויגט מיט אַ סך איינזעעניש פאַר איר, ווייסט זי דען נישט, אַז מלכה, משה און פריידל זענען איר נעענטער... זיי לעבן אין איר וועלט, פירן זיך מער־וויניקער נאָך איר שטייגער. די מאַמע איז שלאָף אויך. זי טראַכט אומזין. זי כאַפּט זיך אָן ווי אַ טרינקענדיקער אין אַ שטרוי...

מרים איז געגאַנגען גיך ווי אַנגעטריבן פון אירע אייגענע געדאַנקען. וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צו איר ציל, אַלץ פאַוואָליער זענען געוואָרן אירע טריט. אָט איז די ברייטע, שטילע גאָס, באַציטערט מיט דעם שיין פון נאַכט־לאַמטערנס. די צוויי רייען נידעריקע הייזער פון ברוינעם שטיין באָדן זיך אין שאָטן. די גאָס איז שטיל און עפּעס ווי געהיימנישפול זעט אויס יעדעס איינצל הויז מיט די אַראָפּגעלאָזטע אינעווייניקסטע לאָדנס...

אַנטקעגן, אויפן טראָטואַר, גייט אַ מאַן. זיין שאָטן איז לאַנג, איבערגע־בויגן — איז דאָס ער? — ניין, ס׳איז נישט ער. פאַר וואָס האָט זי אַזוינע אויסדוכטעניש?...

זי איז שטיין געבליבן ביי דעם הויז מיט די צוויי שטיינערטע לייבן ביים אַריינגאַנג, מיט די קלעטערנדיקע פלאַנצן, וואָס ציען זיך אַרויף ביזן דאַך. פון אַן אָפענעם פענצטער האָבן זיך אַרויסגעהערט קלאַוויר־טענער ווי שטילע ווערטער. קומען די קלאַנגען טאַקע פון דעם הויז?

זי האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן טרעפל ביי דער דרויסנדיקער טיר ווי זי וואָלט אויף עמעצן געוואַרט. ווידער זענען אָנגעלאָפן די קלאַנגען. יאָ עמיץ שפילט אין דעם הויז. ווער שפילט דאָרט? אַבֿראַם גינז־בערג? אידאַ גינזבערג? צי אפשר האָבן זיי געסט און עמעץ פון די געסט האָט אַהער געבראַכט שאָפּענס אַ נאַכט־תפילה?

אַ ווײַלע האָט זי זיך נישט גערירט פון אָרט. שאָפּענס נאַכט־תפילה האָט זי דאָ פאַרהאַלטן אויפן טרעפל. און באַלד איז געוואָרן שטיל, און דער שליסל אין איר האַנט, מיט אַ קליינעם קרעכץ, האָט געעפנט די דרויסנדיקע טיר און — פּלוצים, מיט דעם פרישן אָנגעלאָף פון פינגער איבער ווייסע ביינדלעך פון קלאַוויר איז איר געוואָרן קלאָר, — אַז ע ר, ניעזשינער, איז דאָ, דאָ... זי האָט דאָך אים געהאַט געגעבן אַ שליסל — אַז אַט פונקט ווי זי, האָט ער מיט דעם שליסל געעפנט אָט די טיר...

די טעפּיך־באַשלאָגענע טרעפּלעך האָבן איינגעזאַפּט אירע טריט. זי האָט אַליין נישט געהערט ווי זי גייט, נאָר זי איז ווי אויף די פּיאַנאָ־קלאַנגען אַרויף צום לעצטן גאָרן. דאָ האָט זי געעפנט די טיר צו איר וווינונג. אַ ווייסע לבנה איז געהאָנגען אין די שויבן־פענצטער. זי האָט געקענט אַ דריק טאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל און מאַכן ליכטיק. אָבער זי האָט עס נישט געטאָן. זי האָט געקענט זען די פּעק, וואָס זי האָט היינט אַריבערגעשיקט דאָ ליגן אָנגעוואָרפן אויפן דיל. זי האָט זיך דורכגעשאַרט דורך די פּעק צום פראָנטצימער. דאָרט אַהין האָט דאָס לבנה־ליכט היינט נישט דערגרייכט. דאָס עלעקטרישע לעמפּל אין דער לוסטרע האָט זיך נישט אָנגע־צונדן ביים דריקן פון קנעפּל. ס׳איז דאָרט אַפּנים קיין לעמפּל נישט געווען. אָבער דורך די הויכע פענצטער־שויבן פאַלן אַריין בלייכע פּאַסן ליכט פון

גאַס־לאָמטערן און נאָך אַ ווייל ווערט ליכטיקער די פינצטערניש פון צימער, און מרים הייבט אָן דערקענען די קאָנטורן פון זאַכן: אָט איז דער שרייב־טיש... זיינער... און — אָט דאָ, אויפן שרייבטיש, טאַפּט זי אָן אַ פּעקל ציגאַרעטן... ס׳טוט איר אַ קלאַפּ אין האַרץ: ער איז דאָ... וויאַזוי האָט זי גאָר געקענט מיינען, אַז ער איז פאַרשוווּנדן פון איר לעבן? ווייסט זי דען נישט, אַז דער גורל האָט זיי בײדן פאַרבונדן און ס׳איז פאַרפאַלן. פאַר־פאַלן. ס׳וועט נישט העלפן איר אַנטלויפן, איר באַהאַלטן זיך, ער האָט עס איר וויפל מאָל געזאָגט.

מרים שטייט אין פינצטערן צימער און ציט אין זיך אַריין דעם איבערגעבלעבענעם ריח פון טוטין. איר האַרץ קלאַפּט האַסטיקער, אירע אויגן בויערן דורך, נישטערן אַדורך די ווינקלען פון צימער און שטעלן זיך אָפּ אויף איין פונקט — דאָ איז ער... איצט זעט זי אים ליגן צענויפ־געקנוילט אויפן דיל — אַ פּאַק הויט און ביין — אַ פּאַק צווישן איר געפּעק...

שטיל רופן אירע ליפּן, ווי זיי וואָלטן געצערטלט זיין נאָמען. ער ענטפערט נישט. אָט איז זי אַרום אים, זי קניט אַראָפּ צום דיל. איר האַנט רירט אָן זיינע קנאָכיקע אַקסלען — זיין שטערן — זיינע באַקן — זיין מויל. דאָס מויל זיינס גיט אַ ציטער. אויף אירע פינגער פילט זי אַ פייכ־טע קלעפּיקייט. איז עס בלוט? — — — איז ער קראַנק? — — — האָט ער פיבער? האָט זיך אים ווידער אָפּגערופן די פאַרהיילטע טובער־קולאָז — — גאָט מיינער, וואָס וועט פון אים ווערן — — —

זי פירט ווידער מיט איר האַנט איבער זיין שטערן, זיינע באַקן — זיינע ליפּן, — די ליפּן זיינע גיבן אַ וויבריר ווי אַן אָנגערירטע סטרונע און זיי פאַלן צו מויל צו מויל, ביין צו ביין, הייזעריקע קלאַנגען רייסן זיך אַרויס פון זייערע העלדזער. איבער די נאָך נישט באַוווינטע צימערן טראָגט זיך פונאַנדער דאָס דיקע געוויין פון אַ מאַן, — דאָס דינע געוויין פון אַ פרוי. די געוויינען האַלדזן זיך, קושן זיך, פלעכטן זיך איינער אין אַנדערן און — ס׳ווערט שטיל.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ערגעץ ווו, אויף ווייסע, ציטעריקע קלאַוויר־ביינדלעך שפּילט דער יונגער, טובערקולאָזער שאָפּען...

| | | | |
|---|---|---|---|
| קאַפּיטל | 1 | . . . . זייט | 7 |
| ״ | 2 | . . . . ״ | 19 |
| ״ | 3 | . . . . ״ | 34 |
| ״ | 4 | . . . . ״ | 45 |
| ״ | 5 | . . . . ״ | 55 |
| ״ | 6 | . . . . ״ | 69 |
| ״ | 7 | . . . . ״ | 81 |
| ״ | 8 | . . . . ״ | 92 |
| ״ | 9 | . . . . ״ | 110 |
| ״ | 10 | . . . . ״ | 120 |
| ״ | 11 | . . . . ״ | 134 |
| ״ | 12 | . . . . ״ | 144 |
| ״ | 13 | . . . . ״ | 160 |
| ״ | 14 | . . . . ״ | 182 |
| ״ | 15 | . . . . ״ | 197 |
| ״ | 16 | . . . . ״ | 208 |
| ״ | 17 | . . . . ״ | 224 |
| ״ | 18 | . . . . ״ | 230 |